# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Khesbn no. 67-68 - Spring 1972 - Journal

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/7nc95227

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 67-68(1)

### Author

Admin, LAYCC

### Publication Date

1972

### Copyright Information

Copyright 1972 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

**67-68**

פרילינג תשל״ב

SPRING-1972

ארויסגעגעבן פון:

**לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז**

# אינהאַלט


רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב: עם וספר—יידן און ספרים — 3
מ. חסיד: צוויי לידער — 7
יוסף לעפּטוויטש: ווידער צווישן יידן אין פּוילן — 8
משה שקליאַר: לידער — 15
בנימין הערצאָג: אוי, ווי שווער ס'איז געוועזן צו זיין אַ „גוי" — 16
ישראל אב־מנחם: די אַלוועלטלעכקייט פון יידישקייט — 18
א. לוריא: לידער — 30


## אונדזערע אבידות


א. גאָלאָמב: י. י. שוואַרץ ז"ל — 31
יצחק קאָלער: לזכר יעקב גלאַטשטיין ז"ל — 34
סאָניע אַמאַן: מיין פאָטער ז"ל (ליד) — 41
ז. בונין: לייזער און מרים מעלצער ע"ה — 42
" " מיין פאָטער אפרים יצחק ע"ה — 43
אפרים יצחק בונין: לידער — 44
יאַנקל פרידמאַן: קאַליפאָרניער מיניאַטורן — 47


## ביכער און שרייבערס


זלמן שלאָסער: א. גאָלאָמבס עליה צו די הייכן פון יידישן גייסט — 55
זאב סאליס: אברהם גולומב—עיונים ביהדות זממנו — 61
אריה פאָזי: ה. לייוויקס „אין די טעג פון איוב" — 64
רעדאַקציע „חשבון": צו אונדזער בעל־יובל שלמה צוקערמאַן — 80
רחל דייטש: שלמה צוקערמאַן (צו זיין 75־יאָריקן יובל) — 79
אלימלך דייטש: צו שלמה צוקערמאַן מיינע ברכות — 80
אברהם שניידער: נייע פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב — 82




# דער ציוניסטישער אַרבעטער פֿאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

**8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048**
**Telephone: 938-3823**



## HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*
A. POSY, *Editor*
S. BUNYAN, Secretary
7327 El Manor Ave. — Los Angeles, Calif. 90045 — Tel 776-1956
H. BERMAN, Administrator-Treasurer
1942 Pelhom Ave. — Los Angeles, Calif. 90025 — Tel. 270-3058
SIMA KARP, Financial Secretary
1753 N. Van Ness Ave., Los Angeles, Calif. 90028 • 467-7021 or 465-9941

**Subscripton price: $5.00 per year**





# חשבון

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס, מיטרעדאַקטאָר
ז. בוניק, סעקרעטאַר

העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער־קאַסירער
סימאַ קאַרפּ, פינ. סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנט

26טער יאָרגאַנג, נומער 67־68 * פרילינג תשל"ב * לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב

## עַם וספר — יידן און ספרים

גענזען האָב איך יידישע ווערטער ווי פּייערלעך קליינע,
ווי פּייערלעך קליינע,
ווי פונקען געצויגן פון פינצטערן אַרץ.
געפילט האָב איך יידישע ווערטער, ווי טייבעלעך ריינע,
ווי טייבעלעך ריינע,
די טייבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין האַרץ.

משה קולבאַק, הי"ד

אין דער יידישער ביבליאָטעק־אָפּטיילונג פון קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט שטייען אויסגעשטעלט אויף פּאָליצעס אין לאַנגע שורות איבער הונדערט טויזנט ספרים. אַ טייל זיינען שוין אָפּגעריבן, אָפּגענוצט, אין פאַרגעלטע טאָוולען — אַנדערע ספרים זיינען נאָך אָבער ציכטיק, שפּאָגל־נייַ. זיי שטייען אַלע מאַיעסטעטיש אין זייער שטומער שווייגעניש. אין דער ביבליאָטעק הערט מען ניט קיין פּיפּס, ניט קיין שאָרך.

דער פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג, אַ ייד אַ תלמיד חכם, וואָס איז גאָר שטאַרק פאַרליבט אין אָט די אַלע ספרים, פירט אונדז אַרום איבער דער ביבליאָטעק. פון צייט צו צייט שטעלט ער זיך אָפּ. מיט צערטלעכקייט נעמט ער אַראָפּ פון אַ פּאָליצע אַ באַנד, מיט ציטערדיקע הענט עפנט ער עס אויף, בלעטערט, און בעת מעשה דערציילט ער אונדז מיט פרייד די געשיכטע פונעם ספר. „אָט אָ דער יחסן", ווייזט ער אונדז מיטן פינגער, „איז געדרוקט אין 15טן יאָרהונדערט." דערנאָך גייט אַוועק אַ לאַנגע געשיכטע ווי אַזוי ער האָט זיך דערוווסט וועגן דעם דאָזיקן יקר־המציאות, און ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען דאָס איינצוהאַנדלען. פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך אין ווייטע מדינות האָט ער צונויפגעזאַמלט די דאָזיקע אוצרות, געבראַכט זיי אַהער פון זייער וואָגלעניש און זיי איינגעאָרדנט דאָ אונטער איין דאַך.

* * *

ווי ס'איז דאָס מזל פונעם ייד אין דער פרעמד, ווען זיינע קינדער ווערן היינט פון אים אָפּגעריסן, אָפּגעפרעמדט, און גייען אין אַנדערע דרכים — האָבן אויך אַזאַ מזל זיינע ספרים. שטייען זיי עלנט, פאַרגעסן און פאַרלאָזן. ווען די ספרים וואָלטן געקענט ריידן וואָלטן זיי דערציילט פון בעסערע פאַר זיי צייטן, ווען זיי זיינען ניט געווען אַזוי פאַריתומט. זיי וואָלטן אונדז דערציילט, אַז זיי זיינען הונדערטער יאָרן געווען די גייסטיקע היים פון יעדן ייד; אַז אין זיי, אין די דאָזיקע אַלטע ספרים, איז צונויפגעזאַמלט אַן אַלטע קולטור פון אַן אַלט און גייסטיק אַריסטאָקראַטיש פאָלק.

אַוועק זיינען די צייטן ווען יידן האָבן געפילט יידישע ווערטער ווי טייבעלעך ריינע און יידישע ווערטער האָבן ווי פּייערלעך קליינע געפינקלט און ליכטיקער געמאַכט די פינצטערע גלותן.

ייד און ספר איז געווען אומצעטיילבאַר. איינס האָט דערגאַנצט דאָס צווייטע. אָט ווי די געשטאַלט פון שאַגאַלס גרינעם ייד וואָס איז אַרומגענומען מיט אותיות, ווי ער וואָלט אַריסגעוואַקסן פון די אותיות.

האָט דער ייד געוואַנדערט אין זיינע אומענדלעך־לאַנגע גלותן איז דער ספר מיט אים מיטגעגאַנגען און מיטגעטיילט דעם זעלבן גורל.

דער יידישער גייסט האָט זיך במשך פון צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר אַנטפּלעקט אינעם יידישן וואָרט. איבער צוויי מיט אַ האַלב טויזנט יאָר זיינען מיר געווען דער עם הספר. וויפל פרייד און וויפל טרויער האָט פאַרבונדן דעם ייד מיט זיינע ספרים. האָט מען אים געיאָגט, געטריבן, געברענט — האָט מען דאָס זעלבע געטאָן צו זיינע געטרייע טייערע פריינד, זיינע ספרים. יידן האָבן געקענט מפקיר זיין זייער גאַנץ פאַרמעגן, זיי האָבן אָבער תמיד געראַטעוועט זייערע ספרים. פאַרן כבוד פון אַ הייליקן ספר האָט אַ ייד געקענט גיין אויף קידוש השם. צעריסענע, אָפּגעריבענע בלעטער־שמות זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן מיט ליבע, און מיט יראת הכבוד געבראַכט געוואָרן צו קבורה. איז אַ ספר אַראָפּגעפאַלן, האָט מען עס פאַרזיכטיק אויפגעהויבן און אַ קוש געטאָן.

די שענסטע צירונג אין אַ יידיש הויז איז געווען דאָס ספרים־שענקל, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט געקליבענע, באַליבטע ספרים. מען האָט די ספרים געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און זיי איבערגעגעבן בירושה פון טאַטעס צו קינדער. און איבערגעגעבן האָט מען די הייליקע ירושה מיט אַן אָנזאָג און וואָרנונג צו די קינדער ווי צו היטן און ווי אַזוי אַכטונג צו געבן אויף די ספרים, ווי זיי איינצובינדן, ווי זיי צוצודעקן בעת אַ רעגן און ווי זיי צו ראַטעווען בעת אַ שׂרפה. ס'איז רירנד די צוואה פון רבי יהודה אבן תיבון צו זיין זון ר' שמואלן, ווי אַזוי אָפּצוהיטן די ספרים, וואָס זיין טאַטע לאָזט אים בירושה.

„מיין זון“, שרייבט דער אַלטער טאַטע, „זאָלן ביכער זיין דיינע חברים, און די אַלמערס פון ספרים — דיינע סעדער און גערטנער... דו זאָלסט יעדן חודש איבערציילן דיינע העברעישע ביכער, אַלע צוויי חדשים די אַראַבישע. דיינע ביכער דאַרפן שטיין אין בעסטער אָרדענונג... אין יעדן אַלמער באַזונדער דאַרף ליגן אַ רייסטער פון אַלע ספרים וואָס געפינען זיך אין אים... פאַרהענג די אַלמערס מיט פיינע פאָרהענגלעך, היט אָפּ עס זאָל אין זיי קיין וואַסער ניט אַריינרינען. זע אויך, אַז די ספרים זאָלן ניט פאַרדאַרבן קיין עכברים און אַנדערע מזיקים. די ספרים זיינען דאָך דיין בעסטער אוצר.“

(פון „צוואת רבי יהודה“, צינבערג).

* * *

ספרים זיינען אויך געווען פאַרבונדן מיט אַ סך גליק און פרייד. די שמחה פון טאַטע־מאַמע ווען מען האָט דאָס קינד געפירט דאָס ערשטע מאָל אין חדר, כדי צו לערנען תורה, ווייל „תורה איז די בעסטע סחורה“. אָט ווי מאַרק וואַרשאַווסקי האָט געזונגען מיט איבער זעכציק יאָר צוריק, „דער אלף־בית“ און דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיטגעזונגען:

... איר וועט, קינדער, עלטער ווערן
וועט איר אַליין פאַרשטיין,
וויפל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפל געוויין;

אַז איר וועט קינדער דעם גלות שלעפּן
אויסגעמוטשעט זיין,
זאָלט איר פון די אותיות כוח שעפּן,
קוקן אין זיי אַריין.

* * *

כ'האָב ערגעץ געלייענט, אַז אין בבל איז געווען אַ מנהג אַנטקעגן צו טאַנצן חתן־כלה מיט אַן אָפענעם ספר. גאָר אַ געהויבענער מחותן איז דער ספר געווען אויף אַלע יידישע שמחות. די פרייד פון חתן־בחור ווען מען האָט אים אַריינגעשריבן אין די תנאים, ווי אַ מתנה, דעם ש״ס און עס אים צוגעטראָגן ווי דרשה־געשאַנק צו דער חתונה. דער יום־טוב און די סעודה ביים סיום פון אַ מסכתא. און ווער רעדט נאָך וועגן דער פרייד ביים פאַרענדיקן לייענען די תורה.

אין זיין ליד „שמחת תורה“ זינגט וואַרשאַווסקי:

שמחת תורה — פון גאָט אַ מתנה —
זאָל אונדז הייליק זיין,
אפילו די שטערן מיט דער לבנה
זיינען געגאַנגען טרינקען וויין.

* * * * *



אין דער שטילקייט און האַלב־טונקלקייט פון דער ריזיקער ביבליאָטעק, אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל ספרים, האָב איך געהאַט אַ געפיל ווי כ'וואָלט געווען איינגעהילט אין אוראַלטע סודות. פון וויטן אַמאָל, פון דער פריער יוגנט האָבן גענומען אויפטויכן וויזיעס פון לאַנג־געלערנטן און שוין לאַנג פאַרגעסענעם.

פלוצלונג האָט אַ בליץ געטאָן אין מוח די סצענע ווי מען ברענגט דעם תנא חנינא בן תרדיון, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. און פונקט ווי אַ מאָל, איז אויך איצט די איבערלעבונג געווען דערשיטערנדיק און גלייכצייטיק אַזוי דערהויבן. דער גרייז־גרויער תנא איז אויפן שייטערהויפן איינגעהילט אין פייער־צונגען. אויף זיין האַרץ ליגט דאָס נאַסע וואָל, וואָס דער תליון האָט אַרויפגעלייגט, כדי די גסיסה זאָל זיך ציען וואָס לענגער. מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ קוקט דער אַלטער תנא שטאָלץ צו די הימל־הייכן. זיינע דערשראָקענע תלמידים קוקן זיך צו מיט גרויל און שטאַמלענדיק פרעגן זיי: רבי!.. רבי... וואָס זעסטו דאָרטן אויבן?“ עס דערהערן זיך שטילע, געלאַסענע ווערטער פון תנא. איך זע... איך זע... אותיות פורחות . . . “

דער זכרון מאַכט ווידער אַ קפיצת הדרך, ער הי פט איבער ביי אַ קאַרגע צוועלף הונדערט יאָר. פון רוים איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבן. ווי אַ פּראָזשעקטאָר פון אַ פילם־טאַשמע וואָס פאַלט אויף אַן עקראַן, אַנטפּלעקט זיך פלוצים אין מיין זכרון אַן אַנדער בילד, אַן אַנדער סצענע: ס'איז גאָר פאַריז 1242. איך זע ווידער שייטערהויפנס, ווידער פלאַמען־צונגען. אָבער איצט ברענען טויזנטער און טויזנטער גמרות. אין 24 אָנגעפּאַקטע וועגענער האָבן זיי, אונדזערע שונאים, געבראַכט קיין פאַריז צו זייער אומקום. מען האָט די דאָזיקע גמרות אויפגעקליבן פון אַלע ווינקעלעך אין פראַנקרייך.

און עס דוכט זיך מיר ווי איך זע אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, ווי עס הייבן זיך אַרויס פון די שייטערהויפנס ברענענדיקע, פלאַם־פייערדיקע אותיות, זיי הייבן זיך אַרויף, אַרויף, און פאַרשווינדן ערגעץ אין אומבאַקאַנטן אין־סוף. מיינע אויגן באַמערקן אויך ביים פייער דעם ווילדן, צערייצטן און צעיושעטן המון, וואָס פאַרכלינעט זיך פון פרייד און — אַ מחנה אומגליקלעכע, צונויפגעטריבענע יידן רייסן קריעה. פון איין צד — סאַדיסטישע הנאה, הוראַ־געשרייען און אַ בראַוואָ־פּאַטשעריי געמישט פון צווייטן צד מיט אַ יאָמערדיקן געוויין און האַרץ־רייסנדיקע יללות.

* * * * *

ייד און ספר — די זעלבע יחסנים אין לעבן און טויט. כראָניקעס דערציילן און קינות באַוויינען די רדיפות און מיתות משונות פון דעם ייד און זיין ספר. ספרים וואָס זיינען געהייליקט געוואָרן מיטן פאַרשפּריצטן בלוט פון אומשולדיקע יידישע קרבנות, בעת זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע פאַרפּייניקטע נשמות; און יידן וואָס זיינען געהייליקט געוואָרן, ווייל זייער בלוט איז איבערגעבליבן ווי אַ זכר לדורות אויף די בלוט־באַפלעקטע הייליקע ספרים.

דאָס איז ניט קיין בונד צווישן איינצלנע יחידים און זייערע ספרים — דאָס האָט אַ גאַנץ פאָלק געשלאָסן אַ הייליקן בונד און געשוווירן אייביקע טרייקייט צו זיינע ספרים. דאָס איז דאָך דער זינען פון „עם הספר“. דאָס איינציקע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע וואָס איז זוכה געווען געקרוינט צו ווערן מיט אַזאַ געהויבענעם טיטל. עם ישראל האָט עס אָבער כשר פאַרדינט.

ניט־יידישע שרייבער שטעלן תמיד אין צענטער פון זייער שרייבן דעם יחיד, מיט זיינע פּערזענלעכע, אינדיווידועלע פּראָבלעמען. יידישע מחברים שטעלן אָבער אַוועק תמיד אין צענטער פון זייער שרייבן דאָס גאַנצע פאָלק. ביי יידישע פּאָעטן, פּראָזאַיקער, אָדער עסייאיסטן שפּיגלט זיך תמיד אָפּ דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין געראַנגל, אין זיין זאָרג פאַר זיין קיום און המשך, אין זיין גאָט־זוכעניש, אין זיין ווילן דערגיין די פאַרבאָרגענע סודות פון אין־סוף, אין זיין טרויער און אין זיין פרייד...

בעת ביי אַנדערע פעלקער איז דאָס געשריבענע וואָרט דערגאַנגען נאָר צו געציילטע יחידים — האָט ביי אונדז אַ גאַנץ פאָלק זיך אויסגעלעבט איבער צוויי טויזנט יאָר אין זיינע העברעישע ספרים

און שפּעטער אויך אין זיין יידישער ליטעראַטור.

* * * * *

און אַזוי שלענגלט זיך אַ לאַנגער דערנער־וועג און עס וויקלט זיך אַ צוויי טויזנט־יאָריקע מאַרטירער־געשיכטע פון אַ פאָלק און זיינע ספרים. האָט מען מיט איבער זיבן הונדערט יאָר געברענט גמרות אין פּאַריז, האָט מען זיי אויך שפּעטער געברענט אין בערלין. און וויפל ספרים זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין לעצטן חורבן אין מזרח און מערב אייראָפּע? ?

און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן מיט וואָס פאַר אַ מסירת נפש יונגע יידן האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אין ווילנע און וואַרשע, און ווו ניט... און געראַטעוועט פון רוצחישע הענט יידישן כתב־ידן און זיי באַגראָבן אין דער ערד, כדי ס'זאָל בלייבן אַ זכר פאַר שפּעטערדיקע דורות.

אסתר ראָזנטאַל־שניידערמאַן באַשרייבט אין „די גאָלדענע קייט" (69־70) וועגן דעם באַבי יאַר פון יידישע ביכער אין רוסלאַנד, אין די שפּעטע פופציקער יאָרן. פונקט ווי עס רוען צענדליקער טויזנטער פון אונדזערע קדושים וטהורים אין דעם מאַסן־קבר פון באַבי יאַר, לעבן קיעוו, פונקט אַזוי פוילן — טויזנטער און טויזנטער יידישע ביכער אין קאַטאַקאָמבעס און היילן. די רוסישע רעגירונג האָט געהאַט דעם כבוד און די זכיה דורכצופירן די נאָבעלע אַרבעט, און יידישע קאָמוניסטן איבער דער וועלט מעגן ווייטער שפּרינגען קדוש.

אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן האָבן די נאַציס, ימח שמם, אויסגענוצט פון די אומגליקלעכע קרבנות זייערע האָר, זייער הויט און זייער פעטס. די רוסן האָבן אויסגענוצט די ביכער און ספרים פון זייערע יידישע קרבנות און געוויקלט אין דעם שמאַלץ־הערינג און אַנדערע אַרטיקלען. אין פראַנקרייך האָט מען אין 1242 געפירט די צונויפגעזאַמלטע גמרות צו די שייטער־הויפנס, קיין פּאַריז, און וועגענער געשפּאַנט אין פערד. אין רוסלאַנד האָט מען געטאָן די „נאָבעלע מלאכה" לויט די מאָדערנע צייטן און מעטאָדן. דאָרט האָט מען אין לאַסט־אויטאָמאָבילן געפירט די יידישע ביכער צו זייער אומקום.

* * * * *

ווען מען האָט פאַרברענט יידישע ספרים האָט מען מיט יידישע קינדער געלערנט אויסווייניק — אַלץ כדי דאָס יידישע פייער זאָל חלילה ניט אויסגעלאָשן ווערן. האָט עס ר' יחיאל, דער פּאַריזער, רב, געטאָן אין זיין צייט, בעת מען האָט פאַרברענט די גמרות אין 1242; האָבן עס אַנדערע געטאָן פאַר אים, נאָך אין די רוימישע צייטן; האָבן עס יידישע לערערס געטאָן אין די געטאָס בעת אונדזער לעצטן חורבן.

„מען יאָגט איבער חורבות אָן ברויט
און אָן פייער,
דאָס ברויט איז אַ בוך און דאָס ליכט
איז אַ בלייער.
פאַרזאַמלט די קינדער אין חרובער
דירה,
עס לערנט זיי ווייטער די לערערין
מירע."

(פון אַברהם סוצקעווערס פּאָעמע:
„די לערערין מירע, ווילנער געטאָ
1943).

דאָס זעלבע געשעט אויך איצט אין רוסלאַנד, ווו יידן לערנען יהדות און עברית אין געהיימע אולפּנים. מען לערנט אויסווייניק, ווייל ספרים זיינען שוין לאַנג ניט בנמצא, ספרים זיינען שטרענג פאַרבאָטן. ווער עס געדענקט אַ ביסל פון אַמאָל — גיט ער עס איבער אַנדערע וואָס ווייסן גאָרניט.

ייד און ספר זיינען סינאָנים. ייד און ספר איז אומצעטיילבאַר. איבער צוויי טויזנט יאָר זיינען אונדזערע ספרים געווען אונדזערע איינציקע כלי־זין, אונדזער גייסטיקע היים און אונדזער פאַנצער קעגן פרעמדע השפעות. פון אונדזערע ספרים האָבן מיר געשעפּט אונדזער גייסטיקן כוח און אונדזער אויסדויער. אַזוי לאַנג ווי ס'וועט אָנהאַלטן דער קשר צווישן ייד און זיין ספר, וועט נצח ישראל לא ישקר.



מ. חסיד / מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

# צוויי לידער

## אַ תפילה

אַ תפילה למרדכי
מיט אַ געבערום פון אַלע כלים:
— קראַנק איז אַ ייד אין מיר,
הייל אויס אים, גאָט,
גאָט הייל אים!

אַ ברעקלעניש האָט מיך צעברעקלט
צווישן כלל ישראל —
גוים זיינען אין מיין האַרץ אַריין
על דעת הקהל.

מיין תפילה ווערט קיין תפילה שוין ניט מער
און ניט די כלים.
געצן האָבן אויפגעלעבט
אין מיינע נעכט
און זינדיקן איך טו
מיט די בני־אלים.

אַ תפילה למרדכי,
אַ קראַנקע תפילה פון אַ לעצטן נאַר—
דער קאָפּ אין שטויב טיף איינגעהילט
מיט אַלטן צער.

## דאָס פּאָטשטקעסטל

אין דעם פאַרשטויבטן קעסטעלע
פון פּאָטשט,
ווו עס פלעגט אַמאָל אַ פּאָכע טאָן
דאָס פליגעלע פון גליק
און ציטערדיק אַראָפּלאָזן פאַרטאָג
אַ ידידי בריוועלע
אַריינגעשמוגלט
ווי דורך אייזנקראַטעס —
אין דעם פאַרמאַכטן קעסטעלע פון פּאָטשט
ליגט איצט די נודנעקייט אַליין
פאַרזשמורעט, ווי אַן אויג אַן אַלטס,
און חלומט נאָך פון דער
„סאַכאַרנע מאָראָזשענע"
וואָס ס'האָט פאַרצייטנס נאָך
געלעקט
אַ קינד.
נאָר — ווער, וואָס ווו —
שוין מער ניטאָ.

און שליסט זיך, אויף טשיקאַוועס, אויף
אָט סתם אַזוי דאָס קעסטעלע
אַ מאָל און נאָך אַ מאָל,
עס זשאַווערט עפּעס אינעם סקריפּ
פון דער זאַוויסע.
אַ פוילקייט טוט אַ געניץ,
טוט אַ שפּיי פאַרחלושט בייז:
געחלומט זיך, ווייזט אויס, אַ נאַכט
אַ וויסטע.
איבער די חושכדיקע ווינקעלעך אַרום
אַ טויב, אָן אַ קאָליר, טראָגט אום
אַ דוכטעניש,
אַ ווייס־איך־וואָס:
ס'וועט זיין, וועט זיין
אין ערגעץ־ווו
אין ערגעץ־ווען
אַ באַחרית הימימדיקער יוסטער שלום.
די האַנט, פאַרשעמט, טוט שלאַבערדיק
אַ טאַפּ:
אַ נבואה, צי אַ פּעטער חלום?
איז דאָס כאָטש דאָ?
ניטאָ.

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

# ווידער צווישן יידן אין פּוילן

(המשך פון „חשבון" נומער 65)

ארום דריי טויזנט יידן זיינען רעגיסטרירטע מיטגלידער אין דער רעליגיעזער קהילה אין פּוילן. טייל זיינען אויך מיטגלידער אין וועלטלעכער יידישער אָרגאַניזאַציע. אַ פּאַרטיי־קאַרט קומט צונוץ, אָבער אויך פּאַרטיי־מענטשן ווערן מיטגלידער פון דער רעליגיעזער קהילה, און מאַראַנען קומען צוריק. יאַקובאָוויץ, דער פון דער קראָקאָווער קהילה, האָט מיר דערציילט וועגן אַ מענטש וואָס ער קען אים 25 יאָר, און האָט קיין מאָל ניט געוווּסט אַז ער איז אַ ייד. איצט קומט ער אַלע שבת דאַוונען אין שול, און די גויאישע ווייב האָט זיך מגייר געווען. זייערע ביידע טעכטער ווילן ווערן יידן.

„ס'איז ניט לייכט מיט אונדז", האָט מיר געשריבן אַ ייד, וואָס איז אַ טוער אין דער קהילה, „מיין ערשטע פרוי און מיינע קינדער זיינען אומגעקומען אין חורבן. מ'האָט געזאָגט אַז יידן דאַרפן חתונה האָבן און שאַפן אַ נייעם דור. מיין צווייטע פרוי האָט אַ רעגירונגס־פּאָסטן. איך קריג מיין עמעריט־פּענסיע. מיר האָבן אַ טאָכטער פון 17 יאָר. אין מיין עלטער איז ניט מעגלעך אויסצוואַנדערן. די טאָכטער וויל ניט אַוועק אָן אונדז. מוזן מיר בלייבן. איך וואָלט אייך ניט דערציילט וועגן דעם אַלעם, נאָר איר האָט ביי מיר געפרעגט, און ס'איז לייכטער צו שרייבן ווי צו דערציילן."

איך בין דאָס מאָל ניט געווען אין זקנים־הויז. דער נייער פאַרוואַלטער האָט ניט שטאַרק געוואָלט איך זאָל קומען. נאָר איך האָב גערעדט אין שול, און ביי מיר אין האָטעל, מיט עטלעכע פון די אַלטע לייט דאָרט. איך האָב געקענט דאָס אַלטע זקנים־הויז אין לאָדזש. איך פלעג אַריינגיין אין דעם נייעם הויז בעת מ'האָט געהאַלטן עס אין בויען. איך בין דאָרט געווען ביי דער דערעפענונג און עטלעכע מאָל דערנאָך.

דאָס איז געווען ווען סאָלאָ פישגרונד האָט אויפגעפּאַסט אויפן זקנים־הויז, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיטן געלט פון דזשאָינט. איז אָבער פישגרונד אַוועק אין דער עמיגראַציע, און איז לעצטנס געשטאָרבן אין ישראל. „ס'איז היינט נישט מער פישגרונדס צייטן," האָט דער נייער פאַרוואַלטער מיר געזאָגט אויפן טעלעפאָן, פאַרענטפערנדיק זיך פאַרוואָס מיין וויזיט יענעם טאָג וואָלט געווען ניט באַקוועם. די אַלטע לייט פון זקנים־הויז מיט וועלכע איך האָב גערעדט, האָבן געהאַלטן אַז ער שעמט זיך צו ווייזן דאָס הויז פאַר יידן, ווייל די מייסטע מענטשן וואָס וווינען דאָרט איצט, זיינען נישט־יידן. אין דעם אַלטן זקנים־הויז אין לאָדזש זיינען אויך געווען עטלעכע נישט־יידישע אַלטע פרויען, וואָס האָבן בימי היטלער איינגעשטעלט זייער לעבן און באַהאַלטן ביי זיך יידן. אָבער היינט ווערט דאָס הויז אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג. שיקט די רעגירונג אַריין מער גויים. איינער פון די יידן דאָרט האָט מיר לעצטנס געשריבן : „גויים קומען איצט אַריין דאָ מער און מער, און יידן ווערן אַלץ ווייניקער. מיר האָבן דאָ איצט 130 גויים און 30 יידן."

אַ פּאָר טעג פאַר מיין פאָרן קיין פּוילן איז געווען אַ באַריכט אין אַ יידישער צייטונג, אַז די „פ ל ק ס ־ ש ט י מ ע," וואָס פלעגט אַרויסגיין פיר מאָל אין וואָך, גייט איצט אַרויס איין מאָל אין וואָך; גייט זיך אין גאַנצן אָפּשטעלן. די „פאָלקס־שטימע איז דער לעצטער קרבן פון פּוילנס אַנטי־יידישן קאַמף." און דערביי האָט די צייטונג דערקלערט, אַז דער גאַנצער טיראַזש איצט פון דער „פאָלקס־שטימע" איז ניט מער ווי 330. אַזוי אַז ס'לוינט זיך ניט זי זאָל ווייטער אַרויסגיין.

איך האָב די ידיעה אָנגענומען פאַר ריכטיק, ווייל טאַקע איז די פיר מאָל אַ וואָך „פאָלקס־שטימע" געוואָרן פאַרקלע־



נערט אויף אַ וואָכן־שריפט. אַחוץ דעם איז די וואַרשעווער ליטעראַרישער חודש־שריפט, „יידישע שריפטן", אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. און דער יידישער פאַרלאַג „יידיש בוך" עקזיסטירט נישט מער. ביידע רעדאַקטאָרן, הערש סמאָליאַר, פון דער „פאָלקס־שטימע", און דוד ספאַרד, פון „יידישע שריפטן" און פון „יידיש בוך", זיינען אַוועק אין דער עמיגראַציע, ביידע אין ישראל.

אָבער די „פאָלקס־שטימע" גייט ווייטער אַרויס ווי אַ וואָכן־צייטונג. און אין ביוראָ פון דער „פאָלקס־שטימע" האָט מען מיר געוויזן די רשימות פון די אַבאָנענטן, לויט וועלכע דער טיראַזש איז ניט 300, נאָר 3,000. ביי אַ יידישער באַפעלקערונג פון 12,000-10,000 איז דאָס אַ גוטער טיראַזש. ס'איז ניט דער „היינט" און ניט דער „מאָמענט", וואָס האָבן געהאַט הינטער זיך אַ לייענער־קרייז פון מיליאָנען. די „פאָלקס־שטימע" ווייסט דאָס. אין איינעם פון די לעצטע נומערן האָט זי געגעבן אַ באַריכט אַז אין ווענעזועלאַ זיינען דאָ 18,000 יידן, אַ סך מער ווי אין היינטיקן פּוילן. און מיט אַ טיראַזש פון 3,000 וואָלט די „פאָלקס־שטימע" ניט געקענט עקזיסטירן אָן אַ רעגירונגס־סובסידיע. די פּוילישע רעגירונג דעקט 80 פּראָצענט פון די „פאָלקס־שטימע" קאָסטן.

ס'איז אין ערגעץ ניט לייכט היינט אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג. אפילו גרויסע ענגלישע טאָג־צייטונגען פאַרמאַכן זיך. די וועלט־באַרימטע לאָנדאָנער „טיימס" פאַרלירט שיינע טויזנטער יעדעס יאָר. ווי נאָך אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, וווּ ס'קומט ניט אַריין קיין געלט פון גרויסע געשעפטס־אַנאָנסן. אַלע צייטונגען אין די סאָציאַליסטישע לענדער ווערן אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג. מסתמא האַלט די פּוילישע רעגירונג אַז די „פאָלקס־שטימע" פירט דורך אַ געוויסע שליחות פאַר איר, צווישן די עטלעכע טויזנט יידיש־לייענער אין פּוילן, און די אַבאָנענטן אין אויסלאַנד. אַגב, דאַרף מען ניט שטענדיק מעסטן אַז די השפעה פון אַ צייטונג ליגט אין איר טיראַזש. די גאָר וויכטיקע „פרייע אַרבעטער שטימע" אין ניו־יאָרק, וואָס דרוקט אויך ניט קיין „אַדווערטייזמענטס", גייט אָן איר טיראַזש ווי ניט מער פון טויזנט זיבן הונדערט (17 הונדערט) קאָפּיעס.

(אַגב, דאָס קען אויך צוגעמאָסטן ווערן צו „חשבון", וואָס זיין טיראַזש איז קליין, אָבער זיין השפעה איז גרויס — ניט נאָר אין לאָס אַנגעלעס, נייערט אויך אין אַנדערע שטעט און לענדער).

קען זיין אַז די פּוילישע רעגירונג וויל אַז דאָס רעשטל יידן וואָס זיינען פאַרבליבן אין פּוילן זאָלן האָבן אַ ביסל יידיש קולטור־לעבן, אַן אייגענע וואָכן־צייטונג, אַ יידיש טעאַטער, אַ יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט? אַז ס'קומט זיי? ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז גוט וואָס די „פאָלקס־שטימע" עקזיסטירט. גלאַטשטיין האָט אַ מאָל געשריבן אין ניו־יאָרקער „קעמפער" וועגן דער „פאָלקס־שטימע" אין וואַרשע, ווי אַ וויכטיקע קולטור־באַזע, נישט נאָר פאַר די יידן אין פּוילן. „די 'פאָלקס־שטימע'", האָט ער געשריבן, „איז אַ ברייטע טריבונע וואָס רעפלעקטירט דעם פאַרעקשנטן ווילן צו בויען לעבעדיקע יידישע קולטור אויף אַלע געביטן. עס זינגט דורך איר די ליבשאַפט צום יידישן לשון. אין יידיש לשון ווערט אַריינגעטאָן רעליגיעזע התלהבות. די פאָן פאַר די פאַרבענקטע יידישע שרייבערס איז — יידיש און ליבשאַפט צום יידישן לשון און אַ ווילן אויסצושטרעקן אַ וואַרעמע האַנט צו יידישע שרייבערס אומעטום."

שטענדיק ווען איך בין געווען אין וואַרשע פלעג איך אַריינגיין אין דעם הויז נאָוואָגראָדסקאַ נומער 5, וווּ ס'האָט זיך געפונען ניט נאָר די רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־שטימע", נאָר אויך דער יידישער קלוב, די ביוראָ פון יידישן סאָציאַל־פּאָליטישן פאַריין, די ביוראָ און סקלאַד פון פאַרלאַג „יידיש בוך", די ביבליאָטעק, די ביוראָ פון סאָלאָ פישגרונד, וואָס האָט דיספּאָנירט מיט די געלטער פון דזשאָינט, די ביוראָ פון אָרט. אַחוץ די קהילה און דעם טעאַטער — איז אַלץ דאָ געווען.

האָט מען אָנגעהויבן קלערן ווען די רעגירונג האָט געהייסן פאַרמאַכן דאָס הויז אין נאָוואָגראָדסקאַ, וואָס איז געווען טאַקע אַלט און צעפאַלן, אַז די אַלע יידישע טועכצן דאָרט וועלן זיך מוזן אָפּשטעלן. איז דאָרט אין נאָוואָגראָדסקאַ איצט אויפ־

געשטעלט אַ גרויסער נייער בנין, אַ רעגירונגס־הויז, אָבער גזשיבאָווסקי, האַרט נעבן קהילה הויז און די נאָזשיק שול, האָט די רעגירונג אויפגעבויט אַ שיין גרויס מאָדערן הויז, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצן בלאָק, וווּ ס'געפינט זיך די „פאָלקס־שטימע“ רעדאַקציע, דער יידישער קלוב און דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער.

דער נייער רעדאַקטאָר איז שמואל טענענבלאַט, אַ שיינער, אָנגענעמער יונגער מענטש, וואָס איז אַלט 37 יאָר, אָבער זעט אויס מיט צען יאָר יונגער. ער איז געווען אַ שילער אין דער שלום עליכם שול אין ווראָצלאַוו. היינט איז די שולע און אויך די פּרץ שולע פון לאָדזש פאַרמאַכט. ניטאָ די יידישע קינדער. דאָס ערשטע מאָל ווען איך בין געווען אין פּוילן, מיט 12-13 יאָר צוריק, זיינען די יידישע שולן געווען פול מיט קינדער. איך האָב באַזוכט די יידישע זומער־קאָלאָניעס. געווען הונדערטער יידישע קינדער דאָרט. היינט זיינען די געבליבענע יידישע קינדער צעוואָרפן און ווייניק, און ניטאָ מער דער דזשאָינט, וואָס האָט געגעבן די מיטלען.

שמואל טענענבלאַט איז נאָך דער שולע געבליבן צוגעבונדן צו דער יידישער קולטור־אַרבעט און דער יידישער יוגנט באַוועגונג, און די דעמאָלדיקע פינף יידישע שולן, ווראָצלאַוו, לאָדזש, ליגניץ, שטשעטשין און דזשערדזשאָנאָוו.

טענענבלאַט איז ניט סמאָליאַר, מיט זיין פאַרטיזאַנער און יידישער זשורנאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט, און ניט דוד ספאַרד, מיט זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער ער טוט אַ וויכטיקע אַרבעט און ער מאַכט אַ גוטן איינדרוק, און ער איז איבערגעגעבן צו דער קאָמוניסטישער ליניע און צו דעם איצטיקן רעזשים. מ'האָט מיר דערציילט, אַז זיין שיין, אינטעליגענט אויסזען האָט אַ מאָל באַוויגן אַ וויכטיקן אַמעריקאַנער יידישן טוער אַריבערצונעמען אים קיין אַמעריקע און אים אויסבילדן פאַר אַ פּאָסטן אין אַ גרויסער יידישער אָרגאַניזאַציע. אָבער דער יונגער טענענבלאַט האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן און איז געפאָרן צוריק אין קאָמוניסטישן פּוילן. פאַראַן אַזעלכעס ווי אַ קאָמוניסטישער מענטש...

איך האָב אָנגערירט מיט טענענבלאַט די פראַגע פון די אַרויסגעפאָרענע. „אונדזער שטעלונג צו די וואָס פאָרן אַרויס,“ האָט ער געענטפערט, „איז אַז דאָס איז אַ פערזענלעכע זאַך. אַזוי ווי ס'איז דאָ אַ פערזענלעכע זאַך פאַר די וואָס בלייבן.“ די פראַגע פון דער ווייטערער עקזיסטענץ פון אַ יידישן פּוילן איז געוואָרן ברייט אַרומדיסקוטירט ביי איינעם פון די לעצטע קאָנפערענצן פון די אָרטיקע קאָרעספּאָנדענטן פון דער צייטונג, פון די פאַרשיידענע פּראָווינץ־שטעט. איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער, מאַריאַן פוקס, וואָס איז היינט דער דירעקטאָר פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, האָט פאָרגעלייגט אַז דאָס בלאַט זאָל געבן מער אָרט פאַר פּאָלעמיק. „ניט שרעקן זיך צו באַהאַנדלען די אַרגומענטן פון יענע וואָס פאַרמינדערן דעם אָרט פון יידן אין היינטיקן פּוילישן לעבן.“ ס'איז אויך געווען אַ דיסקוסיע וועגן דעם צי די פּוילישע ביילאַגע זאָל ווערן פאַרגרעסערט, צוצוציען די יוגנט וואָס לעבט זיך אויס אויף פּויליש. זיינען דאָך אינעם פאַר־מלחמהדיקן פּוילן געווען יידישע צייטונגען אויף פּויליש: „נאַש פשעגלאַד“ און „כווילאַ“. אָבער טענענבלאַט האָט פעסט געהאַלטן אַז די „פאָלקס־שטימע“ מוז בלייבן אַ יידיש בלאַט אויף יידיש.

נאָר מיר איז די „פאָלקס־שטימע“ זייער אינטערעסאַנט. ניט נאָר זי ברענגט מיר נייעס וועגן לעבן פון די יידן אין פּוילן, נאָר זי אינפאָרמירט די יידן אין פּוילן וועגן דעם וואָס ס'קומט פאָר אין דער יידישער וועלט דרויסן. אַ מאָל טרעף איך דאָרט אַ ידיעה, וואָס איך האָב עס ניט געזען ווו אַנדערש. למשל, אַז ד"ר מייטליס אין לאָנדאָן איז געוואָרן אַ בן־שבעים; אַז ברוך פראַגער אין ישראל האָט באַקומען אַ ליטעראַרישע פּרעמיע; אַז שלמה ראָזענבערג איז ניו־יאָרק איז געוואָרן 75, מיט אַ לויב פאַר זיין „גלענצנדיקער איבערזעצונג אויף יידיש פון רעימאָנטס ‚פּויערים‘,“ און אַז חיהלע גרובער האָט געענדיקט אַ קאָנצערט־טור אין אַמעריקע און קאַנאַדע. ניט לאַנג צוריק איז אין דער „פאָלקס־שטימע“ געווען אַן אַרטיקל וועגן שלום אַש און זיין שטאָט קוטנאָ. האָב איך זיך דערפון דערוווּסט, אַז דער ייד



אייזיק, וואָס איז באַקאַנט איבער גאַנץ פּוילן ווי „דער רויזן־קעניג“, צוליב זיינע גרויסע רויזן־גערטנער, איז נאָך דאָ אין קוטנאָ. איך האָב די טעג געהאַט אין האַנט אַ בוך איבער קוטנאָ, איז דאָרט געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם מאַרק אין קוטנאָ אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. שטייען אויף דעם בילד דריי תליות און אויף זיי הענגען דריי יידן. גוט צו געדענקען!

איידער איך בין דאָס מאָל געפאָרן קיין פּוילן, האָב איך געלייענט אין פאַרשיידענע ערטער, אַז דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע, איז פאַרמאַכט געוואָרן, און די רעגירונג האָט די מאַטעריאַלן צעוואָרפן, צעטיילט אין די אָרטיקע אינסטיטוציעס — אַזוי די לאָדזשער מאַטעריאַלן ביים לאָדזשער שטאָטראַט, די קראַקאָווער אין קראַקאָווער שטאָטראַט, אַזוי אַז ס'איז ניטאָ מער דער גרויסער שרעקלעכער אַרכיוו פונעם יידישן חורבן, אַרום וועלכן מ'פירט דורך אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרש־אַרבעט, מיט וויכטיקע היסטאָרישע שריפטן געבויט אויף די דאָקומענטן. איך האָב גענומען גלייבן אַז ס'איז אמת, ווייל ס'קען אַ מאָל זיין רעכט אַז לאָקאַלע מאַטעריאַלן זאָלן זיך געפינען אין דעם געהעריקן אָרט. בער מאַרק, ווען ער איז געווען דער דירעקטאָר פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, האָט מיר אַ מאָל געשריבן וועגן מיינעם אַ געדרוקטן מאמר איבער מיין באַזוך אין קאָצק, אַז ער האָט עס איבערגעשיקט צום שטאָט־ראַט אין קאָצק. „זאָלן זיי וויסן אַז די יידישע וועלט — דורך אייער וואַרעמע פעדער — אינטערעסירט זיך מיט יעדן שפּור פון יידישער פאַרגאַנגענהייט אויף דער פּוילישער ערד.“

אָבער די באַריכטן זיינען געווען פאַלש. מאַריאַן פוקס, דער איצטיקער דירעקטאָר פון יידישן אינסטיטוט האָט מיר פאַרזיכערט אַז מ'האָט קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן צעוואַרפן די מאַטעריאַלן און פאַרמאַכן דעם אינסטיטוט. אָבער מ'האָט יאָ גערעדט אַ סך וועגן די שוועריקייטן אָנצופירן דעם אינסטיטוט, ניט האָבנדיק גענוג געשולטע פאָרש־אַרבעטער פאַר די מאַטעריאַלן. בער מאַרק איז געשטאָרבן, און עטלעכע פון זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער זיינען געשטאָרבן. אַנדערע זיינען אַוועק צוליב די געשעענישן וואָס האָבן געפירט צום לעצטן גירוש. אָבער דער אינסטיטוט אַרבעט. ווי ווייט איך האָב געקענט זען בעת איך בין דאָרט געווען איז דער אַרכיוו אין גאַנצן. דער חורבן־מוזיי איז ווי געווען. איך האָב גערעדט מיט פאַרשיידענע מיטאַרבעטער, צווישן זיי פרוי סאַנדעל, אַן אַלטע באַקאַנטע, די אַלמנה פון דעם קונסט־היסטאָריקער יוסף סאַנדעל, וואָס האָט געשריבן דאָס צווייבענדיק בוך „אומגעקומענע יידישן קינסטלער אין פּוילן.“ איך האָב געזען ווי זי אַרבעט איבער אַ ריזיקן מאַטעריאַל פון די צעשטערטע סינאַגאָגן אין פּוילן.

אַז מ'גייט אַרום אין דעם אינסטיטוט, איז ווי ס'וואָלט זיך קיין זאַך ניט געווען געענדערט. אויסערלעך איז עס ווי איך געדענק עס ווען בער מאַרק האָט געלעבט, נאָר וואָס ער אַליין איז ניטאָ. ער פעלט. ער איז געווען די נשמה פונעם אינסטיטוט. דער איבערגעגעבענער פאָרשער, דער ערנסטער יידישער היסטאָריקער, מיט זיין אומדערמידלעכער אַרבעט־לוסט, וואָס איז געזעסן ביי דער אַרבעט, נישט אָפּגעלאָזט אַפילו ווען ער איז געווען טויטקראַנק און בלינד, און מ'האָט אים געמוזט פאַרלייענען יעדע זאַך, און ער האָט דיקטירט, ניט געקענט מער אַליין שרייבן.

ביי מיר ליגן אַ סך בער מאַרקס בריוו. אָט פון די לעצטע: „איך בין כמעט בלינד און ניט פעיק צו דער אַרבעט. לאָמיר האָפן, אַז נישט נאָר מען וועט זיך זען, נאָר דער עיקר — איך זאָל אויך קענען זען.“ אין אַ צווייטן בריוו, געחתמעט פון אַ מיטאַרבעטער אין אינסטיטוט, י. גרינפעלד: „איך מוז אייך ליידער מיטטיילן, אַז אונדזער פריינד, פּראָפעסאָר ב. מאַרק, האָט געהאַט אַ בלוט־אויסגוס אויך אין צווייטן געזונטן אויג, און ער מוז ליגן צו בעט מיט פאַרבונדענע אויגן. ער קען נישט לייענען און נישט שרייבן. ער האָט מיך געבעטן אייך שרייבן. די פּאַריזער רייזע האָט שטאַרק פאַרערגערט זיין געזונט.“ די פּאַריזער רייזע איז געווען מיטצוהעלפן איינאָרדענען די גרויסע וואַרשעווער געטאָ אויסשטעלונג וואָס יצחק שניאורסאָן האָט אַראַנזשירט אין בנין פון

יידישן מעמאָריאַל אין פאַריז. ער איז געפאָרן קעגן דעם דאָקטאָרס עצה. ער איז אויפגעשטאַנען פון קראַנקן־בעט אין שפיטאָל כדי צו פאָרן. נישט לאַנג פאַרן פאָרן האָט ער מיר געשריבן: „צוקער, האַרץ, נירן, קראַנקע פיס און אויגן. נאָר איך וועל זיך נישט לאָזן, איך וועל בקרוב אויפשטיין.“ אַ צווייטע נסיעה וואָס ער האָט געחלומט וועגן דעם — קיין לאָנדאָן, צום בריטישן מוזיי און דעם באָדלעאָן און אָקספאָרד, האָט ער שוין ניט באַוויזן. איך האָב פאַר אים געקראָגן די ענגלישע וויזע. אָבער ער האָט שוין ניט געקענט. „איך האָב געמוזט אָפלייגן די וויזע אויף שפעטער,“ האָט ער מיר געשריבן, און דער שפעטער איז ניט געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ קוזינע אין לאָנדאָן. האָט ער געבעטן איך זאָל אים „אָנשרייבן גענוי וועגן געזונט־צושטאַנד פון מיין קוזינע, אָבער דעם גאַנצן אמת.“ און צוגעגעבן האָט ער מיר. „ווען איר וועט ווידער קומען קיין וואַרשע, בלייבט אויף אַ ביסל מער טעג, מען זאָל קענען מער פאַרברענגען צוזאַמען.“

איך האָב אויף מיין לעצטע רייזע איצט קיין פוילן געטראָפן דעם ייד, וועמען בער מאַרק פלעגט בלינדערהייט דיקטירן. ער האָט אָן אויפהער מיר דערציילט וואָס פאַר אַ ווונדערלעכער מענטש בער מאַרק איז געווען. ניטאָ קיין סך אַזעלכע ווי בער מאַרק. געווען אַ זעלטענער פאַל וואָס מאַרק איז געווען דאָרט אויפן אָרט איבערצונעמען די אַרבעט. ווען פיליפ פרידמאַן, וואָס האָט אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן דעם יידישן אינסטיטוט אין וואַרשע, איז אַרויסגעפאָרן קיין ניו־יאָרק (ווו ער איז געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק). איך האָב פרידמאַנען אויך געקענט, אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק. געאַרבעט צוזאַמען מיט אים. צוויי אַזעלכע מענטשן ווי פרידמאַן און מאַרק פאַרמאָגן מיר מער ניט. איך פאַרשטיי וואָס מאַריאַן פוקס מיינט ווען ער זאָגט אַז ס׳פעלן אין אינסטיטוט די ריכטיקע היסטאָרישע פאָרשערס.

מאַריאַן פוקס, דער איצטיקער דירעקטאָר פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, האָט מיר אָפן געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין פאַכמאַן אין יידישער היסטאָרישער פאָרשונג. מ׳האָט אים געגעבן אַ באַפעל אַז ער זאָל איבערנעמען די אָנפירונג, פאָלגט ער ווי אַ סאָלדאַט, טוט וואָס מ׳הייסט. ער איז אַ פאָלקאָווניק אין דער אַרמיי. זיין פאַך איז מוזיקאָלאָגיע. ער שרייבט אַ סך אויף דעם געביט אין דער „פאָלקס־שטימע“. ער פאַרנעמט דעם פאָסטן צייטווייליק, ביז מ׳וועט געפינען דעם פאַסנדיקן מענטש. ער דאַרף זען אַז די אַרבעט זאָל אָנגיין.

איך ווייס ניט וואָס ס׳איז געשען מיט דר. שמעון דאַטנער, וואָס איז געוואָרן דירעקטאָר נאָך בער מאַרקס טויט, אָבער איך ווייס פון די באַריכטן אין דער „פאָלקס־שטימע“, ווען מען האָט אים געפייערט צו זיין באַקומען דעם טיטל דאָצענט, אַז אויך דר. דאַטנער איז ניט קיין יידישער היסטאָריקער פון פאַך, נאָר איז געווען אַ פאָרשער אין אַנטראָפאָלאָגיע און פרעהיסטאָריע. איך ווייס אויך נישט ווו ס׳געפינט זיך איצט דר. אהרן אייזנבאַך, אַ וויכטיקער טוער אין אינטיטוט. רוטקאָווסקי איז אין פאַריז, ביים יידישן דאָקומענטן צענטער ביים מעמאָריאַל. ס׳קען ניט זיין גוט ווען אַזעלכע כוחות גייען אַוועק. מאַריאַן פוקס האָט מיר אָנגערופן עטלעכע נעמען פון מענטשן, וואָס קומען אין באַטראַכט איבערצונעמען די אַרבעט. אָבער מיט אַלע זיינען דאָ שוועריקייטן. למשל: פראָפעסאָר האָרן, אַ ייד וואָס איז פראָפעסאָר פון היסטאָריע אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אַ מענטש פון דעם שבט פון שמעון אַשכנזי, וואָס איז אויך געווען פראָפעסאָר פון היסטאָריע אין וואַרשע. איך האָב איצט געזען זיין קבר אין וואַרשעווער יידישן בית־עולם. איז די שוועריקייט וואָס פראָפ. האָרן איז אַ פוילישער היסטאָריקער, ניט קיין יידישער. און דערצו איז זיין איצטיקער פאָסטן אין דעם אוניווערסיטעט אַ העכערער ווי צו זיין דירעקטאָר פון יידישן אינסטיטוט.

די אַרבעט גייט אָן ווייטער, אָבער ניט מיט דעם טעמפאָ ווי ווען ס׳וואָלטן געווען מער געשולטע כוחות. ״מיר האָבן גענוג מענטשן פאַר דער אַרבעט״, האָט מאַריאַן פוקס געזאָגט. „ליגן קאַסטנס מיט דאָקומענטן ניט געעפנט.“ אָבער דער פראָבלעם איז ניט בלויז אין וואַרשעווער



יידישן אינסטיטוט. ניט־געעפנטע קאַסטנס מיט דאָקומענטן ליגן אויך אין אַנדערע אינסטיטוציעס יידישע און אַלגעמיינע איבעראַל. למשל, אין ייוואָ אין ניו־יאָרק, און אין לאָנדאָן איז איצט אַרויס אַ באַריכט, אַז די גרויסע ענגלישע מוזיי־זאַמלונגען ווערן ניט ריכטיק אָפגעהיט, ווייל „ס׳פעלן מענטשן צו דעם סאָרט אַרבעט. אַרום 60 פראָצענט פון די זאַכן ליגן אין די קעלערן און ווערן פאַרדאָרבן.“ דאָס זיינען די ענגלישע מלוכה־מוזעומס.

ווען איך האָב וועגן דעם גערעדט, האָבן מיר מענטשן געזאָגט מיט אַ געבייזער, אַז מען דאַרף די אַלע מאַטעריאַלן אַרויסנעמען פון פוילן, קיין ישראל, ווו מ׳וועט זיי ריכטיק באַאַרבעטן. איז ערשטנס די פראַגע צי די פוילישע רעגירונג וועט לאָזן אַרויספירן פון לאַנד אָט דעם וויכטיקן היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן דעם חורבן וואָס האָט זיך אָפגעשפילט אויף פוילישער ערד. און צווייטנס, די יידישע פאָרש־אינסטיטוציעס, וואָס עקזיסטירן אין ירושלים, אין ניו־יאָרק, אין פאַריז און לאָנדאָן, האָבן ניט גענוג מיטלען און אָרט פאַר די מאַטעריאַלן וואָס זיי פאַרמאָגן איצט. איך ווייס אַז דער מאַטעריאַל און די ווינער ביבליאָטעק און לאָנדאָן האָבן געלט־שוועריקייטן, און איך גלייב ניט אַז דער יד־ושם אין ירושלים און די ייוואָ אין ניו־יאָרק האָבן גענוג געלט און מענטשן און אָרט אַריינצונעמען אין זיך דעם מאַסן־מאַטעריאַל פון פוילן.

און נאָך אַ פראַגע. דאָס געזאַמלטע מאַטעריאַל וועגן אומקום פון די יידן אין פוילן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט רינגלבלומס אַרכיוון, וואָס איז אין רשות פון יידישן אינסטיטוט אין וואַרשע, געהער די יידן אין פוילן, און די פוילישע ערד, אפילו ווען ס׳איז אמת אַז עס געהער אויך צו אַלע יידן איבער דער גאָרער וועלט, און צו דער גאַנצער מענטשהייט. ס׳האָט זיכער געהאַט מער באַדייט פאַר פראָפעסאָר סאַלאָ באַראָן ווען ער איז געזעסן ביי די דאָקומענטן אין וואַרשעווער יידישן אינסטיטוט, וואָס דורכן פענצטער זעט מען נאָך דאָס פוסטע אָרט ווו ס׳איז געווען די טלאָמאַצקע סינאַגאָגע, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעריסן, ווי ווען ער וואָלט זיי געהאַט אין זיין אַרבעטס־צימער אין קאָלומביאַ אוניווערסיטעט, אין ניו־יאָרק.

## דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע

איך וואָלט געגלייבט ווען ס׳וואָלט געווען אמת דער קלאַנג אַז מיטן אַרויספאָרן פון אידאַ קאַמינסקאַ און מאיר מעלמאַן און נאָך עטלעכע אַקטיאָרן, ווי דער יונגער הענריק גרינבערג, האָט זיך דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער אויפן נאָמען פון אסתר רחל קאַמינסקאַ פאַרמאַכט. מ׳האָט פאַרויסגעזאָגט אין דער פרעסע. מ׳האָט דערציילט, אַז די רעגירונג האָט צוגענומען דעם טעאַטער־בנין, און דאָס רעשטל פון יידישן טעאַטער וועט ווייטער שפילן אין אַ זאַל אין דעם הויז פון דער „פאָלקס־שטימע“. ווייזט אויס אַז דאָס רעשטל שפילט גאַנץ גוט, מיט אַזעלכע כוחות ווי חבל ביוגאַן (וואָס איז אָבער דאָ ניט לאַנג געשטאָרבן באַלד נאָכן פייערן זיינע 50 יאָר אויף דער בינע), רבקה שילער, אסתר קאָוואַלסקי, משה שווייליך, און דער איצטיקער דירעקטאָר פון טעאַטער, שמעון שורמעי. איך האָב איצט געזען צוויי פאָרשטעלונגען, און זיי זיינען געווען גלענצנד: דער „דיבוק“ און דער „גאָלדפאַדן חלום“. דאָס טעאַטער — אין אַ צופעליקן אָוונט, איז געווען פול. אמת, חנן און לאה אין „דיבוק“ זיינען געווען יונגע פוילישע קינסטלערס, וואָס שפילן אויף יידיש, און שפילן זייער גוט. זיי זיינען געווען אין דער טרופע שוין פריער, ווען אידאַ קאַמינסקאַ האָט נאָך אָנגעפירט מיטן טעאַטער. און די טראַדיציע פון גוישע אַקטיאָרן אויף דער יידישער בינע איז זייער אַן אַלטע. און דער יידישער אַקטיאָר שורמעי איז אויך געווען אַלע יאָרן אַן אַקטיאָר אויף דער פוילישער בינע, ביז אידאַ קאַמינסקאַ האָט אים באַוויגן צושטיין צום יידישן טעאַטער.

ס׳איז אמת אַז ביידע מאָל איז אַ העלפט פון עולם געווען גוים. דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער איז געוואָרן אַ קולטור־אינסטיטוציע, וואָס צוגעפאָרענע פון דער פראָווינץ און פון אויסלאַנד גייען זען. אפילו געהויבענע געסט, ווי דער דייטשער

קאַנצלער ווילי בראַנדט און דער דייטשער אויסערן־מיניסטער שעעל. איך גלייב אַז סמאָליאַר וואָלט ניט ליב געהאַט דעם געדאַנק אַז אפילו „גוטע דייטשן" קומען זיך חברן מיט יידן אין יידישן טעאַטער. אָבער שטאַטס־פּאָליטיק איז אַזעלכעס, קעגן וועלכן פּשוטע מענטשן קענען קיין זאַך ניט טאָן. נעמען מיר אפילו די אַנטי־ציוניסטישע בהלה אין פּוילן נאָכן זעקס־טאָגיקן קריג אין ישראל. מיט פינף יאָר צוריק האָט בער מאַרק, וואָס איז געשטאָרבן פאַר דער בהלה, געקענט דרוקן אין אַ בוך: „פון גרויס באַדייט איז די השפּעה וואָס ס'האָט געהאַט אויף דער געשיכטע פון יידישן פאָלק די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, וואָס אונא האָט באַשלאָסן, מיט דער אַקטיווער אונטערשטיצונג פון די סאָציאַליסטישע מיטגלידער, סאָוועט־רוסלאַנד, פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע."

איך בין שוין געווען צוריק אין לאָנדאָן ווען מען האָט געעפנט דעם נייעם טעאַטער בנין. איך האָב מיינע צוויי פּיעסן נאָך געזען אין אַלטן טעאַטער. אָבער שורמעי האָט מיך אַרומגעפירט אין נייעם טעאַטער, געלאָזט אָנשטעלן די באַלייכטונג, די דריי בינעס, אַריינגיין אין די אַרטיסטן־צימער. איך בין געווען איבערראַשט — דאָס נייע יידישע טעאַטער אין וואַרשע איז, דוכט זיך, דאָס שענסטע, מאָדערנסטע, בעסט־איינגעריכט טעאַטערל (400 ערטער) וואָס איך האָב ווען געזען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע, אין די רייכסטע לענדער.

ס'קען זיין, אַז ס'איז ווי די עמיגראַציע זאָגט, אַז די פּוילישע רעגירונג ווייסט אַז דער יידישער קיום אין פּוילן וועט ניט לאַנג אָנהאַלטן, און דאָס יידישע טעאַטער וועט אויפהערן צו עקזיסטירן, וועט זי האָבן נאָך אַ פּויליש טעאַטער. ס'קען זיין. כאָטש דערווייל קומען נאָך צו יונגע אַקטיאָרישע יידישע כוחות. עס זיינען דאָ 12 סטודענטן פון בינע־קונסט, יידישע יונגען און מיידן, אין יידישער טעאַטער סטודיאָ. איך האָב צוויי פון זיי געזען. איינע שפּילן אויף דער בינע. ס'איז דאָ, ווייזט אויס, אַ המשך.

נאָר ווען ס'זאָל טאַקע זיין אמת, אַז קיין צוקונפט איז ניטאָ, איז אויך וויכטיק אַז ס'זאָל איצט עקזיסטירן דאָס יידישע טעאַטער. יידיש טעאַטער האָט עקזיסטירט אונטער ערגערע באַדינגונגען — אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין וואַרשעווער געטאָ. דערציילט יאָנאַס טורקאָוו אין זיין בוך „חורבן וואַרשע", אַז אין וואַרשעווער געטאָ זיינען געווען עטלעכע טעאַטערן, און ווען דאָס געטאָ איז פולשטענדיק אָפּגעשלאָסן געוואָרן, האָבן זיך אין אים געפונען 35 יידישע אַרטיסטן, רעזשיסערן און געשעפטספירער, 157 מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָרן, און 87 שרייבערס, וואָס האָבן געשריבן פאַרן טעאַטער." אויך אין ווילנער געטאָ, דערציילט סוצקעווער, איז געווען טעאַטער. ער שרייבט. „דער יונגער רעזשיסער וויסקינד האָט מיך פאַרבעטן אויף אַ צונויפקום מיט יידישע אַקטיאָרן. עס איז דאָ אַ געדאַנק צו שאַפן אַ טעאַטער. איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט: אַ טעאַטער אין געטאָ? יאָ. מיר מוזן טאָן דאָס אונדזעריקע. מיר טאָרן זיך ניט אונטערגעבן. לאָמיר שאַפן אַ טעאַטער. דערפרייען און דערמונטערן דעם געטאָ. מיר וועלן אפשר זיין אַן אָנהייב צום נייעם יידישן טעאַטער אין אַ באַפרייטער וועלט."

ביזגאַן האָט טרעפלעך געזאָגט, אַ פּאָר טאָג פאַר זיין טויט, ריידנדיק וועגן דער גרויסער פייערונג פון זיין יובילייי. „נאָר איין פראַגע עגבערט מיך, איז דאָס פּאָליטיק, וואָס דאָרטן גייט עמיצן ממש אין לעבן, אַז אונדזער טעאַטער זאָל אונטערגיין? וואָלטן זיי דאָרט זיכער געמאַכט אַ געוואַלד! מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט מען אין פּוילן פאַרמאַכט דאָס יידישע טעאַטער? זעט איר, מיר זיינען געווען גערעכט — אַנטיסעמיטן! פּאָגראָמטשיקעס! איך ווייס נאָר איינס: מיר עקזיסטירן, מיר אַרבעטן, מיר דערפרייען אונדזערע צושויער, מיר ווערן פולשטענדיק אויסגעהאַלטן פון אונדזער מלוכה, אָן זאָרג פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, און מיר זיינען קיינעם נישט מקנא פון אונדזערע חברים אַקטיאָרן אויף דער גאַנצער וועלט."

(סוף קומט)



**משה שקליאַר**

# לידער

(פון דער פּאָעמע „צוריקבליק")

* * * * *

כ'האָב ליב געהאַט „חנהלעס אייגעלעך"*)
און חנהלעס אייגעלעך אויך.
פאַרוועלקט האָבן „חנהלעס אייגעלעך"
און חנהלעס — אַוועק מיטן רויך.

געווען אויך רויזן און אַנדערע בלומען
וואָס האָבן געפאַנגען מיין האַרץ.
זיי שוועבן איצט אום אין אַ וואָלקן פון
אומעט,
דערפאַר איז מיין טאָג אַזוי שוואַרץ.

אויך היינט בליען „חנהלעס אייגעלעך"
און רויזן זיך וויגן דערביי,
נאָך מיינע געשאָכטענע פייגעלעך
טוען נאָך אַלץ אַזוי וויי.

* * * * *

בלויע אויגן, בלאָנדע האָר, אַ פּעפּערל
ביים נאָז —
פראַנקע,

פאַרוואָס האָט זי באַהערשט, פאַרוואָס,
אונדזערע געדאַנקען?

געווען איז זי ווי אַנדערע
שיין און איידל,
נאָר גוט געווען איז וואַנדערן
בלויז מיט אונדזער פריידל.

דעם ברוק געגלעט האָבן די טריט
פון אירע פיס די שלאַנקע.
געדאַכט האָט זיך — ער זינגט אַ ליד
צו פראַנקען.

און ווען געפלאַטערט האָט אין ווינט
איר קליידל—
אָ, שטראָף אונדז נישט פאַר די זינד
פריידל.

פאַרפלאַטערט האָט זי ערגעץ ווייט
פראַנקע—פריידל,
און אַוועק איז אויך די פרייד
מיט אונדזער מיידל.

* * * * *

אָפּגעליבט און אָפּגעלעבט,
אָפּגעשטורעמט, אָפּגעשוועבט,
אַלץ, דאַכט זיך, פאַרשוואונדן.
אָפּגערוישט און אָפּגעגלויבט,
און פון אַלץ זיך אָפּגעשטויבט —
געבליבן זיינען וואונדן.

געבליבן איז אין איינזאַמקייט
לעכצן נאָך אַ טראָפּן פרייד
און בלייבן — אָפּגעזונדערט.
און גיין פאָרויס, און גיין צוריק,
און צאָלן פאַר דעם פאַלשן גליק
פון אַ האַלב יאָרהונדערט.

---

*) אַ בלום.

בנימין הערצאָג

# אוי, ווי שווער ס'איז געווען צו זיין אַ „גוי"!

(פון מיינע איבערלעבונגען אין היטלער־צייטן)

אַז ס'איז שווער געווען אַ ייד צו זיין, דאָס ווייסן מיר דאָך שוין פון גאָר לאַנג. נאָך פון אונדזער שלום עליכמען, אין די צאַרישע צייטן. אָבער וואָס ס'האָט געהייסן צו זיין אַ גוי — פאַר אַן „עמך" אין היטלער צייטן...

האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט אין הימל. האָט ער מיר געשיקט די רפואה נאָך פאַר דער מכה, מיך באַשאָנקען מיט אַ „גוייש" פנים, וואָס האָט בימי היטלער געהייסן „אַריש".

אַז מיין „אַריש" אָדער „גוייש" פנים איז אַן „אוצר", דאָס האָב איך שוין אויסגעפונען נאָך אין די „פילסודסקי" (סאַבאַציע, פאַשיסטיקע) צייטן, בימי דעם אַלטן פוילן. דעמאָלט, ווען די פויליש „פאַטריאָטישע" גאָלדענע יוגנט פלעגט אין די שטעט אַרומגיין מיט שטעקנס, אָנגעפעסטיקטע מיט ראַזיר־מעסערלעך, און שלאָגן די „זשידקעס" אין די פאַרקן און גאַסן, מיט „פּרעטש זשידאָמי, היטליער ז'נאַמי!"

נאָך דעמאָלט האָבן יידן אין פוילן מיר כסדר אָנגעבאָטן כ'זאָל זיי פאַרקויפן מיין פנים, און נאָך דעמאָלט האָבן יידן לצנים צוגעטשעפעט צו דעם וואָרט „אַריש" אַ נון, איז עס אויסגעקומען און אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ נ אַ ר י ש פנים.

אָבער איך האָב מיין אוצרדיק „אַריש" פנים נישט פאַרקויפט, אַזוי ווי כ'זאָל געווען וויסן, אַז מיט מיין פנים דאַרף איך וואַרטן אויף בעסערע צייטן, ווען מיין אַריש פנים וועט מיר אַזוי שטאַרק נוצן.

און ווען כ'בין געבליבן געפאַנגען אונטער די היטלערישע מערדער, ערשט דעמאָלט האָב איך דערזען, וואָסער אוצר גאָט האָט מיר געשענקט, און ערשט דעמאָלט האָב איך עס אָנגעהויבן אויסנוצן. און איך בין ב"ה נאָך דאָ בכדי צו קאָנען דערציילן פון די טראַגיש־קאָמישע איבערלעבונגען, און אפשר וועט אויך ווער פון די לייענערס דערביי אַ מאָל אויך אַ שמייכל טאָן.

היטלערס שולחן־ערוך איז געווען: איז עמיצער צווישן די „גויים" עפּעס פאַרגעקומען פאַרדעכטיק, אָן אונטערשייד ווו ס'האָט געטראָפן, אין צענטער גאַס אָדער אַנדערש־ווו, האָט מען דעם „פאַרשטעלטן אַריער" במחילה אַראָפּגעלאָזט די תחתונים — און אברהם אבינו נאָך האָט דאָך אונדז אָנגעהאָנגען אַ סימן — איז די קלאָג געווען פאַרטיק — דערשאָסן געוואָרן.

און אַלצדינג וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן, איז דאָך אין „דו פרצופים" (טאָפּל־געשטאַלטן). בין איך אויך אַזוי געווען. מיט מיין דרויסנדיקן פנים — אַ „גוי גמור", אַן „אַריער", אָבער פון אינעווייניק, מיט מיין האַרץ און נשמה — מיט מיינע אומגליקלעכע פאַרמישפטע ברידער און שוועסטער.

איך פלעג אַרומגיין צווישן די גויים און געווען איינער פון זיי. אָבער אין געטאָ האָב איך דאָך אַ הייליקן משכון געהאַט, מיין פרוי און קינדער, וווהין איך פלעג זיך אָפּט אַריינכאַפּן צו זיי.

אויסער דער געטאָ — אַ „גוי"; אין געטאָ — אַ ייד מיטן מגן־דוד אָפּצייכן.

מאַכט זיך איין מאָל, ווען איך בין גראַד אין דרויסן דער „גוי", ווערט פּלוצים אַ שטאַרקע בהלה: דייטשן געקומען, אַן אַקציע... מען רינגלט אַרום דאָס געטאָ. פון צוריקגיין אין געטאָ קאָן שוין קיין רייד נישט זיין. איך בין פאַרצווייפלט און קאָן מיין פאַמיליע קיין שום הילף שוין נישט ברענגען.

אָבער אין האָפענונג האָט טיף געגליט אין מיין האַרץ, זיי האָבן אַ וווּנדערלעכן בונקער דאָרט אין אַלטן הויז, פול מיט קעלערס, קאַמערס און קעמערלעך, וואָס איך אַליין האָב אויסגעבויט פאַר אַ נויטפאַל.

גויים לויפן קוקן אויף דעם בייזן ווונדער, ווי מ'יאָגט יידן צעשראָקענע, צעטומלטע צו די באַן־וואַגאָנען, וואָס זיינען



אָנגעגרייט זיי אין די גאַז־קאַמערן אַוועקצופירן.

דייטשן לויפן אַרום ווי צעווילדעוועטע חיות. שלאָגן, שיסן יידן אויף רעכטס און לינקס, און די זון שיינט דווקא אַזוי ליב מחיהדיק, און די קולות פון די יידן שטייגן עד לב השמים.

און איך שטיי צווישן די צוויי מחנות. — איך געהער דאָך צו יענע וואָס מען שלעפּט צום טויט, אָבער מיין „נ'אַריש" פנים גיט מיר אַ האָפענונג צווישן די גויים זיך איצט צו ראַטעווען.

לאַנג שטיין און פילאָסאָפירן קאָן איך נישט, ווייל גאָר לייכט קאָן מיך ווער דערקענען און מיך איבערגעבן צו די דייטשן. באַשליס איך שנעל, אַז איך מוז אַרויס פון שטאָט און וואַנדערווען אַלס גוי אויף די וועגן.

גיי איך אַרויס אויף דעם וועג, און דאָ קומט מיר אַקוראַט אַנטקעגן אַ „פּראָצעסיע" פון עפּעס אַ דאָרף, וואָס גייט מיט די קלויסטער־פאָנען, מיטן גלח, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, דאַוונען לעבן אַ הייליקן ברונעם, וואָס פאַר יאָרן צוריק האָט זיך דאָרט די הייליקע מאַריע, גאָטס מוטער, באַוויזן.

מיש איך זיך אויס מיט די גויים, גיי אויך דאַוונען צו דער הייליקער מוטער, אָבער אין האַרצן נאָגט דער ווייטאָג: וועלן זיי — מיין משפחה — זיך ראַטעווען? וועל איך זיי נאָך לעבעדיקע אָנטרעפן?

און דאָ זינגט אַ קלויסטער־כאָר אַלע מאָל „הללויה, הללויה;" מ'בוקט זיך און מען ציילעמט זיך. מוז איך דאָך נאָכטאָן. ווען ניט — ווער בין איך עס? וואָס גייט עס זיי דען אָן, וואָס דאָ נישט ווייט טוט זיך? וויפל אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדערלעך ווערן צו די גאַז געשלעפּט?...

אָבער מיך, מיך דעם פאַרשטעלטן גוי גייט עס דאָך שוין גאָר אָן!

און איך, במעמקים בכתה נפשי, אין מיר וויינט מיין נשמה! אָבער וויינען? ווער וויינט? יידן וויינען... אָבער נישט גויים!...

בין איך אין אַ שווערער לאַגע: ציילעמען קאָן איך זיך נישט כדין, זינגען זייערע געזאַנגען — אויך נישט. צעזינג איך זיך מיט מיין אייגענעם שיינעם טענאָר: „אלי, אלי, למה עזבתני"... זע איך, מ'בייגט צו די אויערן און איינער דעם אַנדערן פרעגט. „וואָס זינגט ער אַזוי שיין?" ענטפער איך, אַז איך זינג אַ תפילה אין לאַטייניש! — און ס'טראָגט זיך מיין טרויער־געזאַנג איבער פעלדער צו די הימלען און איך טראַכט: וועסטו, אלוהי אברהם יצחק ויעקב, די יידישע תפילות נישט דערהערן, זאָל עס זייער „הייליקע מוטער" דערהערן...

און זיי טראָגן מיר אונטער קעז און ברויט צו עסן, זאָגן מיר זייערע נעמען, אַז איך זאָל פאַר זיי מתפלל זיין.

אין דער טונקלקייט שפּעטער האָב איך זיך פון זיי אַרויסגעשאַרט, אָפּגעוואַנדערט אַ נאַכט אויף פעלדער און וועגן און דעם אַנדערן טאָג אָנגעקומען אין שטאָט.

די „אַקציע" נעכטן האָט זיך פאַרענדיקט, האָב איך זיך אַריינגעגנבעט אין געטאָ. צווישן די לעבן־געבליבענע איז מיין משפחה געווען.

ווייס איך נישט וועמענס זכות איז מיר בייגעשטאַנען: דער פון דער צוגעטראַכטער „הייליקער מוטער", צו וועלכער איך האָב כלומרשט אין „לאַטייניש" געזונגען דעם „אלי אלי", אָדער דער פון „שומר ישראל", וואָס שלימערט נישט און שלאָפט נישט, היטנדיק זיין פאָלק!

אוי, ווי שווער און ביטער ס'איז געווען „צו זיין אַ גוי"!...

## כ ו ס ת נ ח ו מ י ן

צו מיין ליבן פריינד

### מ ש ה ק אַ פ ל אַ ן

שיק איך מיין טרייסט־וואָרט אויף דעם פאַרלוסט פון זיין ליבער שוועסטער ע"ה.

איך ווינטש אים פון טיפן האַרצן, אַז אין משך פון זיין לעבן זאָל ער מער קיין מאָל קיין צער ניט האָבן.

ו י ל י ש אָ ר

ישראל אב־מנחם / ניו־יאָרק

# די אַלוועלטלעכקייט פון יידישקייט

מענטש לעבט איבער איצט די סאַמע קריטישסטע עפּאָכע פון זיין געשיכטע. מענטש באַזיצט שוין איצט די מיטלען אומצוברענגען דאָס גאַנצע לעבן אויף דער ערד, זיך אַליין אַריינגערעכנט, בעת די מיטלען פון פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון זיין אייגענעם מין דאַרפן ערשט דערפונדן ווערן.

די פרימיטיווע ווילדקייט און רישעות, וואָס איז איינגעהילט אינעם געמיט פון מענטש, איז נאָך ניט אויסגעוועפּט געוואָרן, אָבער די וואָס קאָנען לייענען די שריפט אויף דער וואַנט און ווילן פאָרט ברענגען שלום אויף דער וועלט, קענען נאָר חלומען וועגן פאַרהאַנדלונגען ווי אָנצופירן פאַרהאַנדלונגען... מ'האָפט צו קענען גרייכן אַ וואָפנשטילשטאַנד אויפן סמך פון פשרות, אָבער צו גרייכן אַ מדרגה פון פולער אַנטוואָפענונג, און אַבסאָלוטן פרידן — וועגן דעם קענען אפילו די אוטאָפּיסטישסטע בעלי־חלומות ניט חלומען.

די וויזיע וועגן דעם אומקום פון דער וועלט באַלאַנגט שוין מער ניט בלויז צו רעליגיעזע פאַנאַטיקערס און היסטעריקערס — ס'געפינט זיך שוין אין דער קאַטעגאָריע פון באַשטימט אויסגערעכנטע פּראַקטישע פלענער, וואָס ווערן געהאַלטן אין קרעמלין, אין פּענטאַגאָן, אין פּעקינג.

אין נייעם טעסטאַמענט ווערט דערציילט וועגן די פערד־רייטערס פון אַפּאָקאַליפּס, וואָס פאַרשפּרייטן חורבן איבער דער ערד — איצט רייטן די דאָזיקע רייטערס מיט דער שנעלקייט פון דזשעטס, מיט שטאַרקערן אימפּעט און גרעסערער שנעלקייט איידער ווי עס טראָגט זיך שטימע און קלאַנג אין דער לופט, וואָס קלאָרער זינען און געדאַנק קאָן עס ניט נאָכיאָגן.

אין יאוש פרעגט זיך מענטש. ווו איז פאַרהוילן די גרויסע חכמה און וויזיע וואָס קען אָפּווענדן אומקום און לינדערן דעם פחד פון געמיט?

רעליגיעזע פירערס קענען אויף דעם געבן בלויז דעם סקאַרבאָוון ענטפער: „האָב ליב דיין שכן"; „האָב אמונה אין גאָט"; „היט אָפּ גאָטס געבאָטן". דאָס אַלץ איז, אָבער, ניט מער ווי אַבסטראַקציע, און די צייט פאָדערט טיפן און פּאָזיטיוון דענקען. די געשיכטע קלערט אונדז אויף, אַז טומאה ווייסט דעם וועג ווי צו פאַרשטעלן זיך אונטער דער פּאָן פון טהרה, דערביי כלומרש פּראָקלאַמירן ליבע, פּראָפּאַגירן אַן איינגעוואָרצלטן גלויבן אין גאָט און אָפּהיטן אַן אייגענעם אויסטייטש פון מאָראַל. די וועגן פון רישעות ווערן דורך דער געשיכטע ניט געענדערט: די ריטערס פון די קרייצצוגן אין מיטלאַלטער זיינען געווען די בלוטיקסטע תליונים, און זיי זיינען געגאַנגען אין נאָמען פון גאָט; די דייטשישע אַרמיי פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אויף איר פּאָן געטראָגן דעם אויפשריפט: „גאָט איז מיט אונז"; היטלער און סטאַלין, די גרויליקסטע מערדערס אין דער געשיכטע פון מענטש, האָבן זיך אַליין געשטעלט אין דער בחינה פון גאָט.

טיפזיניקע מענטשן דאַרפן זיך אָנשטרענגען צו פּרוון אַנטוויקלען אַזאַ גייסט צווישן די ברייטע שיכטן פון די פאָלקסמאַסן — אין די אַמעריקעס, ווי אומעטום — וואָס זאָל אויפהאַלטן אונדזער ווידמונג צו די דערהייבענע אידעאַלן פון דעם מענטשלעכן מין און זאָל גלייכצייטיק באַפרייען אונדז פון פרומער צביעות און ענגן פאַנאַטיזם, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט צו שפּאָט די הומאַניטאַרע אידעאַליסטישע אַספּיראַציעס פון דעם עבר.

כדאי דערביי אַ טראַכט טאָן — וואָס פאַר אַ צושטייער קען דער עצם פון יידישקייט בייטראָגן אויף אָט דעם געביט?

* * * * *

מיר דערמאָנען זיך: אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, און געוויס אונדזערע זיידעס און באָבעס, האָבן געלעבט קיילעכדיקע מעת־לעתן אין דעם באַוווסטזיין אַז פאַר זייערע מעשים, דאַרפן זיי, אָדער וועלן באַדאַרפן, אָפּגעבן אַ דין וחשבון צום קדוש ברוך הוא. כלפּי אָט דעם גלויבן האָבן זיי



איינגעשטעלט זייער לעבנסשטייגער מיט אַחריות צו ק ד ו ש ה.

דער עצם באַטייט פון ק ד ו ש ה איז פאַר זיי טאַקע געווען פאַרהוילן. מטושטשדיק האָבן זיי פאַרבונדן קדושה מיט געטלעכקייט. זיי האָבן אָבער געוווסט, אַז היות דער עצם פון גאָט קען ניט דערקלערט ווערן, קען דער עצם פון קדושה אויך ניט דערקלערט ווערן. און דערגרייכן קען מען אים דורך מעשים טובים. בכן באַדאַרף דער גאַנצער לעבנסשטייגער און לעבנסאיינשטעל געפירט ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז ס'זאָל ניט קענען געשאַצט ווערן אין דער בחינה פון אַ ווידערווילן צו קדושה.

אין דער גרויליק קריטישער צייט פון איצט, אין דער צייט פון יאוש, ווען דעם תמימותדיקן גלויבן פון אונדזערע עלטערן האָבן אַ סך פון אונדז אָנגעווירן, און צו קיין גליק, שלווה, מנוחה און אַן אייגענעם גלויבן זיינען מיר ניט צוגעקומען — שטייען מיר מבולבל און צעטומלט און מיר ווערן געצוווּנגען איבערצושאַצן אונדזער כפירה, און שטעלן זיך די ערנסטע פראַגע: דאַרפן מיר און קענען מיר זיך צוריקקערן צום אַלטן קוואַל, צום קוואַל וואָס האָט געגעבן חיונה צו אונדזערע עלטערן, און צי קענען מיר אויך שעפּן גייסטיקע חיונה פון דאָזיקן קוואַל, וואָס זאָל אונדז צושטעלן נאַרונג פאַר דעם איצט, צושטעלן אונדז דעם זאַלב אָפּצוווענדן פון אונדזערע געמיטער יאוש און מרה־שחורה און צוריקקערן אונדזער געמיט צו דעם געצעלט פון קדושה פון אונדזערע עלטערן, איבער וועלכן די עצם שכינה האָט אויסגעשפּרייט אירע פליגלען פון רו און פרידן?...

אָט זיינען דאָך דורות פון אונדזערע עלטערן אויך איבערגעקומען אומגעהייערע פיינען און יסורים און, פון דעסטוועגן, האָט דאָס ניט צעטרייסלט זייערע זיילן פון אמונה. וואָס איז דער גייסטיקער כוח וואָס האָט זיי דערהאַלטן ביים לעבן? אין וואָס איז באַשטאַנען דער כוח פון זייער אמונה? אפשר קענען מיר נעמען זייער אמונה — די נ ש מ ה פון זייער אמונה, אָנטאָן זי אין אַ לבוש פון דער מאָדערנער צייט, מאָדערנעם וויסן און מאָדערנעם באַנעם פון זאַכן, זיי אַריינהעפטן אין און צופּאַסן צו אונדזער אייגענעם איצטיקן באַנעם? אפשר וועט די אַלטע אמונה פון אונדזערע עלטערן, אַזוי איבערגעקליידט, אויך אונדז קענען געבן גייסטיקע שטאַנדהאַפטיקייט, באַרויִקן אונדזערע געמיטערס און אויך אונדז פירן אויפן וועג פון לעבן?

אפשר האָבן אונדזערע עלטערן פאַרמאָגט אַזעלכע עיקרדיקע ווערטן, וואָס קענען זיין גילטיק אויך איצט, און אַלץ וואָס איז נייטיק, איז — אַרונטערנעמען פון זייער אויבערדעק דעם אָנגעקליבענעם שימל פון דורות וואָס איז אויף דעם אָנגעוואַקסן און אויפדעקן פון אונטער דעם באמתדיקן נר תמיד?

מיר, אַצינד, ווילן ניט און קענען ניט זיין איבערגלויבעריש. זיינען אונדזערע עלטערן געווען איבערגלויבעריש? האָבן זיי געגלייבט אַז די תורה איז בפועל ממש געגעבן געוואָרן אויף באַרג סיני דירעקט פון גאָט? אַז משה איז באמת אַרויף אויפן הימל? — ניין, אַזוי ווי מיר, זיינען אונדזערע עלטערן אויך ניט געווען איבעריקס איבערקלייבעריש. אפילו די מער אויפגעקלערטע פון אונדזערע חכמי התלמוד, בעלי המדרש, קבלה און רבנישער ליטעראַטור זיינען שוין געווען באַוווסטזיניק, אַז די תורה איז געקומען צו איר קיום פון מענטש. פון דעסטוועגן איז זי אַזוי איינגעקליידט געוואָרן אין קדושה, אַז פאַר איר האָבן זיך אבותינו מקריב געווען. וואָס אַזוינס איז דאָרט אין דער תורה וואָס זי איז אַזוי פאַרהייליקט? אין וואָס איז באמת באַשטאַנען די אמונה פון אבותינו? איז דאָ אַ באַשטימטע יידישע פילאָסאָפיע, אַ באַשטימט צוגעפּאַסטער און פאַרהייליקטער וועג פון לעבן, אַ תירוץ אויף די אַלע קשיות וואָס נאָגן דאָס געמיט פון מענטש? אַ פאַרענטפערונג אויף די אַלע סתירות וואָס לעבן שטעלט פאַר מיט זיך? אַ ברענשטאָף וואָס שאַפט אַ פלאַקער, אַ התלהבות אין דער נשמה?

* * * * *

לאָמיר קודם באַטראַכטן דעם עצם ענין: פילאָסאָפיע פון יידישקייט. פאַרמאָגט יידישקייט אַ באַשטימטע איינהייטלעכע פילאָסאָפיע?

דער ענטפער איז, אַז מכוח דעם עצם באַגריף פון פילאָסאָפיע אין שייכות מיט יידישקייט, איז דאָ אַ פלוגתא, אַ מיינונגס פאַרשיידנקייט. אייניקע פאָרשערס און מפרשים פון חכמת ישראל קומען אַרויס מיט דער דעה, אַז דער באַגריף פונעם וואָרט פילאָסאָפיע איז צו יידישקייט ניט צוגעפאַסט. ווארום, זאָגן זיי, וואָס איז יידיש איז ניט פילאָסאָפיע, און וואָס איז פילאָסאָפיע אין יידישקייט איז לאו דווקא יידיש.

דער אמת איז, אַז להיפוך דער אָנגענומענער מיינונג, פאַרמאָגט ניט יידישקייט אַ מאָנאָליטישע, איינהייטלעכע באַשטימונג. ס'איז אַ ברייטער פליסנדיקער טייך, וואָס אין אים פלייצן אַריין אַלערליי שטראָמען, וואָס שטאַמען פון פאַרשיידנערליי קוואַלן, און זיינען אונטער דער השפעה פון אַלערליי שיטות און שטימונגען — אויב נאָר זיי דערהייבן דעם ווערט פון מענטש און לייקענען ניט די איבערגעוועלטיקייט פון געטלעכקייט איבער אַלץ און אַלעמען אין דער נאַטור. פאַרשיידענע דענקערס קענען געבן די בחירה צו איינעם אָדער אַן אַנדערן פון די קוואַלן, וואָס שטראָמען אַריין אינעם אַלגעמיינעם טייך פון יידישקייט. ס'איז אַ פראַגע צו וואָס ווער איז גענייגט אָנצונעמען פאַרן תוכן פון יידישקייט.

בעת אָרטאָדאָקסישע רבנים זיינען דער עיקר פאַראינטערעסירט איינצושטעלן געהאָרכיקייט צו די תקנות, וואָס זיינען באַאיינפלוסט דורך רוח הקודש, אַנערקענען זיי די ראַציאָנאַל־מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון מענטש ווי דעם אויסדרוק, ווי דעם ניצוץ, פון געטלעכע געשטאַלטונג אין דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. די נשמה איז גאָטס מתנה צום מענטש, איז דער חוב פון מענטש צו האַלטן זי ריין און זויבער, אַז זי זאָל ניט פאַרשוועכן די קדושה פון דעם פון וואַנען זי ציט איר מהות. די תורה איז ניט נאָר גאָטס געבאָט, זי איז אויך דער מיטל דורך וועלכן מענטש ווערט געלייטערט. יעדער באַשאַף גלוסט און לעכצט צו גרייכן דערנענטערונג צו שכינה.

אָבער די טיפסטע השפעה אויפן יידישן שטייגער פון געדאַנק האָט געמאַכט דער לימוד פון קבלה און אירע אַלע צווייגן און אָפּצווייגן. אָט דער לימוד האָט מיט זיין מיסטיציזם און פאַנטאַסטיש־פּאָעטישער מיטאָלאָגיע געדרונגען אין די טיפסטע מקורות פון געפיל, האָט באַגייסטערט געמיטן ביזן העכסטן עקסטאַז און האָט דירעקט משפיע געווען אויף דעם אויפשוונג פון חסידות.

האָבנדיק אין זינען די אַלערלייאיקע שטרעמונגען אין יידישקייט, קען ניט פעסטגעשטעלט ווערן אַן איינהייטלעכע שיטה, וואָס אויף איר זאָל באַשטימט ווערן אַז דאָס איז דער יידישער געדאַנק. אָבער דער עצם פאַקט, וואָס פאַרשיידענע טייטשונגען זיינען טאָלערירט געוואָרן ווי אַריינפּאַסונגען אין יידישקייט, איז פון גרויס באַטייט. עס צייגט אָן, אַז דער עצם באַגריף פון יידישקייט איז אַזוי ברייט געטייטשט און איז מיט אַזוי פיל הנחות פון איין שיטה צו דער אַנדערער, אַז עס פאַרמאָגט גענוג וועגן און אומוועגן צו שטייגן צום הר האלוהים.

ס'איז בלי שום ספק אַז די מפרשים און גרונטלייגערס פון יידישקייט האָבן געהאַט אין זינען, אַז דער ריינער אמת און דער עיקר פון אָט דער אמונה דאַרף געשטעלט ווערן העכער פון פילאָסאָפישער ספעקולאַציע, וואָס קאָן אָפּגעפרעגט ווערן, און אפילו ניט אין די גרענעצן פון איבערנאַטירלעכקייט, וואָס מכוח זיי קענען זיך דערוועקן ספקות וואָס פירן צו אפיקורסות. „קיין מאָל איז די שכינה ניט אַרונטער אויף דער ערד, און קיין מאָל זיינען משה און אליהו ניט אַרויף אויפן הימל," ווערט איבערגעגעבן אין תלמוד (סוכה ה', א') אין נאָמען פון רבי יוסי. רבי יוסי שטיצט דאָרט זיין געדאַנק אויפן פסוק: „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אָדם."

אויפן סמך פון דעם איז אָפּגעראָטן צו אידענטיציפירן יידישקייט מיט איינער אָדער אַן אַנדער באַשטימטער אידעע פון וועלכן עס איז תלמיד חכם; יידישקייט טאָר ניט באַגרענעצט ווערן צו איינער אָדער אַן אַנדערער באַשטימטער השגה, מחמת די יידישע טראַדיציע איז אומגעהייער פאַרצווייגט, און די אַלע אויסצווייגונגען פאַרמאָגן אַזאַ טיפן תוכן אַז ס'ווערט ניט דופּליצירט פון אַנדערע גלויבנס.



יידישקייט אפילו אין אירע אַלערליי היפּוכדיקע וואַריאַציעס און טייטשונגען, פאַרמאָגט פאָרט די איינהייטלעכקייט פון באַשטימטע אידעען, שטרעבונגען און גייסטיקע ווערטן, וואָס זיינען גענוג תוכיק און מאָסגעבנדיק איבערגעגעבן צו ווערן בירושה פון איין דור צו אַ צווייטן, און גלייכצייטיק צו זיין גענוג עלאַסטיש און פאַרשיידנאַרטיק צוצופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען פון פאַרשיידענע צייטן.

דער אינערלעכער דראַנג פון כאַראַקטער און אַספּיראַציעס קריגט זיין דינאַמישן, שעפערישן און המשכדיקן גילגול אין די ענדערונגען פון צייט, און דריקט זיך אויס אויבנאויפיק אין די צייטיקע הערשנדיקע מינהגים און אייגנאַרטיקייט פון לעבן, אין די ווערטן וואָס ווערן אָנגענומען און אין דער עלעמענטאַרער שטייגערישקייט פון אויפפיר, וואָס זיי אַלע שאַפן דעם מוסטער פון פאָלקישקייט, דעם באַשטימטן כאַראַקטער פון אַ ספּעציפישער קולטור־סביבה.

בדרך כלל איז עס דער אינערלעכער גייסט פון לעבנס טראַדיציעס, וואָס איז דער עצם פון דער זאַך, די תורה שבלב, ווי אחד־העם האָט עס גערופן, איידער די באַשטימטע אויסצייכענונג פון דעם דרויסנדיקן לבוש פון דער תורה, וואָס איז באַשיימפּערלעך. ס'איז באמת דאָס האַרץ פון דער תורה, לב התורה, וואָס מיר זוכן צו אַנטפּלעקן, וואָס האָט זיך איינגעפלאַנצט אין משך פון דורות אינעם האַרץ פונעם פאָלק אוממיטלבאַר און וואָס קאָן ניט אָפּגעמעקט ווערן.

* * * * *

## די זעונג פון אַחדות

אין די נביאים און אין תלמוד ווערן געבראַכט אַ סך וווּנדערשיינע און פאַרטיפטע אָנמערקונגען וועגן דעם עיקר פון דער תורה. פאַראַן אָבער אין דער תורה איין פסוק, וואָס די חז"ל האָבן באַשטימט, אַז דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים און וואָס אויף דעם שטיצט זיך די גאַנצע יידישע דערפאַרונג.

אין תלמוד ווערט עס אויסגעדריקט בזה הלשון:

**די צוויי געבאָטן:** אָנכי ה' אלהיך און לא תעשה לך אלהים אחרים האָבן מיר געהערט פון גאָט אַליין (הוריות ח, א; מכות כ"ד, א') בעת די אַנדערע געבאָטן פון די עשרת הדיברות און די הונדערטער חוקים ומשפטים פון דער תורה זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דורך משהן. ד"ה, מאָנאָטעיזם איז צו יידן איבערגעגעבן געוואָרן אוממיטלבאַר, איז דאָס דעריבער דער יסוד פון אַלע יסודות; און וואָס שייך די איבעריקע כללים, לאָזן זיי זיך טייטשן, אויסטייטשן און איבערטייטשן לויט די באַדערפענישן פון דער צייט — אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן די חכמי התלמוד אין זייער באַגרינדונג פון הלכה.

אָט די אויסצייכענונג פון מאָנאָטעיזם און די אַלע אַנדערע כללים פון יידישקייט איז אָן אויפהער באַטאָנט געוואָרן פון די נביאים, און פאַר אָט דער אמונה האָבן יידן אין משך פון אַ סך דורות געלאָזט מקריב זיין זיך על קידוש השם. דאָס האָט געפירט צו דעם אַז קריאַת־שמע איז ביי יידן געוואָרן די היילקסטע תפילה, מחמת אָט דער איינציקער פסוק: שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד, וואָס דורך אים חזרן איין יידן עטלעכע מאָל דורכן טאָג די אמונה אין אַחדות הבורא, ווירקט אויף זיי אָפּצוקערן זיך פון יעדן אָנווייז אויף געצנדינעריי ביז דער מדרגה פון קידוש השם.

אָבער דער ענין איז ניט אַזוי פשוט ווי ער זעט אויס פון אויבן אויף. וואָס האָט יידן געגעבן אַזוי פיל גייסטיקע גבורה און שטאַנדהאַפטיקייט, אַז זיי זאָלן צוליב אָט דער אמונה קענען אויסשטיין די גרויליקסטע יסורים, וואָס דאָס פאָלק איז זיך אויסגעשטאַנען אין משך פון דור דורות?

לאָמיר דעם ענין באַטראַכטן אין זיין היסטאָרישן הינטערגרונט:

אפילו אין די גאָר אַלטע צייטן פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, האָבן מענטשן איינגעטיילט זייערע געטער אין צוויי קאַטעגאָריעס — די געטער, וואָס האָבן דורך זיך אויסגעדרוקט די כוחות פון דער נאַטור, און די אַנדערע געטער, וואָס האָבן מיט זיך סימבאָליזירט און דורך זיך פאָרגעשטעלט די פאַרשיידענע אייגנשאַפטן פון די געפילן און וועזן פון מענטש.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשנס פאָרשונגס־געדאַנק איז דערקענט

געוואָרן אַז ס'איז פאַראַן אַ געוויסע אייניקייט אין די נאַטור־דערשיינונגען און זיי זיינען באַזירט אויף באַשטימטע געזעצלעכקייטן. דערפון איז געדרונגען געוואָרן די איינציקייט פון די געטער וואָס, לויט דער מענטשלעכער לאָגיק פון סיבה און פועל־יוצא, זיינען זיי די דאָזיקע וואָס זיינען משפיע אויף די ענדערנדיקע פאַרשטעלונגען פון דער מענטשלעכער נאַטור.

דאָ האָבן מענטשן ניט געקענט צונויפפאָרן דעם יסודותדיקן היפוך צווישן דעם גאָט פון מענטשנס העכסטע אידעאַלן מיט דער ע ר ש ט ע ר ס י ב ה פון די געזעצן פון נאַטור.

דער גאָט פון ליבע, רחמים און פרייהייט, וואָס די פאַרטיפטע מענטשלעכע נאַטור האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, הגם זייער נעפלדיק און איבערפלאַכלעך, איז אין לחלוטינדיקער סתירה פון דעם גאָט פון אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט און טאַטזאַכלעכקייט, וואָס שפרייט אויס די הימלען און באַהערשט די ערד און אַלץ וואָס איז אויף דעם.

דער קאָסמישער חילוק צווישן נויטווענדיקייט און פרייהייט, געזעץ און ליבע, מאַכט און דערבאַרעמונג, האָט אָן אויפהער באַשעפטיקט די מוחות פון רעליגיעזע פילאָסאָפן.

ביי יידן האָט אָט די, ווי עס זעט אויס, ניט ריכטיקע פאַראַדאָקסישע שפאַלטונג, געווירקט אויף דעם, אַז במקום צו שאַפן סקעפטיציזם און לייקענונג אין אַחדות אלהים — געווירקט צו דערהייבן ווערן צו העכסטע פאַנטאַסטישע הייכן דורך דער געניאַליטעט פון אמונה און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ סתירה צו שלימות — גאָט איז א ח ד, וואָס באַשטימט, פון איין זייט, די הצטרכותן פון דער נאַטור און, פון דער אַנדער זייט, די פרייהייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, אין דער באַשטימטער אומענדלעכער געזעצלעכקייט פאַר דעם אויפפיר פון דער נאַטור און גאָטס באַציונג מיט ליבשאַפט צו מענטש: וואָרום איך בין „גאָט דיין באַשעפער, וואָס האָט אויסגעשפרייט די הימלען און געגרונדפעסט די ערד... וואָס צערודערט דעם ים, און זיינע אינדן ברומען" (ישעיה נ"א). און די וויכטיקייט פון קריאת שמע באַשטייט טאַקע אין דער באַשטעטיקונג פון דער ענדגילטיקער אַחדות פון דער סיבה פון אַלע סיבות און דער נשמה פון אַלע נשמות.

אַרויסקומענדיק פון דעם קוקווינקל פון קאָסמישן אַחדות הבורא, איז דער יידישער געבאָט אָנצוהאַלטן, אָדער דורכפירן, אַן ענלעכע האַרמאָניע אויף דעם באַגרענעצטן שטח פון דער ערד — אַ האַרמאָניע פון פרייהייט און יושר, ניט געאַכט אויף דעם ווי שווער ס'זאָל ניט זיין עס דורכצופירן אין לעבן, און פאַרבינדן עס מיט דעם ווילן פון גאָט.

אַ שווערע עובדה: גאָט איז דאָך אל מלא רחמים וחנון — ווי שטימט עס מיט די אַלע גרוילן מיט וואָס די וועלט פון מענטש איז אָנגעפילט?

ווי דער פאָעט ה. לייוויק האָט זיך דערלויבט צו פאַרקלאָגן גאָט און האָט אין זיין דראַמאַטישער פאָעמע אין די טעג פון איוב אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אפילו דער סאַמע עצם פון פינצטערניש און אַל־דאָס־בייז אויף דער וועלט — דער שטן אַליין, קען אַרויסקומען מיט גערעכטע טענות צו גאָט, אַז באמת איז ער, גאָט, ניט ווייניקער אַכזר פון אים — די פאַרקערפערונג פון רישעות. דער שטן זאָגט. „צי מיינסטו עס אַז מיין עסקן זיך היינט מיט איובס גורל / פאַרמאָגט אין זיך קיין שפור אפילו ניט פון יענע רגעס/ ווען דו אַליין האָסט זיך געשפילט מיט יצחקס גורל? / צי מיינט עס, אַז צו שפילן זיך מיט איינעמס האַלדז — / צו שרעקן מיט אַ מעסער, איז אַן אידעלערע שפיל, / ווי נעמען אַ געזונטן גוף און אים צעקרעציקן?"

אָבער וואָס אַ פאָעט אין זיינע שטימונגען קען זיך דערלויבן, האָט ניט געקענט דערלויבן זיך די תורה און אירע מפרשים, ניט די נביאים און חז"ל. זייער אויפגאָב איז געווען צו פאַרענטפערן אַלע סיבות, צו אידענטיפיצירן די מענטשלעכע תביעות מיט דעם ווילן פון גאָט אויף אַ שטייגער, אַז צווישן זיי זאָלן ניט זיין קיין סתירות.

אויף אָט דעם אָ שטייגער האָט אברהם אָבינו באַשטימט אַ פרינציפ, וואָס די נביאים האָבן שפעטער אַנטוויקלט. „חלילה דיר!" האָט אַברהם געטענהט צו גאָט, „זאָל דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד



ניט טאָן קיין גערעכטיקייט?" (בראשית יח, כה).

גאָטס וועגן זיינען פאַרהוילן, זאָגן אונדז חז"ל, אָבער מ'דאַרף האָבן אמונה אין זיין גערעכטיקייט. דאָס ליכט פון גאָט שיינט אַרויס פון אַלע שיינקייטן אין דער נאַטור, און אויך פון די גערעכטיקטע מענטשן. דאָס איז דער עצם און מקור פון ליכט און ס'איז קדושה און איז אַריבער מענטשלעכן באַנעם. מענטש זעט ניט דעם סאַמע עצם נייערט ניט מער ווי צייטווייליקע דערשיינונגען. דערביי קען אפילו דער הייליקסטער מענטש געשטרויכלט ווערן — אפילו משה רבינו.

דאָס איז דער שטייגער ווי אין תנ"ך ווערט איינגעשטעלט די שוואַכקייט פון מענטש: אפילו דער נביא קען געשטרויכלט ווערן און מ'טאָר אים ניט נאָכפאָלגן בלינד, מחמת גאָט שטעלט אים אויך צום ניסיון. אין חומש איז וועגן דעם פאַרשריבן: אַז צווישן דיר וועט אויפשטיין אַ נביא, צאָדער אַ חלומער פון חלומות, און ער וועט דיר געבן אַ צייכן אָדער אַ וווּנדער — און דער צייכן און דאָס וווּנדער וואָס ער האָט דיר פאָרויסגעזאָגט, וועט אָנקומען — אַזוי צו זאָגן: לאָמיר גיין נאָך פרעמדע געטער... זאָלסטו ניט צוהערן צו די ווערטער פון יענעם נביא, צאָדער יענעם חלומער פון חלומות... נאָך ה' אייער גאָט זאָלט איר גיין" אא"וו (דברים יג). אַזוי אפילו דער כוהן: ער ווערט טאַקע געזאַלבט פון גאָט אַליין, פון דעסטוועגן איז עס געווען אהרון, פון גאָט אַליין דער געזאַלבטער כוהן, וואָס האָט געמאַכט דעם עגל. אפילו דער פון גאָט געזאַלבטער מלך דוד איז ניט געווען ריין פון זינד.

ווען מען נעמט אין אַכט אַלץ מיט אַן אַנדער איז די יידישע אמונה זייער געוואַגט. מחמת, באמת, קען דאָך למראית עין ניט באַשטימט ווערן קיין אַחדות צווישן נאַטור און מענטש, צווישן גוטס און שלעכטס. ווי ס'זעט דאָס אויג איז צווישן זיי אַ גרויסע סתירה וואָס קען ניט פאַרענטפערט ווערן. וואָס דען? איז דער תירוץ: מ'דאַרף האָבן אמונה. ס'באַטייט אָבער ניט אַז מ'טאָר ניט אָפפרעגן דעם יושר הלמאי די דאָזיקע סתירות זיינען לכתחילה געשאַפן געוואָרן. מ'מעג אַרגומענטירן, אויסטענהן זיך מיט גאָט, אָבער — „גערעכט וועסטו בלייבן, גאָט, ווען איך זאָל זיך קריגן מיט דיר; אָבער גערעכטיקייט וויל איך ריידן צו דיר..." (ירמיה יב, א).

אין תנ"ך חזרט זיך איבער כסדר, אַז מ'דאַרף פאָלגן גאָט, זיין געהאָרכיק צו אים און, גלייכצייטיק, דאַרף מען גאָט ליב האָבן מיט האַרץ און נשמה און זוכן זיין דערקענונג: „נאָר דערמיט זאָל זיך רימען דער וואָס רימט זיך, מיט פאַרשטיין און קענען מיך, אַז איך ה' טו חסד, רעכט און גערעכטיקייט אויף דער ערד" (ירמיה ט־כג).

און אויף דער סתירה וואָס צווישן אמונה און דערפאַרונג, צווישן איינגעשטעלטער שטייגערישקייט און עמפירישע דערגרייכונגען — אָט די סתירה פרווט פאַרענטפערן די יידישע סאָציאַלע פילאָסאָפיע דערמיט וואָס מענטש איז פריי אויסצוקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן ברכה און קללה. בעת כל ישראל ערבים זה לזה, פאַרבלייבט אָבער דער יחיד די ענדגילטיקע רעאַליטעט, אַ וועלט פאַר זיך אַליין. ווייל ווי גאָט אין זיין עצם איז אומבאַקאַנט אָבער איז אַ קדשי־קדשים, אַזוי איז אויך דער עצם פון מענטש אומבאַקאַנט און אין זיין תוך איז אויך פאַרהוילן אַ קדשי־קדשים.

* * * * *

די קאָמפליצירטקייט פון מענטש און די סתירות וואָס זיינען אין אים אַנטוויקלט רופט זיך אויך אָפ מיט סתירות אין די עיקרים פון יידישקייט. יידישקייט זעט איין, פון איין זייט, דעם פאַראַדאָקס פון מענטשלעכער נאַטור, וואָס שטרעבט צו זיין זעלבסטזיכער און צו כולל זיין מיט זיך אַלץ מיט אַן אַנדער, אָבער, פון דער צווייטער זייט ווערט דער אידעאַל פון זעלבסטזיכערקייט אַנטקעגנגעשטעלט דעם חשבון הנפש, וואָס פירט צו זעלבסטלייקענונג. דאָס פירט צום געדאַנק, אַז בכדי צו גרייכן די שלימות דאַרף מען האַרמאָניש אויסמישן און צונויפגיסן אַלע אייגנשאַפטלעכע פיזישע און גייסטיקע כוחות וואָס מענטש פאַרמאָגט. און בכדי צו קענען דערהייבן זיך דאַרף מענטש אויסגעפינען און באַשטימען ניט נאָר וואָס איז אין זיין באַוווסטזיין, נייערט אויך וואָס

איז איבער און אריבער זיין באוווסטזיין און וואס טוט גייסטיק באווירקן אים.

די צעטומלונג פון אונדזער צייט, אין שייכות מיט די פראבלעמען פון דעם יחיד, ציט זיך פון דעם איבערברוך פון די צוויי מענטשלעכע גלויבנס, וואס האבן פריער דערגאנצט איינער דעם אנדערן און איצט האבן אט די גלויבנס זיך אויסגעוועפט און זיינען זיך סותר. מיר מיינען דערמיט די אמונה פון פיזישער שלימות פון מענטש וואס איז געווען איינגעהאפטן אין דעם רעליגיעזן באגריף וועגן נשמה אין מענטש, וואס זי איז זיין סובסטאנץ און אז זי איז א פונק פון גאט.

די מערבדיקע ציוויליזאציע, וואס איז איבערוועגנדיק קריסטלעך, האט אין משך פון הונדערטער יארן געצויגן איר גייסטיקע יניקה פון דעם, אז ס'איז דא אן איינהייט צווישן די דאזיקע צוויי באגריפן און זי האט מבטל געמאכט די סתירות צווישן זיי.

דער רעליגיעזער איינשטעל האט גענערט די געפילן פון מיסטעריע און קדושה און אויפגערעגט די פאנטאזיע פון מענטש צו עקסאלטאציע פאר אן איבערנאטירלעכן געביט פון אומגעהייער פאנטאסטישער הערלעכקייט. גלייכצייטיק האט די זעלביקע מערב־ציוויליזאציע — וואס שייך פראקטישן לעבנס־שטייגער — געשטיצט זיך אויף דעם קלאסישן געדאנק, אז דער איך איז א זעלבסטשטענדיקער וועזן, פולקומען אין זיך אליין.

אבער דער באגריף פון מענטשלעכער זעלבסטזיכערקייט האט שפעטער געליטן אן אפשניט דורך אלערליי וויסנשאפטלעכע אויפדעקונגען און אנטוויקלונגען — דהיינו: דארוויניזם, אז מענטש שטאמט פון חיה; פרוידיאניזם, די דערקענטעניש פון די פארהוילענע ווירקנדיקע טיפקייטן פון מענטשלעכן כאראקטער; קארל מארקסעס אויפמערק אויף דער פארדארבנקייט פון דעם סאציאל־עקאנאמישן לעבנסשטייגער, און די באגרענעצונג פון פרייען אויפפיר פון מענטש דורך דעם הויך־אנטוויקלטן איצטיקן לעבנסשטייגער. אין דער זעלביקער צייט איז דער ביבלישער איינשטעל מכוח מענטש, איינגעהילט אין אן אנוווקס פון מיטאלאגיע און איבערגלויבן, אפגעלייקנט געווארן דורך דעם ראציאנאלן עמפירישן געדאנק פון דער אנטוויקלטער מאדערנער וויסנשאפטלעכער ציוויליזאציע.

דערצו האבן אומגעהייער געווירקט די בליצשנעלע ענדערונגען וואס קומען פאר איצט אויף דער וועלט. די וועלט וואס מענטש האט פריער באטראכט צו זיין סטאביל און געגרונטפעסטיקט, איז אויפגעטרייסלט געווארן אין מענטשלעכן באגריף, איבערהויפט מחמת דעם וואס מענטש לעבט איבער איצינד גאנצע עפאכעס אין משך פון ווייניקער פון איין דור. מענטש איז פלוצים אריבער פון פערד־און־וואגן עפאכע צו דזשעט־פליעריי און האט שוין אפילו באטראטן די לבנה און קלייבט זיי צו גרייכן די שטערן; ער באנוצט זיך שוין מיט אטאמישער קראפט, עלעקטראנישע איינריכטונגען, אויטאמאטישער אינדוסטריע, ראדיא און טעלעוויזיע. אין דער איצטיקער וועלט זעט קיין זאך ניט אויס צו האבן א ווערט סיידן עס באוועגט זיך מיט א משונהדיקער שנעלקייט.

מענטש מוז דערביי אפשטעלן זיך אין זיין אימפעטיקן און שטורעמדיקן געלויף און זיך באזינען. פאר אים ווערט געשטעלט די ברירה: אומקום דורך זעלבסטמארד — יחידישן זעלבסטמארד בפועל ממש, אדער ארויפגעצווונגענעם סטיכישן זעלבסטמארד דורך עקאלאגיע — דער טעכנאלאגישער פארדארבונג פון דער נאטור, וואס פירט צום אומקום פון גאנצן לעבן אויף דער ערד. און אויב ניט זעלבסטמארד, דארף דאך מענטש געפינען דעם לשם מה צו לעבן אויף דער ערד און די מיטלען ווי צו דערהאלטן דאס לעבן און ווי ממשיך צו זיין דעם מענטשלעכן קיום אויף אט דעם ברעקעלע פלאנעט ערד, וואס איז ניט מער ווי א שטויבעלע אין דעם אומגעהייערן קאסמאס.

די וואס זיינען גענייגט צו אבסטראקטן דענקען קענען דערביי געפינען א פארענטפערונג אין דעם דינאמישן אימפעט פון יידישן וויסן און אין דער איבערשאצונג פון אלע ווערטן אין דער באטייטנדיקער שפאנונג צווישן דעם פרייען און געטלעך באוווסטזיניקן געפיל פון מענטש.



ביידע געפילן זיינען אייגנטימלעך צו מענטש. מענטש קען ניט מוותר זיין, קען ניט פארלירן דעם געפיל צו ווערן אפגעפרעמדט פון דעם איבערנאטירלעכן באגריף פון גאט, ליבע צו גאט, דעם גאט צו וועמען ער קען זיך קערן אין צייט פון קריזיס, ווי ער קען זיך אויך ניט באפרייען פון ראציאנאלער ארדענונג וואס קומט זיך ניט צונויף מיט דער וויזיע פון א געטלעכן פערזאנען־קולט. מענטש קען אבער ניט פארליידן צו זיין איזאלירט, עלנט, אן אויבערשטער השגחה וואס זאל אים שיצן, צו זיין אומבאהאלפן און אונטערווארפן צום בייזן גורל פון זיין, אן א ציל, אן א זינען, אן א צוועק, ווי א שיף אן א רודער אין א שטורעמדיקן ים. דער ראציאנאלער אויפפיר פון דער וועלט מוז זיין באהויכט מיט א גייסטיקן זינען. מענטש פילט, אז ער איז ניט פולקומען אין זיך אליין, און ער איז אן אפצווייג פון א העכערן געדאנק, פון א געדאנק־איבער־געדאנק, א ווילן איבער־ווילן.

עס דארף שאפן זיך דער בונד צווישן רעליגיעזן גלויבן מיט לאגישן דענקען, מיט מאראל און דערפארונג. ביידע באגריפן דארפן זיך הארמאניש איינהעפטן אין אן איינהייט. מ'טאר ניט זאגן, גאט איז אלץ און מענטש איז גארניט. ניצשעס בארימטער זאג, „גאט איז טויט", פירט ניט מענטש צו איבערמענטש, נאר סע פירט צו נאציזם און טאטאליטאריזם בכלל, וואס זייער באשיימפערלעכקייט מיר האבן אזוי ביטער דערפארן.

ווען צווישן געפיל און לאגיק אנטוויקלט זיך א פירוד הלבבות, שאפט עס אפ זינען אין לעבן. די השגחה פון גאט טאר ניט בלייבן פארגליווערט ווי ענטגילטיק און אבסאלוט; די וויזיע פון גאט איז מחייב א סימבאל, א משל, א הבטחה, אבער ניט אן אבסאלוט און א געשטאלטיקייט.

„הבורא יתברך שמו אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף ואין לו שום דמיון כלל," ווערט ריכטיק דערקלערט אין די שלושה עשר עיקרים, וואס ווערן צוגעשריבן צו רמב"ם. די זעונג פון גאט קען טאקע פארגעשטעלט ווערן ווי די געשעענישן פונעם עבר, אבער ס'איז אויך אן אנזאג פאר דער צוקונפט; עס קען טאקע זיין זיך למעלה מן השכל, איבערשכלדיק, אבער בשום אופן ניט אין קעגנערשאפט צום שכל; ס'איז דער עמוד האש, דער זייל פון ליכט, וואס פירט אונדז אויפן וועג פון לעבן, אבער די עצמיות פון גאט, ווי ס'איז דערקלערט געווארן צו אליהו הנביא, איז ניט אין שטורעם, ניט אין ערד־ציטערניש, ניט אין פייער, נייערט אין קול פון דינער שטילקייט (מלכים א, יט, 11-12).

## דער פאלשער משיחיזם פון אונדזער צייט

מיר שטעלן זיך פאר אז די בלאנדזשעניש מיט פאלש משיחיזם געהערן זיך אן צום עבר. באמת אבער איז אט די פארפירערישע מענטאליטעט אויפגעקומען צו תחית המתים אין א מער סכנותדיקן מצב, און האט געשטיגן אין מאכט און פאפולאריטעט, אין אונדזער איצטיקער צייט, זינט דעם אנהייב פון 20טן יארהונדערט.

מענטשן האבן פריער זיך פארגעשטעלט שלימות אין דעם גלויבן אז דער צוגעזאגטער דערלייזער איז שוין דא. ביסלעכווייז האט אט די אמונה זיך גענומען אויסוועפן און איר אנציונג האט זיך איבערגעריסן. כפירה האט פארנומען איר פלאץ. געבליבן איז א וואקואום, א ליידיקייט. האבן מענטשן אנגעהויבן זוכן א נייעם משיחיזם בכדי מיט דעם אנצופילן די פוסטקייט. די פארערונג פון דעם פונדאמענטאלן און דעם אבסאלוט — דעם אומבאשרענקטן, איז אריבערגעטראגן געווארן צו א באשטימטן מענטש, אדער א באשטימטע אידעע.

דער אביעקטיווער, עקספערימענטאלער, איבערלייגטער באנעם פון דעם שכל־הישרדיקן און מעסיקן מענטש איז פאר די פאלשע משיחים געווען אן אומפארגיבלעכע זינד. שכל הישר האט אפגעטראטן דעם וועג פאר דעמאגאגישער און פאנאטישער פריידיקונג פון מענטשן וועמען מ'פארגעטערט. די וואס זעען ניט דאס ליכט זיינען די זין פון שטן; די וואס נעמען ניט דעם נייעם גלויבן דארפן אומגעבראכט ווערן.

דאס איז א ווייטערדיקע אנטוויקלונג

(המשך אויף זייט 27)

# ייִדישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניוּאיטי פאַנד

## איר קענט האָבן
## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל־פאַנד אַניואיטי־הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

✡

שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורכן פּאָסט
פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:

- - - - - - - - - - - - - - - - -

**MR. FRED KAHAN, Executive Vice-Pres.**

**JEWISH NATIONAL FUND**

**Western Region, Jewish National Fund**

**5410 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90036**

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name........................................................................

Address........................................................................

City..............................................Zip Code..........................




פון דעם, וואָס מ׳קען אָנרופן „מאָנאָסאַטאַניזם“, וואָס די קריסטלעכע וועלט איז אויף דעם באַשטאַנען אין משך פון דור דורות, אַז אַלע געזעלשאַפטלעכע איבלען שטאַמען פון די וואָס גלייבן ניט אין דעם „דערלייזער“.

אינדיווידואַליזם, נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם — אָט די אַלע אידעאַלן צו שאַפן מענטשלעכן וווילזיין, זיינען געוויס פון גרויסן באַטייט און ווערט; פון דעסטוועגן איז יעדער אידעאַל, מיט דער צייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעשטערנדיקער און געפערלעכער אידעאָלאָגיע.

אָט די טרויעריקע פאַרדאַרבונג פון אידעאַל איז דער עיקרשט צו מערקן אין דעם געביט פון סאָציאַליזם. קיין מאָדערנער דערהייבענער אידעאַל האָט צו זיך ניט געצויגן אַזוי פיל אַכטונג און פאַרהערלעכונג און אַלטרואיסטישע קנאות, ווי סאָציאַליזם.

אין די לעצטע פאָר צענדליק יאָר פון דעם 19טן יאָרהונדערט און אין משך פון דעם ערשטן דור פון 20טן יאָרהונדערט, האָט דער סאָציאַליזם פאַרמאָגט די אידעאַלסטע פאָרשטעלונגען פון דעם משיחישן געדאַנק. ער האָט פאָרגעשלאָגן די אַבסאָלוטע איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן, געגעבן אַ נייעם באַשייד פאַר די פּלאָגן און רישעות פון דער געזעלשאַפט, פאַרשריבן אַ רפואה שלימה פאַר די ליידן פון דער וועלט און געבראַכט די פאַרשטעלונג פון אַ וועלט שכולה טוב. ס׳האָט ניט געפּרײדיקט אין דעם לשון פון אוטאָפּיע, נאָר האָט באַטאָנט דעם אידעאַל ווי אַ וויסנשאַפטלעכע זיכערקייט; ס׳האָט געפּריידיקט דעם ווערט פון מענטש, האָט אומגעביטן געטלעכע השגחה אויף היסטאָרישן מאַטעריאַליזם וואָס פירט דירעקט און אויף אַ דיאַלעקטישן (לאָגישן) שטייגער צו דער אָפּשאַפונג פון אָרעמקייט אויף דער וועלט. די גוטע צייט וועט זיכער קומען, משיח איז שוין אויפן וועג.

אָבער ווי טרויעריק איז אָט דער אידעאַל פאַרשוועכט געוואָרן דורך דער קנאות וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט! די קנאות האָט צעשמעטערט דעם לאָגישן געביט פון איבערלייגונג דורך דער דאָגמאַטישער באַשטימונג, אַז אַלע אַנדערע אידעען און אידעאַלן זיינען ניט מער ווי דער שוים איבער די כוואַליעס פון עקאָנאָמישן קלאַסן־אינטערעס. אויף אָט דעם שטייגער איז מעסיקייט און איבערלייגונג דערקלערט געוואָרן פאַר אָפּאָרטוניזם און רעוויזיאָניזם — פאַר פאַרראַט.

אַזוי אויך דער אידעאַל פון נאַציאָנאַליזם.

לכתחילה האָט זיך נאַציאָנאַליזם אַנטוויקלט ווי אַ לייכטנדיקער, ווי אַ באַפרייענדיקער אידעאַל. ס׳וואָלט יעדן פאָלקסמענטש צוריקגעקערט זיין זעלבסטווערט און די פרייד און טרייסט פון זיין געשיכטלעכער געבונדקייט מיט זיין פאָלק. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך עס מיט ביטערער אַנטוישונג. ס׳האָט געבראַכט פאַרוויסטונג אויף דער וועלט. ביידע — די רישעות פון מוסאָליניס פאַשיזם אין איטאַליע און דער גרויל פון דייטשישן נאַציזם, האָבן זיך גענערט אויף דער נאַציאָנאַליסטישער דאָגמע. דער פאַשיזם אין איטאַליע האָט דעם עיקר געוויכט געלייגט אויף דער פאָדערונג פון דער מלוכה, און דער נאַציזם האָט שוין אויך אַרויסגעבראַכט די פאַרהערלעכונג פון ראַסיסטישער איבערהערשונג, די איינגלייבעניש אין דייטשן ווי דעם „הערנפאָלק“. אויך דאָ האָט מען ניט געטאָרט אַרויסברענגען אַן אָביעקטיוון געדאַנק — בלויז די אומזיניקע פּראָפּאַגאַנדע פון שינאה און טעראָר האָט זיך געלאָזט הערן. די „שטימע פון בלוט“ האָט די דייטשן איבערגעוועלטיקט: דאָס „הערנפאָלק“ איבער אַלץ! די וואָס פאָלגן דעם „געבאָט פון בלוט“ זיינען „די זין פון ליכט“, און אויב ניט, זיינען זיי די טייוואָלים, וואָס ס׳איז דער הייליקער געבאָט זיי אומצוברענגען. זיי זיינען דער גורם פון אַלע רישעותן. „לאָגישע“ אַרגומענטן האָבן ניט קיין באַטייט. היסטעריקע קריגט שליטה איבער געדאַנק. וואָס אַרט ווען דאָס סותר זיין זיך אַליין? לאָגיק איז חייב כרת, און די וואָס גלייבן אין דעם דאַרפן פאַרשניטן ווערן.

ווערט מוקשה: ווי אַזוי איז עס געקומען צו דעם, אַז דער אידלמוטיקער אידעאַל פון אידעאַלער פרייהייט, פון סאָציאַלע פירנעמונגען און נאַציאָנאַלער גרויסקייט — ווי אַזוי איז ער געוואָרן קאָרומפּירט אין צעשטערערישע אידעאָלאָגיעס? דאָס איז די צענטראַלע רעטעניש פון אונדזער דור. פאַר אַ סך פון אונדז

איז דאָס אַ „נאָך־אידעאָלאָגישע“ תקופה. מיר האָבן געזען אידעאָלאָגיעס אויפקומען און אומקומען. אונדזער עיקרדיקע דאגה איז צו זען אַז אידעאָלאָגיעס זאָלן גענוצט ווערן צום גוטן און ניט פאַרקריפּלט ווערן צום שלעכטס. און דאָ איז דאָס אָרט ווו דער יידישער שטייגער דענקען קען אויסגענוצט ווערן צום גוטן.

* * * * *

הומאַניזם איז דער שלאָגוואָרט און דער שורש אויפן סמך פון וואָס עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אַ סך פון די אידעאַלן פון דער נייער צייט, אידעאַלן פאַר מענטשלעכער אַנטוויקלונג, אַריינגערעכנט דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט דורך די ראָמאַנטישע פילאָסאָפיעס אין רוסלאַנד, פוילן, איטאַליע און, באַזונדערס, דייטשלאַנד, און וואָס האָט געפירט צו שאָוויניזם מיט זיינע טייכן בלוט פאַרגאָסענע פועל־יוצאס.

דערביי איז אויך נייטיק צו האָבן אין זינען, אַז מאַרקסיזם האָט זיך אַנטוויקלט ווי אַ טיף־הומאַניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַפרייען מענטש פון זיין שיפלות און צו אַנטוויקלען זיין ווערט, און צו וואָס זיין אולטימאַטיווער פירוש האָט געפירט זאָגן עדות די צענדליקער מיליאָנען קרבנות וואָס זיינען אויפגעבראַכט געוואָרן אויף זיין מיזבח.

ווי אַזוי, פרעגט זיך, זיינען די דאָזיקע צוויי אידעאַלן — הומאַניזם און נאַציאָנאַליזם — געוואָרן אַנטי־הומאַניסטיש? ווי עס זעט אויס איז ניט גענוג אַז אידעען זאָלן אַסאָציאירט ווערן צוזאַמען. אידעען שיידן זיך איינע פון די אַנדערע אויף משונהדיקע שטייגערס און מיט דער צייט פאַרקריפּלען זיי זיך.

אַזוי, למשל, די ווילדקייט און אַכזריות פון אַנטיסעמיטיזם. לכתחילה האָט זיך יידן־פיינטשאַפט אַנטוויקלט ווי אַ רעזולטאַט פון קריסטלעכן פונדאַמענטאַליזם. איצט האָט זיך עס אָפּגעשיידט פון איר קריסטלעכער געבוירמוטער און האָט זיך צוריק פאַראייניקט מיט אַנטי־קריסטלעכער געצנדינערישער אידעאָלאָגיע, ווי אַ פילאָסאָפיע פון ראַסיזם.

פאַר וואָס זיינען אַ סך פון די ביז איצטיקע מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס האָבן לכתחילה געהאַט די כוונה צו פאַרבעסערן די מענטשלעכע לאַגע, צו באַרייכערן מענטש, צו באַפרייען אים פון בייזקייטן— ווי אַזוי זיינען די דאָזיקע אידעאַלן דעגענערירט געוואָרן אין בייזקייטן, וואָס זיינען נאָך ערגער פון די אָריגינעלע רישעות פון וועלכע זיי האָבן מענטש באַפרייט?

דער ענטפער אויף דעם, ווי מיר זען עס, איז פשוט:

זיי זיינען די דאָזיקע אידעאַלן וואָס שטיצן זיך אויף איינפאַכער מענטשלעכער לאָגיק, אויף דעם ראַציאָנאַלן געדאַנק; זיי זיינען אָבער ניט געווען אָנגעהויכט מיט גייסט, מיט דעם יראת הכבוד פאַר דעם וואָס איז למעלה מן השכל, מיט ליבע צו דעם וואָס מיר באַגרייפן ווי געטלעכקייט. זיי האָט אויסגעפעלט די נשמה פון דעם וואָס איז איינגעוואָרצלט אין יידישע מידות, דער אידעאַל, דער רעליגיעזער געפיל, וואָס איז דער יסוד פון יידישקייט, וואָס איז באַגלייט פון מידת הרחמים, ליבע — די עיקרים וואָס שאַפן דעם בונד צווישן מענטש און מענטש און פירן צו יראת־הכבוד פאַר גייסטיקע ווערטן, וואָס זייער הויכפּונקט איז: „דע לפני מי אתה עומד“— אַז דו דאַרפסט אָפּגעבן אַ דין והשבון צו גאָט.

דער אַבסאָלוט און אומענדלעכקייט פון קדוש־ברוך־הוא צייגט אָן די פאַרהעלטניס־מעסיקייט און די ענדלעכקייט פון אַלץ וואָס געהערט זיך אָן צום הווה און צום באַלדיקן, דעם דאָהי און דעם איצט.

דער כוח־המושך פון אידעאָלאָגיעס באַשטייט אין דעם, וואָס זיי רייצן מיט זיכערע טענער און מיט ענדגילטיקייט. דער המון העם — בעסער געזאָגט, דער עם הארץ — וויל אויסמיידן די אַחריות פון אויסלייגן פאַר זי אַן אייגענעם וועג. דער כלל און יעדער יחיד פונעם כלל וויל זיך אונטערגעבן צו אַן אויטאָריטעט, צו זיין אַ גליד פון אַן אייגנשאַפט און אַ קוואַליטעט פון וואָס ער וויל באַרייכערט ווערן מחמת ער אַליין פאַרמאָגט עס ניט. פאַרן פאָלקסמענטש איז עליה נאָר דענסטמאָל מעגלעך, ווען ער קען אַרויסקריגן פאַר זיך אַ פונק פון דעם אַלגעמיינעם פלאַקער. אין אַ טיפער אמונה איז די מסירות־נפש „צו שטאַרבן בכדי צו קענען לעבן“ געווענדט צום „וועג פון קדושה“



אויף דער ערד, וואָס פירט צו איר פאַרווירקלעכונג.

דעם מענטשנס ליידנשאַפט משיג צו זיין דעם אַבסאָלוט און צו שטאַנדהאַפטיקייט איז געווענדט צו קדושה — דערוועקנדיק זיינע האָפענונגען און דערהאַלטנדיק זיין אמונה, בעת אין זיין עמפּירישער וועלט אַרבעט ער מיט אינסטרומענטן וואָס זיינען וואַקלדיק, מיטלמעסיק, עקספּערימענטאַל און פירן נאָר צו דער דערקענונג, אַז וואָס מער עס ווערט דערקענט אַלץ ווייניקער איז די דערקענונג.

סאָציאַל־געזעלשאַפטלעך האַלט אָן מענטש זיין גלויבן אין משיח. קיין חילוק ווי דער באַגריף משיח ווערט געטייטשט. אָבער גלייכצייטיק גייט צו מענטש מיט זיין ערדישער שטייגערישקייט — הלכה. זיין פאַרטראָגנקייט מיט זיינע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען און אינטערעסן באַווייזט דעם שטייגער פון זיין גלויבן. די הלכה, ד״ה לעבנסגאַנג, דערלאָזט אים ניט צו פאַרגליווערן זיך אין דאָגמעס. דער דערהויבענער משיחיזם פון זיין זעונג איז ניט משפיע צו פאַרוואַנדלען אין אַן אַבסאָלוט און אַן ענדגילטיקייט זיין טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער.

ווי אַזוי קען מען אויסמיידן צונויפצומישן די טאָג־טעגלעכע צייטיקע באַדערפענישן פון לעבן מיט דער וויזיע פון קדושה אויף אַ שטייגער אַז ס׳זאָל ניט זיין אַ ווידמונג דעם פאַנאַטיזם פון פונדאַמענטאַליזם, פון איין זייט, און דער נאַרעריי פון פאַלשן משיחיזם, פון דער אַנדער זייט?

דאָס קען נאָר דערגרייכט ווערן דורך דער דערקענונג פון דעם אַלגעמיינעם פּערספּעקטיוו וואָס ווערט איינגעשטעלט דורך דער סתירה צווישן קדושה און דעם שטייגערישן לעבן.

גאָט, אין וואָס פאַר אַ געשטאַלטונג מ׳זאָל אים ניט אָננעמען, איז פאַרהוילן פון מענטש, אָבער ער אַנטפּלעקט זיך צו אים ביסלעכווייז אויף צוויי שטייגערן— דורך דער פּראַקטישער און מאָראַלישער אויפפאָדערונג פון מענטשלעכן געוויסן, פון איין זייט, און פון דער אַנטוויקלטער וויזיע פון מענטש, אַז דורך מעשים טובים וועט ער גרייכן דעם געגאַרטן און געהאָפטן באחרית הימים.

ס׳איז דעם מענטשנס גורל צו לעבן אין שפּאַנונג, אויסדריקנדיק זיין גלויבן אין אַ פּראַקטישן שטייגער און האַלטן אָפן זיין גייסט פאַר אַ זאַך וואָס איז הינטער דעם האָריזאָנט פון זיין איצטיקן וויסן, היטן זיך קעגן דעם אָנצי פון פאַלשן משיחיזם, פון איין זייט, און פון דאָגמאַטישער עקשנות, פון דער צווייטער זייט.

דער ענטגילטיקער באַטייט פון גלויבן ווערט פאָרגעשטעלט פון די ערשטע צוויי געבאָטן פון עשרת הדיברות — אַ השגה פון פולקומענקייט און אַ התראה קעגן דער פעלשונג פון דער שלימות פון קדושה.

דער געדאַנק טאָר ניט זיין אָפּגעשלאָסן און פאַרזיגלט. ס׳דאַרף זיין אָפן פאַר שינויים, פאַר חשבון הנפש. די געדאַנקען וואָס צעטיילן מענטשן היינט, זיינען ניט עיקרדיק אין זייער עצם. להבא וועלן זיי געשיכטלעך אויסזען טריוויאַל. אַלע שטרעבן צו דערגרייכן גליק און סטאַביליטעט. דער חילוק באַשטייט נאָר אין דעם אופן ווי דאָס גליק קען דערגרייכט ווערן און וואָס איז דער עצם פון גליק. דאָס הייסט, דער חילוק ווערט סימבאָליזירט דורך דעם פּראַגמאַטישן געביט ווי צו גרייכן דעם ציל, ניט געאַכט וואָס דורך זייער טעטיקייט און פּראָפּאַגאַנדע ווערן זיי אויסגעדריקט אין אַבסאָלוטיסטישער און רעטאָרישער פּראַזעאָלאָגיע פון דער פאָרשטעלונג פון קדושה. אָבער נאָר קדושה איז מענטשלעכע ענדגילטיקע שטרעבונג; דער וועג צו דערגרייכן עס טאָר ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געץ.

אַבאַנירט און שטיצט
חשבון
די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן
אַ חוץ ניו־יאָרק

א. לוריא / ניו־יאָרק

# לידער

## אַלמאַשי טער

איך רייז און רייז פון לאַנד צו לאַנד
אַרום דער גאָרער רונדער ערד
און ריר זיך אַלץ ניט אויף אַ שפּאַן
פון פּלאַץ וואָס הייסט אַלמאַשי טער.

אַ פּלאַץ אין פּעסט* — אַ גרוי, אַ ענג,
איין הויף צום צווייטן קוקט אַרויס;
דאָרט האָט אַמאָל אַ יונג געוווינט
ביים טויער פון אַ ווייסן הויז.

איך ווייס דורכויס נאָך ניט אויף קלאָר,
וואָס דעמאָלט האָט זיין האַרץ געדריקט —
דאָס ווייסע הויז אַזויפל יאָר
פאַרגעסן קען ער אַלץ נאָך ניט.

ביז איצט אין יעדער שטאָט און לאַנד
אויף גאָר דער קיילעכדיקער ערד
אין ציטער ער נאָך אַלץ דערמאָנט
דעם פּעסטער פּלאַץ אַלמאַשי טער.

***

איך האָב מיין וועלט צעטיילט אויף צוויי:
אין זייט — אַלץ,
די צווייטע — לער.
און אַלץ וואָס כ׳האָב און מיר געהערט,
אַ ים די גרויס,
די גרויס אַ טרער,
ניט ווייס קיין מאָס, ניט ווייס קיין שיעור —
פאַר דיר,
פאַר דיר,
פאַר דיר,
פאַר דיר.
און וואָס איך טו
און זיך פאַרמעסט,
צו וואָס מיין האַנט ניט רירט זיך צו —
אַלץ דו,
אַלץ דו,
ביסט דו,
ביסט דו.
לעש אויס דיין העלע שיין, מיין אויג,
און ניט פאַרנויג.

*) פּעסט — אין אונגאַרישן יידיש דער נאָמען פון דער אונגאַרישער קרוינ־שטאָט בודאַפּעשט.

## אין פּאָליעסיע

אָ, ווייטע יוגנט אין פּאָליעסיע
צווישן אָזיערעס און מאָך,
כ׳בין ווידער אין מיין טאַטנס שטיבל
אין אונדזער וואַלדיק־טויבן דאָרף.

ווי ס׳האָט זיך גאָרניט דאָ געביטן,
דער זעלבער קליאָן ביים טויער בליט
און ס׳שפּילט אַ דודע פון די זומפּן
ווי העט מיט יאָרן לאַנג צוריק.

ווי העט אַמאָל, די אַלטע בילדער,
כאָטש בענטש, כאָטש שעלט —
אַלץ העק און העק;
און ס׳דוכט מיר — כ׳בין דער זעלבער בחור
ווי איידער כ׳בין פון שטוב אַוועק.

דער זעלבער יונג, און גיב אַ פייף נאָר,
וועט איצט דיין יוגנט דורכן ווינט
דעם עק צעלאָזן ווי אַ לאַשיק
צו דיר צו פליען קומען גרינג.

אָך, שפּרינגער מיינער אומגעצוימטער
אין גרינעם לאָן לעם קאַראַהאָד,*
עס וואָלט ביי דיין צעפּלאָמטער גריווע
זיך ניט געגרויט פאַר פרי מיין קאָפּ.

ווי אַלץ אָט דאָ האָט זיך געביטן,
אַ דודע נאָר פון זומפּן שפּילט,
און, ווי סוף־טאָג, אַ רויטער לאָשיק,
מיין יוגנט אין דער ווייט פאַרשווינדט.

*) נאָמען פון אַ דאָרף אין פּאָליעסיע.



# אונדזערע אבידות

א. גאָלאָמב

## י. י. שוואַרץ ז״ל

דורות ליכט און דורות ריינקייט
שטראָמען אין מיין בלוט;
אויף מיין מאַמען האָט אַ שיינקייט
צניעותדיק גערוט.

**י. י. שוואַרץ**

י. י. שוואַרץ איז געווען אַן אייגנאַרטיקער יידישער דיכטער. אָבער ווייט ניט אַלע האָבן באַנומען גלייך זיין אייגנאַרטיקייט. די טעג געלייענט אין אַ העברעישן זשורנאַל אַז „י. י. שוואַרץ איז געווען אַ העברעישער פּאָעט אין יידיש״... דערפאַר האָט ער, הייסט עס, זוכה געווען צו קריגן אַזאַ וואַרעמען נעקראָלאָג אין העברעיש, פון אַ כשרן „סופר עברי״ און אין אַ העברעישן זשורנאַל. דאַכט זיך מיר אַז דער דאָזיקער חשובער העברעישער שרייבער לעבט נאָך מיט די באַגריפן פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. היינט איז אונדזער הייסער באַגער ניט צו שפּאַלטן דאָס יידישע פאָלק נאָך מער ווי מיר זיינען — ניט צעשפּאָלטן נאָר צעברעקלט.

היינט איז אונדזער שטרעבונג ניט אַזוי צו ה׳ אחד, ווי עס זאָגט זיך אין אונדזער „שמע ישראל״, נאָר אַ סך מער צו „ישראל אחד״ און אָט זע איך אין י.י. שוואַרצן דעם דיכטער פון „ישראל אחד״, ווארום דער לאָזונג ישראל אחד האָט אַליין צוויי באַטייטן: אחד איבער לענדער און צווישן פעלקער, און אחד ווידער דורך דורות און תקופות. האָט דווקא י. שוואַרץ געדינט דעם ישראל אחד מיט זיין האַרץ און מיט זיין פּאָעזיע.

אַ ליטווישער בן הרב, אַליין אַ למדן, האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו באַהעפטן, צו פאַרבינדן ישראל איבער תקופות. זיין פּאָעטישע עפּאָפּעע „קענטאַקי״ האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דעם אָנהייב פון דער אויפגאָב — אַ ייד פון יענעם לאַנד, פון יענע וועלטן, בירגערט זיך איין אין אַ נייער וועלט — עס איז אַ פּאָעטישע בריק צווישן דעם אַלטן און דעם נייעם, צווישן דעם נעכטן מיט דעם נייעם היינט. מיר איז אויסגעקומען צו באַקענען יידישע יוגנט פון אַמעריקע מיט אָט דעם גראַנדיעזן ווערק. ניין, זיי האָבן ניט געקענט באַנעמען. מיין מי איז ניט געווען מיט דערפאָלג. אין דער אַלטער היים האָט מען מער געלעבט מיט פּאָעזיע אַ סך מער געטוליעט זיך צו איר. אַמעריקע איז צו ניכטער, צו וואָכעדיק פאַר פּאָעזיע.

שפּעטער האָב איך זיך באַקענט מיט זיינע „יונגע יאָרן״. אַ מין אויטאָביאָגראַפיע פון די יאָרן אין דער היים, אין ליטע, אין שטעטל ביים רב אין שטוב. דאָס בוך איז אַרויס אין מעקסיקע דורך דעם קעסל־פאַרלאַג, און עס האָט געהאַט די זעלביקע מערכה ווי יידישע פּאָעזיע בכלל. אויף אַ ספּעציעלן „בוך־יאַריד״, וואָס די קהילה האָט איינגעאָרדנט (נאָוו. 1960) זיינען געשטאַנען עטלעכע גרויסע פּעק ווי די דרוקעריי האָט זיי געשיקט מיט אַן אויפשריפט. „נעמט ווער עס וויל און וויפל מען וויל״... איך האָב גענומען אַ פּאָר צענדליק און צעשיקט. דערמאָן איך זיך בלויז דעם אָפּרוף פון אַ צווייטן ליטוואַק — א. קריב צו לענגערע יאָרן.

אַ סך מער מזל האָבן געהאַט זיינע איבערזעצונגען פון דער אַלטער און פון דער נייער העברעישער פּאָעזיע. שוואַרץ האָט צוריקגעגעבן ביאַליקן דעם יידישן פאָלק וואָס קען ניט קיין העברעיש. איך

האָב באַקומען די ערשטע אויפלאַגע פון שוואַרצס איבערזעצונגען אין ישראל. איך האָב געהאַלטן אין פאָרשן ווי פאַרדייט די יוגנט אין ישראל ביאַליקס פּאָעזיע. באַליק אַליין איז פאַרגעטערט געוואָרן אין ישראל. האָב איך געוואָלט זען וויפל די יונגע תלמידים פון מקווה ישראל און פון בן שמן דערמאָנען זיך אַ שורה, אַ זאַץ פון ביאַליקס אַ פּאָעמע. אויף וויפל איך דערמאָן זיך האָב איך ניט געהאַט קיין גליק, אַז איך זאָל אָנהייבן אַ זאַץ און עמיצער זאָל דאָס ציען ווייטער... איך האָב דעם זעלביקן עקספּערימעט איבערגעחזרט מיט איין אביטוריענט פון גימנאַזיע און — ביאַליקס פּאָעזיע איז פרעמד, ניט געקוקט אויף דעם גאַנצן ביאַליק־קולט אין לאַנד.

ניט אומזיסט איז עס געווען די לעקציע וואָס איך האָב אַמאָל געהערט פון אַ ירושלימער פּראָפעסאָר: „מביאַליק נקח רק את המלים ולא את התוכן הגלותי״ — (פון ביאַליקן וועלן מיר נעמען נאָר די ווערטער אָבער ניט דעם גלותדיקן אינהאַלט). אין עין חרוד האָט מיר אין 1927 געוויזן דער אויסגעצייכנטער לערער משה כרמי אַ בריוו וואָס זיינע תלמידים האָבן געשריבן צו ביאַליקן פאַרוואָס ער שרייבט אַ שלעכטן עברית...

גוטע ביאַליק־ליבהאָבער האָב איך יאָ געפונען אין וויטן קאַלטן וויניפּעג, וווּ מיר האָבן געלערנט זיינע פּאָעמעס דווקא אין דער יידישער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ. די ערשטע אויפלאַגע פון ביאַליק־שוואַרץ איז שוין געווען אין גאַנצן אויספאַרקויפט. איין עקזעמפּלאַר איז געווען אין שול, און אַ פופצן־יאָריקער בחור פלעגט אַלע טאָג קומען אַוועקזעצן זיך אין לערער־צימער מיט דעם ביאַליק־באַנד שטודירן. צו מיינע לעקציעס פלעגט ער ניט אַריינגיין. איך האָב געלאָזן. און אַלע טאָג, ווען איך פלעג צוריק אַריינגיין אין מיין צימער, פלעגט ער מיר כסדר דעקלאַמירן אַ נייע פּאָעמע און מיט אַזאַ ליבע! „הערט נאָר, הערט ווי ער שרייבט...!״

אין איינעם אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג איז געווען אָרגאַניזירט אַ ביאַליק־קאָנצערט. עס האָט אָנטייל גענומען די גאַנצע מיטל־שול. דער 15־יאָריקער „ביאַליקיסט״ האָט געלייענט אַ רעפעראַט וועגן ביאַליקן.

צופעליק איז אויף דער אונטערנעמונג געווען אין שטאָט ברוך צוקערמאַן ע״ה. ער איז געקומען. ערשט איך גיב אַ קוק: צוקערמאַן זיצט און וויינט. אָפּגעקערט זיך. אין אַ צייט אַרום האָט ער מיר געזאָגט: קיין מאָל ניט געזען אַזאַ אונטערנעמונג... דאָס אַלץ איז מעגלעך געווען אַ דאַנק שוואַרצס איבערזעצונג.

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער בין איך געווען אין וויניפּעג צום פופציק־יאָריקן יובל פון דער שול. אויף אַ היימישן אָוונט־ברויט ביי איינעם פון די אַמאָליקע תלמידים (אין 1964 שוין, דאַכט זיך אַ זיידע), איך הער מען דעקלאַמירט: „פאַרקלעמט און פאַרשעמט אין אַ ווילד־פרעמדן לאַנד״... און ביילקע, (שוין דאַכט זיך אַ באָבע) זיצט ביי דער פּיאַנע מיטן זעלביקן שמייכל ווי אַמאָל אין שול... באַקאַנטע קלאַנגען, ניט געכאַפּט זיך באַלד. „דאָס האָט איר דאָך אונדז אַמאָל געלערנט.״ זיך קום געכאַפּט אַז דאָס איז „שבויה עניה בארץ נכריה״ פון שלמה אבן גבירול. אַלץ איבערגעזעצט פון י. י. שוואַרץ.

איז דאָס געווען ביי אים אַזאַ באַשטעלונג? חס ושלום! דאָס איז אַ פּאָעט וואָס האָט זיין פּאָעטישע נשמה אַריינגעוועבט אין דער אייביקייט פון יידישן געפיל און פּאָעזיע. ביי מיר אין די אויגן איז עס אַ העכערע מדרגה ווי שעפן בלויז פון זיך. דאָס איז אַן אַריינלעבן זיך אין „ישראל אחד״ דורך אייביקע דורות. ער האָט די געזאַנגען נישט סתם איבערגעזעצט — ער האָט זיי איבערגעדיכטעט איבערגעזונגען דורך זיין נשמה. ער איז געווען דער יידישער דיכטער ניט בלויז פון זיין יאָרהונדערט, פון צוואַנציקסטן, ביי ער איז געווען דער דיכטער פון אַלע יאָרהונדערטער זינט דאָס יידישע פאָלק לעבט. דאָס איז גאָר אַ הויכע מדרגה. יחידים קענען זוכה זיין צו אַזאַ.

רש״י איז געווען דער בעל התורה פון משה רבינו ביז אונדז. דער רמב״ם — ווי אַ פילאָסאָף, איז ניט געווען דער דענקער פון אַלע יידישע דורות. איך דערמאָן זיך ניט איצט ביים שרייבן אַזאַ דענקער ביי יידן וואָס זאָל פאַרבינדן אַלע יידישע דורות. י. י. שוואַרץ האָט אויף זיין געביט דאָס יאָ דערגרייכט! דער דיכטער פון



אַלע יידישע דורות. איבערהויפּט פיל איך עס ווען איך לייען זיין איבערזעצונג פון דער רעליגיעז־פילאָסאָפישער פּאָעמע „כתר מלכות״ פון שלמה אבן גבירול.

פאַראַן אין דער גמרא אַ געדאַנק: דער אָדער אַ צווייטער איז ווערט געווען אַז די שכינה זאָל אויף אים רוען, אָבער דער דור איז עס ניט ווערט געווען... איך זע, ווי די ווערק פון י. י. שוואַרץ זיינען געדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן ביי יידן, דערמאָן איך זיך יענע גמרא...

„אונזער ליד פון שפּאַניע״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט 40 יאָר צוריק (1931) דורך „פילאַדעלפיער צווייג פון יידישער קולטור - געזעלשאַפט״ עליה השלום. אַ מצווה־אויסגאַבע. „קענטאָקי״ איז יאָ אַ בוך וואָס האָט זוכה געווען צו דריי אויפלאַגעס (ביי מיר — די דריטע אין יאָר 1938) אָבער ווידער אַרויסגעגעבן פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ווידער אַ מיצווה־אויסגאַבע. „ביאַליקס לידער און פּאָעמען״ — די ערשטע אויפלאַגע אין די דרייסיקער יאָרן (איך האָב זי ניט)! די צווייטע — פון י. ווינעצקי אין מעקסיקאָ, 1945. ווינעצקי ע״ה איז דעמאָלט געווען אַ סוחר, וואָס האָט טאַקע קיין מסחר ניט געוווסט. ביאַליקס עסייען — פון פאַרבאַנד 1946 (דאַכט זיך יאָ אַ באַשטעלונג אָבער ווידער לשם מיצווה. „יונגע יאָרן״ 1954 — אַ מצוה־אויסגאַבע פון מעקסיקאַנער מעצענאַט צבי קעסעל (זייער שלעכט, כמעט גאָרניט פאַרשפּרייט!). שאול טשערניכאָווסקי „לידער און אידיליעס״ 1957 — איז ווידער אַ מצווה־אויסגאַבע פון דער „יידישער קהילה און שאול טשערניכאָווסקי־קאָמיטעט אין קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ״ ... דאַכט זיך מיר קודם כל אַז שוואַרץ האָט געזוכט אַ מצווה־פאַרלאַג ווייטער, ווייל אין די שטאַטן איז שוין אַזאַ ניט געווען בנמצא. צווייטנס בין איך חושד אַז דער גאַנצער „קאָמיטעט״ איז אַ פּסיידאָנים פון איינעם אָדער צוויי געטרייע ליב־האָבער פון דער יידישער ליטעראַטור. (ניטאָ דאָרטן אַזאַ שטענדיקער קאָמיטעט).

שוואַרצס אייגענע „געקליבענע לידער״ זיינען אַרויסגעגעבן אין 1961 — ווידער דורכן פאַרבאַנד, ווידער לשם מצווה, ניט לשם מסחר. וואָלט אָבער דער היינטיקער דור (דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון היינט) זוכה געווען וואָלט געווען אַ יידישע יוגנט וואָס רעדט און לייענט און לערנט יידיש, וואָלטן יידן ניט נאָר געקעמפט פאַר יידישער קולטור אין רוסלאַנד, נאָר זיי וואָלטן אַליין אויך פאַר זיך אַליין, וואָלטן געווען קאָמערציעלע פאַרלאַגן; וואָלטן יידישע שרייבער געקאָנט לעבן פון זייערע ביכער; זיי וואָלטן ניט געדאַרפט זוכן קיין מיצווה־פאַרלעגער.

אַזוי איז געשטאָרבן איינער פון אונדזערע, דער בעסטער דיכטער פון אונדזער אייביקייט, י. י. שוואַרץ איינזאַם די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, דאַכט זיך אויך איינזאַם ביי זיין טויט.

תנצב״ה.

יצחק קאָלער

# לזכר יעקב גלאַטשטיין ז"ל *)

יעקב גלאַטשטיין איז אין דער יידישער ליטעראַטור אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג. ווי אַ יונג ביימעלע האָט ער זיך געשפּראָצט אינעם יידישן ליטעראַטור־גאָרטן מיט נישט קיין אייגנאַרטיקע פרוכטן. ווי גאָר אַ סך אַנדערע האָט ער ביים אָנהייב זיך אויך געוויגט — הגם זעלטן — מיט בלאָזנדיקע רעוואָלוציאָנערע ווינטן, וואָס האָבן זיך דענסטמאָל אַריינגעריסן אינעם יידישן לעבן. אין זיינע ערשטע לידער, ווי אויך דערציילונגען און עסייען, איז ער נישט געווען שטאַרק אָנזעעוודיק. זיינע טריט זיינען געווען לייכט און פלינק, אָבער נישט קיין פעסט פאַרוואָרצלטע. ער אַליין האָט פון אָנהייב גענומען טראַכטן פון ווערן אַן אַדוואָקאַט. אָבער דער כוח פון יצירה לאָזט ניט אָפּ, ער מאָנט און וועקט און לאָזט נישט רוען. ער שרייט: „כי לכך נוצרת"!

אַזוי טרעפט אַ מאָמענט אינעם מענטשלעכן לעבן וואָס באַווירקט מיט זיין כוח צו בייטן, דורך אַ חשבון הנפשדיקן סך־הכול, דעם פּרצוף פונעם פריער כסדרדיקן געדאַנקען־גאַנג אין אַ נייער ליניע. בליציק שנעל קומט טייל מאָל אַזאַ וואָגיקער טאָן וואָס קירעוועט דעם מענטשן אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג און הייבט אים אויף אין די העכסטע הייכן צו ווייזן אים פון דאָרט דעם גרויזאַמען און בלוטיקן תהום פון אונדזער תוהו ובוהו וועלטל מיט זיין ווירוואַר און כאַאָטישקייט און אין דער זעלבער צייט ווייזט עס אים דעם צוריקוועג צו זיין אייגענעם איך.

דאָס איז געשען מיט יעקב גלאַטשטיינען. אַ געדאַנק וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דערשיטערנדקיער אַנטוישונג אינעם געוויסן פון דער וועלט, האָט געעגבערט זיין מוח ווי אַ טיטוס־פליג און האָט אָנגעריסן אַ סטרונע ביים האַרץ פונעם צאַרטן דיכטער שרייענדיק. „אַל דמי לך"! דערקען די זונהדיקע צנועה מיט אירע פאַלשע חן־גריבעלעך און ליגנעריש־ציניש־פאַרפירערישן שמייכל. שפּיי אָט דער פאַסקודנער צירלעך־מאַנירלעך וועלטל אין פּנים אַריין. חבר זיך נישט מיט איר. גט איר אויף אייביק אָפּ. דערקען דיין אייגענעם שטאַם. פאַרטיף זיך אין זיינע פאַרוואָרצלטע מאָראַלישע יסודות. גלאַטשטיין פאָלגט. ער שרייבט דאַן אָן דעם גט־פּטורין צו דער וועלט מיטן נאָמען „אַ גוטע נאַכט וועלט":

„אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט,
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיקער, געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראָט,
אויף מיין אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ."

גלאַטשטיין איז נישט פון די ערשטע וואָס גייען צוריק אין געטאָ און דערזען דעם מאור היהדות וואָס באַהויכט מיט טיפער נשמהדיקייט זייער גאַנצן ישות. דאָס איז אויך געשען מיט מ. ל. ליליענבלומען, מיט י. ל. גורדון, משה העס און אַנדערע. די פּאָגראָמען אין 1881-82 יאָרן האָבן געעפנט די אויגן פון אַ סך פאַרבלענדטע יונגע לייט זיך אויסצוניכטערן פונעם השכלה טשאַד. דער העברעישער שרייבער און היסטאָריקער א. ז. ראַבינאָוויטש האָט בשעתו געוואַגט אַרויס־

*) דעם מאמר וועגן יעקב גלאַטשטיין האָט יצחק קאָלער געשריבן פאַרן „חשבון" לכבוד זיין 75 יאָריקן יובל. צו אונדזער אַלעמענס טיפן צער ווערט עס איצט געדרוקט איבער דעם פרישן קבר פון אָט דעם גרויסן פּאָעט און טיפן, פילנדיקן, חכמהדיקן דענקער.

אַלץ וואָס מיר קענען איצט זאָגן איז חבל על דאבדין ולא משתכחין. אָבער „משתכחין" וועט יעקב גלאַטשטיין, האָפן מיר, קיין מאָל ניט ווערן. די ירושה וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט איז זייער גרויס. מיר האָבן אמונה, אַז עם ישראל וועט עס האַלטן אין דיינע גנזים.

די רעדאַקציע



צוגיין אין „השילות" מיט אַ גאָר שאַרפע קריטיק קעגן דעם באַרימטן בוך פון לעסינג „נתן החכם". ער שרייבט:

„...נתן החכם הוא האידיאל של הטמיעה, ולא לחינם ששו לקראתו בני ישראל בתקופת הטמיעה ויהי להם לאלהים, כי בו נסתכלו וראו את חפץ לבם בצורה היותר נשגבה לפי דעתם, אבל אנחנו עתה אין אנו רואים בו כי אם אליל יפה שבו נתגבשו דעות והרגשות של העבר. את האליל הזה נביא אל המוזיאום, אל ההיסטוריה של עמנו, להיות למשמרת אתנו, אבל בהיכל הקודש לא נציגהו, לא נשתחווה אליו ולא נקריב לו קרבנות."

(השילוח זיבעטער באַנד)

(... נתן החכם איז דער אידעאַל פון אַסימילאַציע, און נישט אומזיסט האָבן זיך יידישע יונגעלייט געפרייט מיט אים אין די אַסימילאַציע יאָרן און ער איז געוואָרן זייער גאָט, ווייל אין אים האָבן זיי דערזען זייער העכסטן ציל אין דער, לויט זייער שכל, שיינער פאָרם. אָבער מיר איצט זעען אין אים נישט מער ווי אַ שיינעם געטש אין וועלכן עס זיינען פאַרקערפּערט געדאַנקען און געפילן פון דער פאַרגאַנגענהייט. דעם אָפּגאָט וועלן מיר ברענגען אין מוזעאום, צו דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, ער זאָל אונדז אויסהיטן, אָבער אינעם היכל הקודש וועלן מיר אים ניט אַוועקשטעלן, מיר וועלן זיך נישט בוקן און נישט מקריב זיין צו אים קרבנות).

אין זיין געזעגענען זיך מיט דער פאַלשער און געמיינער וועלט רופט אויס יעקב גלאַטשטיין:

„כ'גיב דיר, וועלט, צושטייער,
אַלע מיינע באַפרייער.
נעם צו די יעזוס־מאַרקעס, ווערג זיך
מיט זייער מוט.
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פון אונדזער
געטויפּט בלוט."

גלאַטשטיין, וועלכער ווערט אַ טיפער גלייביקער אינעם קיום האומה, פאַרענדיקט דאָס ליד מיטן יידישן טאָן פון ביטחון:

„ס'וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פאַרקוואַרטן."

ער וואַרפט צוריק אויך זייער פאַלשע טרייסט און זאָגט שטאָלץ:

„איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו דלד אמות,
פון וואַגנערס געץ־מוזיק צו ניגון,
ברומען.
כ'קוש דיך, פאַרקאָלטנט יידיש לעבן.
ס'וויינט אין מיר די פרייד פון לעבן."

(אַפּריל, 1938)

מען דאַרף נעמען אין זין אַז אינעם יאָר 1938 איז ערשט געווען דער אָנפאַנג פון צעבליעכץ פון דער מגיפה משוגעת „היטלעריאַדע"". פוילן איז נאָך דאַן נישט געווען פאַרכאַפּט פון די דייטשן און רוסן, און דאָס פּוילישע, ליטווישע, לאַטווישע יידנטום, ווי אויך די אַנדערע מערב־אייראָפּעישע און צענטראַל־אייראָפּעישע לענדער זיינען נאָך נישט געלעגן צעטראָטן אונטערן דייטשן קנאַפּל. דערפאַר האָט דאָס ליד דענסטמאָל אַרויסגערופן אַ סך קעגן־טענות. ה. לייוויק האָט דענסטמאָל געשריבן, צווישן אַנדערעס: „...צי גלאַטשטיין האָט טאַקע געמיינט דאָס וואָס אַנדערע האָבן געמיינט — ד"ה פשוטו כמשמעו, גיין און פאַרשליסן זיך אין די ווענט פון אַ געטאָ, צוריקציען זיך פון דער וועלט — צווייפל איך אין דעם... איך בין זיכער, אַז דאָס איז ניט געווען גלאַטשטיינס כוונה."

(עסייען און רעדעס, ז' 128)

וואָס די סיבה זאָל ניט געווען זיין, זינט דער דאָזיקער דאַטע קריגט יעקב גלאַטשטיין אַ גאָר גרויסן תיקון. זיינע לידער קריגן אַן אַנדערן קלסתר פּנים. ער ווערט דורכויס יידיש נאַציאָנאַל. ווען ער גייט צוריק אין זיינע דלד אמות אַנטפּלעקן זיך פאַר אים רחבותדיקע האָריזאָנטן פון אונדזער הייליקער ירושה. ער הייבט אָן זיך באַפעסטיקן און באַקרעפטיקן מיט יידישן ביטחון, מוט און גבורה. זיינע לידער זיינען יידישע. ער ווערט באַהויכט מיט קולטורעלע קדושה־מאָטיוון. ער איז היפּשלעך אונטערן איינפלוס פון דער נאַציאָנאַלער העברעישער פּאָעזיע. אין זיינע אהבת ישראל־לידער שפּירט איר די טריט פון אַ אורי צבי גרינבערג:

...אחי, יהודי־הפאות, בטלית ותפילין,
בשטרימלך של שבת וחג, שהם זכר לכתרים,

ובז׳ופיצות משי ואַטלס בברקו הדהה
של חרב מכסף עתיקה...

...עתה נפתח בי חתוך הנפש היהודית,
אני ממשיך עלי קדושת בית אבא
אני ממשיך עלי קדושת בית אבא היהודי,
שהוא לעת שחיטה
הבית היחיד בעולם.
(אורי צבי גרינברג: אחי יהודי הפאות)

אַזוי זינגט גלאַטשטיין אין זיין ליד, „די לודמירער מויד קומט צוריק פון וויסטן וואָגל״:

„...נאָך שקיעה, אייערע באַשטריימלטע קעפּ
זייבעץ שלאָפנדיקע פינצטער־קרוינען.
די אַלטע פּנימער אייערע זייבעץ איצט
אי אימהדיקער, אי שענער.
אין מיינע אויגן איז פאַרשפּיגלט
אייער צער, אייער מינדסט ליד.
זאָלן וואָגלען באַזאַמען די בעסטע,
די טרויעריקסטע ייִדישע מענער.
ס׳וועט זיי באַגלייטן די זינגענדיקע ליבשאַפט
פון אַ ווייבערישן גוטן ייִד.״

אויך דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער, חיים נחמן ביאַליק, האָט געלאָזן זיינע שפּורן אויף גלאַטשטיינס דיכטונג. גלאַטשטיינס ליד „זיי הייליק״ ברענגט די אַסאָציאַציע פון ביאַליקס „אם יש את נפשך לדעת״. גלאַטשטיין גייט צוריק צו דעם ייִדישן קוואַל און רופט אויס.

„...זינג אין מיר אַריין,
מיט גרויסע אותיות
גלייביקע ייִדיש נאַכט.
מיט געוויין פון דער ווייבערשער שול,
מיט די טרערן פון די זקנים,
וואָס פאַסטן פון זיך אַרויס
דעם לעצטן טראָפּן חיות,
ביז זיי ווערן ליכטיק
און שלאָף ווי מלאכים...״
(זיי הייליק)

ער הייבט אָן שטעלן דעם טראָפּ אויף ייִד:

„...ס׳ייִדישע וואָרט בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן.
און יעדער ברכה איז באַטעמט,
יעדער וואָרט טוט שמעקן,
יעדער וואָרט טוט טריפן,
און יעדער וואָרט איז באַזאַפט מיט באָבעשאַפט...״
(ס׳ייִדישע וואָרט)

האַרציק ייִדישלעך באַזינגט ער זיינע טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, אַריינגענעמענדיק זיי אינעם אַלגעמיינעם סך־הכל פון ייִדישע האַרציקייט:

„ווען מיין טאַטע איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר,
האָט ער אָנגעטאָן די עלטער
ווי אַ ייִדישע קרוין.
ער האָט פאַרנומען זיין אָרט אין דער הייליקער עדה,
און מיט צערטלעכער טאַטעשקייט
געוואָרן מיין זיידע...
„...כ׳באַקלאָג און באַוויין דיך, טאַטע,
און דו לעבסט אין מיר,
כ׳קוש די טריט פון מיין בענקשאַפט נאָך דיר...״
(אַ ייִדישע קרוין)

אַ ייִד צו זיין מיינט נישט נאָר וויטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם און טראָגן דעם שטאָלץ פון דער גאָלדענער קייט נאָר עס מיינט.

„...ווי אַ געטרייער טרעגער טראָגן די לאַסט
פון אַ לאַנג פאַרגעסענעם אומגליקס־בלאַט.
אויפשוידערן מיטן געזאַנג פון גרויסן סדום,
וואָס מאַכט ימים־טובים פון רישעות...
(קדושה)

## ייִדיש־חסידישע מאָטיוון

אַזוי ווי פּרץ, אַנסקי און אַנדערע ייִדישע דיכטער דערזעט גלאַטשטיין דאָס גרויסע אינערלעכע ליכט פונעם ייִדישן שטייגער לעבן וואָס באַווירקט דאָס נאָר־וואָס געבוירענע עופהלע ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג:

„...געבענטש זאָלן זיין די ליבע אויגן,
וואָס האָבן מיר פאַרמצווהט
שטיקער רוי לעבן, שטיקער גראָז,
וואָס אויף זיי רוט איצטער מיין קאָפּ
און חלומט שאַרפע חלומות...״

אין גלאַטשטיינס שאַפונגען גייען אַריין אייניקע לידער וועגן דעם גרויסן חסידישן רבי און פּאָעטישער נשמה „רבי נחמן בראַצלאַווער״ וועלכער האָט געפילט דעם באַשעפער אין יעדן שטיינדעלע און גרעזעלע, אין יעדן וואַסער־קוואַל און בערגעלע. געפילט דאָס קלאַפּנדע האַרץ פונעם בורא עולם. יעדער טאָג איז פאַר אים געווען אַ נייער מעשה בראשית:

„...און אָט אַזוי האָט אַ ברוגזע וועלט
זיך צעמאָרגנט, צעשטראַלט און צעהעלט...
.... אָט ווי איך דערצייל דיר, האָט עס פּאַסירט
כעלות, ווען איך האָב מיטן וואַלד שפּאַצירט,
זע איך דעם מאָרגן גייט אויף אין דער קרום
און די גאַנצע יצירה איז ברוגזלעך שטום...״

רבי נחמן זעט אינעם גרויסן וועלט־באַשאַף די טיפע מיסטישע געהיימניס פונעם בורא עולם, און דעם מענטשנס קליינער נישטיקייט וואָס זוכט אַ ידיד אינעם גאָט באַנעם:

„פון דער וויטנס ווינקען שטילערהייטן.
סוף כל הדברים, אויס און אויסער.
קליין און קלענער דער גרעסטער גרויסער.
קליין און קלענער, נישט און נישטער...

ווי אַ געניטער קינסטלער נעמט גלאַטשטיין ייִדיש־חסידישע מאָטיוון און שלייפט זיי, ווי באַשטויבטע בריליאַנטן באַשיינט ער זיי און פאַסט זיי וווּנדערלעך אַריין אין זיין שפּרודלדיקער שפּראַך־יצירה. נייע באַגריפן פון אַלטע ווערטן ווערן דורך אים פאַרטיפט און באַלויכטן. אָט ווי ער שילדערט רבי נחמנס ליבע צום ייִדישן קינד.

„...דאָס לאַמטערנען ברענט אין אַ ייִדיש ייִנגעלע,
ס׳הערצל ווערט אַ לאַמטערנען
וואַקסט דאָס ייִדעלע,
וואַקסן די לאַמטערנען,
וואַקסט דאָס ליכט—אַ גרויס ליכט...״

דאָס קליינע ייִנגעלע וואַקסט אַריין אין דער הייליקער עדה און נעמט אויף זיך די הייליקע ייִדישע התחייבותן. און רבי נחמן דערקלערט מיט התלהבות און ניגון וואָס עס מיינט זיין אַ ייִד:



„...כ׳בין אַ גוטער ייִד, אַ גוטער ייִד,
וואָס באַטייט עס?
געכאַפּט און זיך אַליין אָנגעטאָן אַ כתר.
און ווער ווייסט נאָך פון מיר בעסער,
ווי שווער ס׳איז צו זיין אַ גוטער ייִד.
אוי, טשירי באָם, אַ גוטער ייִד.״

רבי נחמן צעגייט זיך אין נגינה און דערקלערט:

„...וואָס מיינט זיין אַ ייִדעלע?
ס׳מיינט דאָך, גוואַלד, ס׳מיינט דאָך,
טשירי באָם, טשירי באַם.
ס׳מיינט דאָך— כולו גוטסקייט,
כולו האַרציקייט,
כולו ליבשאַפט,
כולו פרומקייט,
אוי, ס׳מיינט דאָך זיין אַ ייִד.
כל ימי חייך— זיין אַ ייִד...

...וואָס פּשוטער, וואָס פּראָסטער,
וואָס קלענער, וואָס וואַרעמער,
וואָס בעסער, וואָס האַרציקער,
וואָס ליבער, וואָס פרימער...״

גלאַטשטיין גיט אויך זיין אייגענעם באַגריף וואָס עס מיינט זיין אַ גוטער ייִד. אין אַ ליד מיטן נאָמען „און זאָג״ שרייבט ער.

„...ווילסטו וויסן, וואָס אַ גוטער ייִד איז?
אין דורכצימער פון גראָזן
פאַרנעם דאָס לשון פון יחידות.
הער אין גראָזן דער מינדעסטער מצוה.
זאָל דיר פון די גרעסטע תענוגים זיין ליבער
דער פאַרחלשטער הונגער
צו ווערן דער אליהו
פאַר קליינע, טרויעריקע ייִדישע שטיבער.״

אין זיינס אַ ליד, וואָס הייסט „בת־קול״, באַזינגט ער אַ ייִדן אַן אַפּיקורוס, וואָס האָט נישט געגלייבט אָבער האָט געהאַט אַ וואַרעם ייִדיש האַרץ און אַ ברייטהאַרציקע אָפענע טיר. און ווען זיין נשמה איז אַרויס פונעם גוף—

„...האָט ער דערשפּירט אַ ליכטיקן באַריר.
אַ בת־קול האָט אויסגערופן:
לאָזט אַריין דאָס ווידערשפּעניקע קינד מיינס,
דורך אַ פּאַראַדנע טיר.״

בײַ גלאַטשטײנען געפינט מען אַ שלל חסידישע מאָטיװן. ער זינגט זײ אױס. ער טײַטשט זײ אױס, מיט זײער תמימות און זײער פּיקחות. אַזױ װאַקסט פאַר אונדז דער פּרצוף פון ר׳ יוסף לאָקש פון כעלם אין אַ ריזיקער געשטאַלט, ממש די פאַרקערפּערונג פונעם װעלט־צער:

„װער קאָן פאַרטראָגן אַ יונגן יתומס
געװײן,
אָדער די טרערן פון אַן אָרעמער אַלמנה,
דעם עלנט, װי אַ שטײן, פון אַן עקרה,
אָדער די פאַרשעמטקײט פון אַ מיאוסער
עגונה?

װי טיף דורכגעטראַכט שילדערט גלאַטשטײן דעם שװערן יאָך פון דעם אײנגעשפּאַנטן רב, װאָס טראָגט די רבנות־קרױן. ר׳ יוסף לאָקש פּראָטעסטירט מיט אַלע רמ״ח איברים און שס״ה גידים:

„...װאָס קרױנט איר מיך?
איך בין נישט ראױ.
װי קום איך פּסקנען שאלות?—
איך האָב נישט דעם ענטפער.
אַז אין קאָפּ בײַ מיר שװישטשען
אַצינדערט
כלערלײ פײגעלעך מיט קלאָץ־קשיות.
װער איז גערעכט? דער בעל עגלה?
דאָס פערד?
אָדער גאָר די בײַטש?
װו ליגט דאָ דער טײַטש?"

דער סענסיטיװער און פײַנפילנדיקער ר׳ יוסף לאָקש פילט און פאַרשטײט די לײדן פון אָרעמע און דערשלאָגענע. ער פילט אױך שטאַרק מיט די שטומע ברואים:

„...אָבער ערגער פון אַלץ איז דער
שטומער צער
פון אַ געשלאָגן פערד.
די בײַטש כװאָשטשעט איבער דער
ליבער פעל.
דער שװערער קאָפּ בײגט זיך נידריקער,
אָן פאָרװורף, אָן אַנטקעגנשטעל,
אָן װידערשטאַנד.
פאַרן כּסא הכּבוד זאָל אַזאַ װײטיק
זיך קומען אױסטענהן —
ריבונו דעלמא, פאַרװאָס?..."

דער דיכטער זעט אױך האַרציקע גוטסקײט אין „עמך", דעם פּשוטן פאַרהאָרעװעטן האָרעפּאַשניק. מיט שפּאַקולן פון אַ רבי יצחק באַרדיטשעװער זעט ער דעם דורכשניטלעכן טיפּ ייד מיט זײַנע קלײנע עבירהלעך און מיט זײַן שטאַרקן קלאַפּן זיך על חטא:

„...שמירסט די רעדער און ס׳דאַװנט
אין דיר.
נאָך אײדער דו זינדיקסט,
איז שױן גרײט דײַן האַנט
פאַר דעם על חטא.
און זינדיקן זינדיקסטו קײן מאָל ניט,
ביזן נפש, ביז בלוט.
ביזט אַ דערשראָקענער קעשענע־גנב.
שמוגלסט קלײנע עבירות,
די גרױס פון דיאַמאַנטן.

...פון ערשטן ביסן װאָס דו לײגסט
אין מױל,
ביז טוסט אױס די שיך צו גײן אין בעט.
קײנער באַגרײַפט ניט װי דו פּשטלסט
אַ גאַנצן טאָג דעם תּירוץ.
ביזט פרומער פון דײַן זײדן.
דײַן פרומקײט שנײדט דיך מער
װי זײַנע שאַרפסטע רצועות."

(דײַן כּזית ירושה)

* * * * *

## מוזיקאַלישע מאָטיװן

יעקב גלאַטשטײן שטאַמט פון אַ ײדיש־מוזיקאַלישער משפּחה. זײַן פעטער איז זין קאָמפּאָזיטאָרן װאָס האָבן געשאַפן זין קאָמפּאָזיטאָן, װאָס האָבן געשאַפן האַרציק־ײדישע ניגונים צו פאַרשײדענע פאָלקס־לידער. יעקב גלאַטשטײן אַלײן איז באַשאָנקען געװאָרן מיט אַ שטאַרקן מוזיקאַלישן חוש פאַר נגינה. ער פלעגט ליב האָבן די מוזיקאַלישע שאַפונגען פון שאָפּענס נאָקטורן:

„...אַלע טאָג װעסטו פאַרגײן אין מיר.
אַ פאַרװאָלקנטער פאַרגאַנג,
און טױטערהײט װעסטו גרינען
װי בלעטלעך פון געזאַנג.
...אָ, טאַטואיר מיך מיט דײַן טױט־
געשטאַלט.
יונג, אַרײַן אין מיר, װער אין מיר אַלט.
װער אױס אין מיר, װער אין מיר אײַן.
און איך װעל קוים מיט דיר זײַן.
קוים, קוים.

אין יאָר 1946 גײט אַרױס אַ ביכעלע לידער פון פאַרלאַג מתּנות, מיטן נאָמען „שטראַלנדיקע ײדן". אַלע לידער אױף ײדישע מאָטיװן. ה. לײװיק שרײַבט װעגן דעם, צװישן אַנדערעס. „די באַצײכענונג שטראַלנדיקע ײדן איז שײַכות מיט די ײדן װאָס זײַנען געגאַנגען צום גאַזקאַמער, געהערט צו אַ הײַנטיקן װוּנדערלעכן ײדיש פּאָעט אין אַמעריקע, יעקב גלאַטשטײן". (עסײען און רעדעס, ז׳ 120).



צװײ לידער זײַנען דאָרט פאַראַנען, װאָס אײנע איז װעגן די שאָפּען־נאָקטורן, און האָט אַ שײַכות נאָר מיטן דיכטערס געמיטצושטאַנד, דאָס צװײטע איז װעגן מאָצאַרטן:

„...זײַן אַפּאָסטאָל בין איך איבער דער
װעלט געלאָפן
און באַקערט יעדן אײנעם װאָס כ׳האָב
געטראָפן.
אומעטום װו כ׳האָב געכאַפּט אַ קריסט,
האָב איך געשמדט אױף אַ מאָצאַריסט."

חלומט זיך דעם דיכטער אַז „גױים האָבן מאָצאַרטן געקרײַציקט און אים באַגראָבן אײַן אַן אײזל־קבר, נאָר ײדן האָבן אים געמאַכט פאַר גאָטס מענטש, און זײַן געדעכעניש געבענטשט."

„װי װוּנדערלעך איז פון געטלעכן מענטש
זײַן מוזיקאַלישער טעסטאַמענט,
װי דורכגענאָגלט מיט געזאַנג
זײַנען זײַנע ליכטיקע הענט.
אין זײַן גרעסטער נױט
האָבן בײַם געקרײַציקטן זינגער
געלאַכט אַלע פינגער.
אין זײַן ײװײנענדיקסטן טרױער
האָט ער נאָך מער װי זיך אַלײן
ליב געהאַט דעם שכנס אױער.
װי אָרעם און װי קאַרג
אַנטקעגן מאָצאַרטס פאַרבלײַב,
איז די דרשה אױפן באַרג.

(געמײנט די באַרימטע דרשה פון יעזוסן)

אַזױ שטעלט גלאַטשטײן אַ מצבה אױף מאָצאַרטן און נעמט אים אַרײַן צװישן די חסידי אומות העולם, װאָס זײַנען אַ באַשטאַנדטײל פון כּלל ישראל.

* * * * *

## קינות און חורבן — אומקום און אױפקום

װען מיליאָנען ײדן זײַנען געפירט געװאָרן צום טױט דורך מיתות משונות אין גאַז־קאַמערן און אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. האָט די גאַנצע װעלט, װי גלאַטשטײן האָט דאָס בחוש פאָרױסגעזען, געפרעסן און געזױפן, אָדער אין בעסטן פאַל, געשװיגן. ער שילדערט אין זײַנס אַ ליד, „דער װעלט־בױך", אָט די הילולות און שיכּרות:

„...ס׳מאַרשירן די קײלערס פון סדום,
מיט די פאַרבלוטיקטע פאַרטעכער.
געװאַלט, אַזױפיל שױמענדיקע ביר־
פעסער,
אַזױפיל פאַרשײַטע גאָפּל־מעסער,
אַזױפיל פילדערנדיק געשיר,
אַזױפיל װײַן, טאַנץ, ליכט, קאָליר.
ער פאַרענדיקט דאָס ליד מיט דער װײטערדיקער סטראָפע:
„...מיאוסער, תּמעװאַטער װעלט־בױך.
מיר זײַנען דאָך אַזױ מיליאָנענװײַז
נישטאָ,
אַזױ שװידערלעך נישטאָ..."

צענדליקער זײַנען זײַנע לידער פון דעם פאַרשניטענעם טײל פון ײדישן פאָלק. אַלע זײַנע בײנער װײנען אין אים. װי ביאַליק, שניאור, אורי צבי גרינבערג און אַנדערע װערט ער אױך אַ שטיק לעבעדיקער פאַרביטערטער װײטיק. צום צענטן יאָרצײַט פון געטאָ־אױפשטאַנד שרײַבט ער אַן אַ גרױסע פּאָעמע. „קינות אױף די נשמות פון ײדישע שטעט":

„נשמות פון ײדישע שטעט,
באַהאַלטן אין די פאַרמעטן פון אײביקײט.
װעלן זײ אױפשטײן פון טאָל פון טױט?
װעט אױף זײ אַ בלאָז טאָן די זװנג
פון לעבן?
נאָר דו, מײַן גאָט, װײסט װי שטאַרק
זײ זײַנען געװען.
װײַל דו האָסט זײ געבױט מיט דײַן
פאַרשטאַנדיקער גבורה..."

און װו איז די װעלט? פאַר װאָס שװײַגט זי? גלאַטשטײן קאָן זײער גוט סײ דעם פּשוטן רוצח װי אױך די אינטעליגענץ און זײער פינצטערער שינאה צום ײדן:

„...זײ װײנען בײַ בעטהאָװענס
קװאַרטעטן.
פאַרצײכענען און געדענקען מאָראַלישע
זאָגן.
העלפן דעם ברודער אַן עול צו טראָגן.
האָבן ליב פרױען־קעפּ צו גלעטן.
זײ זײַנען שלאַנק און ציטערדיק װי
אַ ליד,

ווערן זינגעוודיק אין זונפאַרגאַנגען.
נאָר טאָמער דערזען זיי אַ ייד,
ווערן זיי פּלוצים אוראַנגוטאַנגען.

עס בעטן זיך ממש צו ציטירן אייניקע לידער פון שוידערלעכן חורבן, אָבער נישט אַ קורצער אַרטיקל איז אַ פּלאַץ דערפאַר. איך קאָן זיך אָבער נישט העלפן און וויל נאָר ברענגען איין קליין לידל, וואָס שילדערט אַזוי פּאַטעטיש דעם טראַגישן אומקום פון יידישע משפּחות:

דורכן קרעמאַטאָריע־קוימען
קרייזט אַרויף אַ ייד צום עתיק־יומין.
און ווי נאָר דער רויך פאַרשווינדט,
קנוילן אַרויף זיין ווייב און קינד.
און אויבן אין די הימלישע הויכן,
וויינען. בענקען הייליקע הויכן,
וויינען, בענקען הייליקע רויכן.
גאָט, ווו דו ביזט דאָ,
דאָרטן זיינען מיר אַלע נישטאָ.

(רויך)

דער גרויסער העברעיש־יידישער דיכטער, חיים נחמן ביאַליק, דער דיכטער פון צער און צאָרן, איז אויך געווען אַ דיכטער פון האָפענונג און נחמה. ער שרייבט אין זיין ליד „גלוסט זיך מיר וויינען".

„דורכשלאָגן זאָלן זיך אייערע טרערן!
גרינגער זאָל ווערן און פרייער זאָל
ווערן! —
אפשר, ווער ווייסט, וועט נאָך גאָט
אַ מאָל געבן:
איבערגיין וועלן די פינצטערע צייטן,
אויך אונדז וועט אפשר געראָטן, ווי
לייטן,
בעסערס און שענערס דערלעבן."

ביאַליק האָט נישט געהאַט די זכיה צו זען דעם אויפקום פון אַ יידישער מדינה, אָבער ער האָט וועגן דעם, ווי אַ סך אַנדערע, געחלומט און געהאָפט. גלאַטשטיין האָט, ווי מיר, דערלעבט צו זען ווי דער חורבן האָט אויסגעשמידט אַ נייעם און שטאָלצן ייד, וואָס בויט אַ לאַנד. ער האָט געזען אומקום אָבער האָט אויך געהאַט די זכיה צו זען דעם אויפקום פון מדינת ישראל:

„...ס'וואַרעמט זיך מיין אַלטע ערד.
ס'טריפן אויף איר זוניקע טראָפּנס.
ס'ווערט מיין אַלטע ערד מיר
אַ הייליקער צוקאָפּנס."

ער שילדערט אָט די פּליטים, די צעבראָכענע שאַרבנס אין וועלכע עס לעבט אָבער דער אומשטערבלעכער ווילן צוריק צו ווערן אַ פאָלק:

„...נישט קיין טרוקענע ביינער,
נאָר צעבראָכענע שערבלעך,
עפּן אויף די טויערן
און מאַך אונדז אומשטערבלעך..."

און אָט ווי ער שילדערט די נאָר־וואָס אויסגעפּיקטע מדינה.

„...ווייסטו ווי ס'שמעקן די יונגע ביינדלעך
פון ערשט־געבוירענע קינדער
קענסטו דעם פרימאָרגן־אַראָמאַט
פון פריש געבעקס?
אַזוי שמעקט די יונגע יידישע געשיכטע.
באַטעמט איז יעדער ניי געשריבן בלאַט.
און דו ביזט דאָ אין יעדן וואָרט,
ביזט יונג מיט אַ יוגנט
וואָס האָסט אויסגעוויינט מיט דיינע
אויגן..."

גלאַטשטיין האַלט גאָר שטאַרק פונעם יידישן גייסט און זשעני. ער זעט ווי די שטראַלנדיקע יידן זיינען באַהויכט מיט מוט און קדושה און זיינען ראוי מתקן צו זיין די וועלט מיט אירביישפּיל פון בוי, אַרבעט און ברידערלעכקייט.

„דיין זיידע איז געווען יידל מיטן פידל.
דו ביזט אַ ווירטואָז,
האָסט געראַטעוועט דיין סטראַדיוואַריוס
מיט דיין יידישער נאָז..."

ער האָט ליב זיך צו באַנוצן מיט מוזיקאַלישער טערמינאָלאָגיע.

„...מיין אָנגעסטראָיעט אויער
איז אַ קפיצת הדרך.
דעם מינדעסטן שאָרך דיינעם דערהער
איך.
מיט אַ קאַפּיטל תהלים
קען איך דיר גלייך דערגרייכן.
דיינע בערג ווי די טאַנצנדיקע ווידערס,
ווי שאָף דיינע הייכן.

(געזאַנגען)

ער שילדערט די גרויסע פרייד פונעם עולה, וואָס האָט זוכה געווען צו פאָרן קיין ארץ ישראל נאָך אַזוי פיל פּיין און מאַטערנישן:

„פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל,
וויינען אין אים אַלע פריידן.
וואָס נענטער ער קומט צום טויער,
פאַרגינט ער זיך נישט דאָס לעבן.



גוואַלד און ס'טייטש!
וויינען אין אים אַלע פריידן.

(פאָרט אַ ייד)

מיט דיכטערישער וויזיע שטעלט ער זיך פאָר אַ לאַנד פון יושר און צדק לפי תורת הנביאים:

„...דער יתום וועט אַקערן,
די אַלמנה וועט שפּינען,
דעם אָרעמאַנס קול וועט זיין געלעכטער.
דעם משפּט וועט שטענדיק געווינען
דער גערעכטער.
קיינער וועט זיין חבר נישט דריקן,
נישט באַצווינגען.
אין מיטן מאַרק וועט זיצן
דער פּאָעט און זינגען.
... דער ניגון פון האַמער,
די פרייד פון דער זעג.
אָ, דאָס וועט געשען אין אונדזערע
אייגענע טעג..."

(אָנהייב)

דאָס איז בתכלית הקיצור יעקב גלאַטשטיין דער דיכטער. ער איז אָבער אויך געווען אַ גרויסער פּראָזאַיקער און אויך אַן עסייאיסט און פּעליעטאָניסט פון גרויסן באַטייט. מיט זיין פּעדער פּלעגט ער שאַרף רעאַגירן אויף אינערלעכע און אויסערלעכע עוולות און אומרעכטן. זיינע אַרטיקלען פּלעגן געלייענט ווערן פון ברייטע שיכטן פונעם יידישן פאָלק. ער איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז. אָבער ער האָט איבערגעלאָזט אונדז אַ גאָר רייכע ירושה וואָס איז פאַרן נפטר די שענסטע מצבה.

## טאָניע אָמאַן

# מיין פאָטער ז"ל

„שלאַנק איז ער געווען
ווי דער צעדערבוים אין ציון,
שיין ווי די זון צווישן וואָלקנס,
ווי די בלומען וואָס אין גן־עדן בליען."

אַזוי האָט מיר מיין מוטער
אים פאַר מיר געמאָלן
ווען איך בין נאָך
אַ קליין קינד געווען.

„זיין פּנים האָט אַ ליכט אַרומגערינגלט,
זיינע אויגן טיף מיט סודות פול;
ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן
זיינען פּערל אַרויסגעקומען פון זיין מויל.

אומענדלעך איז געווען זיין גלוסט נאָך וויסן,
אין דעם קוואַל פון תורה האָט ער געזוכט
זיין דאָרשט צו שטילן,
דעם סוד פון באַשאַף זיך צו דערוויסן
און די נאָענטקייט פון גאָט צו דערפילן.

ווי אַ ליכטיקער שטראַל פון באַשעפער
איז ער צו אונדז אַראָפּגעקומען,
האָט באַלויכטן פאַר איין רגע אונדזער לעבן
און דער בורא האָט אים באַלד צו זיך
צוריקגענומען."

אַזוי, מיט פאַרטרוימטע אויגן,
האָט געמאָלן פאַר מיר מיין מוטער
די ליכטיקע געשטאַלט
און וווּנדער־מעלות פון מיין פאָטער.

זיין בילד איז איינגעקריצט געוואָרן
אין מיין האַרצן
און אירע ווערטער — אין מיין זיכרון,
ער איז פאַר גאָט מיין גוטער בעטער,
ווען איך פיל זיך עלנט און פאַרלאָרן.

ווען אַ כמאַרע ווייזט זיך אויף מיין הימל
און איך פיל זיך אין דער גאַנצער וועלט
אַליין,
ווענד איך מיין תפילה צו מיין פאָטער
גאָט צו בעטן די כמאַרע זאָל פאַרגיין.

און ביז היינט, זינט מיינע קינדער־יאָרן,
ווען אַ וואָלקן שרעקט מיך מיט געפאַר,
זע איך באַלד מיין הייליקן בעטער
און פיל זיין האַנט גלעטן מיינע האָר.

# לייזער און מרים מעלצער ע״ה

הנאהבים והנעימים — די באַליבטע און ליבע אין זייער לעבן, צומאָל אין זייער טויט האָבן זיי זיך ניט געשיידט (תרגום יהואָש).

לייזער מעלצער ע״ה איז מיט פינף און אַכציק יאָר צוריק געבוירן געוואָרן אין מינסק, דערצויגן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון דעם „בלינדן מגיד" און הרב ר לייזער ראַבינאָוויטש. נאָך גאָר יונג איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער מינסקער גרופּע פּועלי־ציון, האָט דאָרט אַרויסגעגעבן אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש בלעטל: „דער יונגער יידישער אַרבעטער" און האָט אויך פאַרעפנטלעכט פּובליציסטישע אַרבעטן אין דער רוסישער און יידישער פּרעסע אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען.

אין אָנהייב פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט איז ער אָנגעקומען קיין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. דאָרט איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער און נייעס־עדיטאָר פון „קאַנאַדער אָדלער", געוועזן דער גרינדער פון דעם דאָרטיקן פּועלי־ציון פאַריין און פון די פאָלקסשולן פון די יונגע פּועלי־ציון. ער איז אויך געוועזן דער דירעקטאָר פון דעם ערשטן געווערקשאַפטן (הסתדרות) קאַמפּיין אין מאָנטרעאַל.

צוליב עקאָנאָמישע סיבות זיינען די מעלצערס מיט זייער פאַמיליע געוועזן געצוווּנגען זיך אַריבערציען קיין ניו־יאָרק, וווּ ער איז פאַר אַ צייט געוועזן לערער אין די אַרבעטער רינג שולן. דערנאָך האָט ער מיט זיין משפּחה אַרויסגעוואַנדערט קיין לאָס אַנדזשעלעס, ווו ער האָט מיט דערפאָלג אָנגעפירט די אַקציע פאַרן קרן קימת.

עס איז שווער צו שרייבן וועגן לייזער מעלצער און דערביי ניט דערמאָנען זיין טייערע לעבנס־באַגלייטערין מרים. זי איז אים דורך זייער לאַנג־יאָריקן צוזאַמענלעבן געוועזן אַן אמתע עזר כנגדו. זי איז אויך געוועזן אַ לערערין, אַן אַקטיווע טוערין אין דער הדסה און פּיאָנערן פרויען־באַוועגונג; האָט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער פּאָעזיע, און דעם גאַנצן איינקונפט פון זיי אַוועקגעגעבן אין ישראל פאַר אַ פאָנד צו העלפן שרייבערס אַרויסצוגעבן זייערע ווערק.

און הגם זיי זיינען געוועזן אַזוי טעטיק פאַרן כלל, האָט דאָך דאָס זיי דאָס לעבן געגעבן איין שרעקלעכן שטויס נאָכן אַנדערן: לעבנדיק אַזאַ טראַדיציאָנעלן און אין דער זעלבער צייט מאָדערן יידישן לעבן, איז קיין וווּנדער ניט וואָס זייערע דריי זייער גראָטענע טעכטער זיינען געוועזן באַאיינפלוסט פון זייערע עלטערן און זיינען געגאַנגען אין זייערע וועגן. אָבער, ווי טרויעריק דאָס איז געוועזן, די מעלצערס האָב איז גאָר אַ קורצער צייט פאַרלוירן צוויי פון זייערע טעכטער. דאָס איז געוועזן אַ גרויליקע טראַגעדיע אין זייער לעבן און דאָך האָבן זיי ניט אויפגעגעבן זייערע טעטיקייטן סיי דאָ הי אין לאַנד און סיי פאַר ישראל. ישראל איז איצט געוואָרן זייער גרעסטער אָנהאַלט אין לעבן און זיי האָבן באַרייזט ישראל עטלעכע מאָל.

זייער איינציק פאַרבליבענע יינגסטע טאָכטער האָט זיך באַזעצט אין אָוקלאַנד, האָבן זיי זיך אויך אַריבערגעצויגן קיין אָוקלאַנד, און ווי געווינלעך, זיינען זיי באַלד געוואָרן דאָרט טעטיק, געגרינדעט אַ פּועלי־ציון צווייג אויפן נאָמען פון נחמן סירקין, געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען פאַרן „חשבון" און פאַרן „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", געגרינדעט אַ לייען־קרייז; געלערנט דאָרט יידן צו לייענען און שרייבן יידיש, און קורץ נאָך זייער פייערן זייער פינף און זעכציק יאָריקער חתונה, איז זייער דריטע טאָכטער אויך פּלוצלונג געשטאָרבן. איז זייער גרויסער אומגליק געוועזן גאָר ניט זיך פאָרצושטעלן. אָבער ווידער טאַקע, איז זייער מוט און אונטערנעמונגס־גייסט ניט אָפּגעשוואַכט: זיי זיינען ווידער געפאָרן קיין ארץ ישראל, דאָרט אויפגעבויט אַ „מעלצער יתומים־הויז" צו פאַראייביקן די נעמען פון זייערע טעכטער.

קומענדיק צוריק אַהיים, האָבן זיי זיך איצט געפילט אין אָוקלאַנד זייער עלנט און האָבן צוריק זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס, ווו זיי זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס. ווידער געפּרוווט ווערן טעטיק, אָבער פון די אַלע איוב־יסורים, וואָס זיי האָבן געליטן, האָט עס אונטערגעגראָבן זייער געזונט און מרים איז באַלד געשטאָרבן, און דאָס איז שוין געוועזן צופיל פאַר אים, פאַר לייזערן צו פאַרטראָגן, און אין געציילטע עטלעכע וואָכן איז אויך ער אַוועק אין דער אייביקייט.

מיט זייער אַוועקגיין איז אַוועק, קען מען זאָגן אַן אינסטיטוציע. סיי אין קאַנאַדע, סיי אין אָוקלאַנד און אין לאָס אַנדזשעלעס איז זייער טיש שטענדיק געוועזן געגרייט און זייער הויז אָפן פאַר קולטור־רעלע, פאַר פּאַרטיי טעטיקייטן און פאַר אומצייליקע פריינד און חברים וואָס זיי האָבן געהאַט. זיי וועלן אונדז אַלעמען אויספעלן און מיר וועלן זיי שטענדיק געדענקען. תנצב״ה.

ז. בונין



ז. בונין

# מיין פאָטער אפרים יצחק ע״ה

עס זיינען לעצטנס דערשינען ביכער אויך אָפּהאַנדלונגען אין פּעריאָדישע אויסגאַבן פון וויל־באַוואוסטע שרייבער וועגן זייערע טאַטעס, וואָס זיינען אויך געוועזן באַוואוסט אין דער יידישער ליטעראַטור. האָט עס אויך מיר געגעבן אַן אָנרעגונג צו שרייבן וועגן מ י י ן פאָטער, וואָס הגם ער איז ניט געוועזן „באַוואוסט" ווי אַ שרייבער, אָבער לויט מיין מיינונג איז ער געווען אַ גאָר גרויסער טאַלאַנט, און בלויז דערפאַר וואָס ער איז אַלע זיינע יאָרן פאַרבליבן אין זיין קליין שטעטל (מענאַ, טשערניגאָווער גובערניע) צווישן „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות", זיך קיין מאָל ניט באַגעגנט מיט מענטשן וואָס זיינען געוועזן באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור; אַ ייד וואָס האָט נאָר זיך געגריבלט אין דער תלמודישער ליטעראַטור — האָט ער ניט געהאַט דאָס מזל פון א מ. ב. וואַרשאַווסקי, וועמען שלום עליכם האָט אַנטדעקט, און וואָלט ער אַרויס אויף די ברייטערע שליאַכן פון דער וועלט, וואָלט ער געוועזן ניט ווייניקער באַקאַנט — טאַקע ווי אַ וואַרשאַווסקי, אליקום צונזער, וועלוועלע זבאַרזשער אָדער שמואל שמולעוויטש, און עס איז באמת אַ וואונדער ווו עס האָט זיך ביי אים גענומען אַזאַ סטיל, אַזאַ געזונטע פאָלקס־שפּראַך מיט זיינע גראָטענע גראַמען!

וואָרום שרייב איך גראָד איצט וועגן מיין פאָטער, איז ווייל עס איז איצט געוואָרן הונדערט און פינף און צוואַנציק יאָר פון זיין געבוירן־טאָג, און מחמת דעם דרוק איך איצט זיינס אַ ליד, וואָס ער האָט געשריבן מיט הונדערט יאָר צוריק, „דער אָרעמאַן", אויך אַן אַרבעט זיינס: „דער דלות", און פראַגמענטן פון אַ פּאָר פון זיינע פּורים־לידער.

ווען איך ציטיר זיינע לידער, באַנוץ איך זיך מיט זיין אייגענער אָרטאָגראַפיע. כאָטש די אויסדרוקן: „וואָש", „דאָש", „גרויש" אא״וו, האָט ער אין זיין טאָג־טעגלעכן ריידן גענוצט די ווערטער: „וואָס", „דאָס", „גרויס", נאָר ער האָט מן הסתם געמיינט אַז אַזוי איז שענער צו שרייבן...

ער איז געוועזן אַן אמתער טרובאַדור, מיט דעם צוגאָב וואָס ער האָט „טרובאַדירט" לידער מיט די מעלאָדיעס, וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט; פלעגט גיין פּורים איבער די הייזער און זיי זינגען און אַזוי אַרום קלייבן געלט אויף מעות חיטים פאַר אָרעמע לייט. ער איז אויך געוועזן אַ שוישפּילער, ער האָט זיך געגרימירט, זיך „פאַרשטעלט" פאַר אַ בלינדן, ווען ער האָט געזונגען אַ ליד פון אַ בלינדן, אָדער טאַקע דאָס ליד פון דעם „אָרעמאַן", האָט ער פאַרוואָרפן אַ פּאָר טאָרבעס אויף די פּלייצעס, זיין לאַנגע באָרד פאַרבויגן אונטערן קאָלנער, אָנגעטאָן אַן אַלט, צעריסן און אָפּגעטראָגן היטל, אַזוי אַז עס איז שווער געוועזן אים צו דערקענען....

אַז ער האָט שטאָלצירט מיט זיין שרייבן, וועט דינען דער פאַקט, וואָס ווען איך בין געוועזן אַרום פופצן יאָר אַלט, און אָנגעשריבן מיין ערשטע ליד און עס פאַר אים פאָרגעלייענט, איז ער זייער באַגייסטערט געוואָרן און אויסגעשריען צו דער מאַמען: „באַשע, באַשע, קום נאָר אַהער, זושקע האָט מיך געיירשנט!..." ער האָט דערפילט

אַז ער גיט מיר איבער זיין טאַלאַנט ווי
אַ ירושה. און אָט דער אויסדרוק. „ער
האָט מיך געירשנט", האָט מיך שפּעטער
באַוויגן אָנצושרייבן אַן אויטאָביאָגראַפי־
שע פּאָעמע: „ירושה", וואָס איז געדרוקט
אין מיין בוך „פון פרילינג ביז האַרבסט."
און דאָס זיינען אייניקע מוסטער־לידער
פון מיין פאָטער:

אפרים יצחק בונין

# לידער

## איך — אָרימאַן

איך אָרימאַן — ווי פינצטער איז מיין וועלט,
מיין ביטערקייט ווי גרייש איז מיר,
ביז וואַנען איך קלייב צונויף עטליכע
קאָפּיקעס געלט,
ווער איך אויסגעריסן גאָר אָן אַ שיעור!
אוי, מיר איז ניט גוט!
עס צאַפּט זיך מיר מיין בלוט!
אויף דעם פינצטערן, דעם ביטערן ברויט,
איך קרייז אַרום די וועלט,
איך לייד הונגער און קעלט —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!

באַלד ווי איך גיי באַר אַוועק פון דער היים
און טו אָן די טאָרבע אויף די פּלייצן,
אַזוי לאָז איך מיין געזינד אָן אַ ביסן ברויט
שוין.
ביטאָ וואָס צו קאָכן און מיט וואָס צו הייצן.
היינט ווי קען מיר איינגיין מיין ביסן,
ווען איך טו מיר גאַנץ גוט וויסן,
אַז איך האָב זיי געלאָזן אָן אַ ביסן ברויט,
און מיט בלוטיגע טרערין
טוען זיי זיך נעבאַך גינערן —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!
ווי איך גיי אַריין אין אַ שטוב און שטעל
זיך לעבן טיר,
אַזוי גייט מיר ניט איין מיין לעבן,
אַז איך ווייס עס איז אַלץ איינס: דער נגיד,
דער גביר,
מער ווי אַ גראָשן וועט קיינער ניט געבן.
עס וואָלט נאָך אַלץ געוועזין גוט,
ווען מען צאַפּט מיר ניט מיין בלוט,
וואָלט איך זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב
שטילערהייט.
אָבער אַז ניט פון די געבער
הייבין אָן נעמען דעם לעבער —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!
אַנ'אַנדערער איז זיך מישב גאָר
מיט אַ פיינער טענה,
איך קען אייך שווערן ריכטיק, קלאָר —
ער האָט אין דער היים אַ דירה אַ פיינע.
יאָ, מי קען די לוקאַווע!
זיי קלייבן געלט אין חאַליאַווע,
און מי גייט אַרום פאַרמאַסקירטערהייט
אין לאַטעס מיט שמאַטעס —
און אין דער היים פירט מען זיך
באַלעבאַטיש —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!

דערווײַלע גייט דורך וויפיל שעה אויפן
טאָג —
איך האָב נאָך גאָרניט גיהאַט אין מיין מויל.
עס ציט מיך די האַרץ, ווי פון אַ זייגער
די וואָג,
און אַליין בעטן עסן בין איך נאָך אַלץ פויל.
און ווען איך ווער שוין אַ גוטער בעטער —
איז דאָ הייסט מען קומען שפּעטער,
און דאָ זיצט נאָך אין אויוון דער ברויט.
דערווייל דערהער איך אַ קול:
ער האָט שוין גיגעסן דריי אָדער פיר מאָל —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!

## דער דלות

אפילו עס איז ניט כדאי די צייט צו רייבין
קאַטאָוועס צו טרייבין,
נאָר עס איז זייער אינטערעסנע צו
באַשרייבין.
עס איז שוין דערינען געוואָרין
היפּש עטליכע יאָרין,
אַז דער דלות איז גיקומען אין מענאַ*)
און פאַרמאָגט ניט קיין צובראָכענעם שאַ**)
און האָט זיך פאַר אַ גאַנצין אורח פאַרשטעלט

*) מענאַ — אונדזער שטעטל אין אוקראַינע.
**) שאַ — אַ האַלבער גראָשן.



און מיך האָט ער דעם ערשטין ניט גיפעלט.
ווי ער איז נאָר גיקומען,
האָט ער זאַך פאַר מיר ניט נאַרעש גינומען.
פון אָנהויב אָן,
האָט ער מיר אָנגעהויבין קאַפּאַסטין צו טאָן:
גיבראָכין, גישטאָכין,
פאַרגאָסין, פאַרשאָטין,
אַזוי ווי אימיצער וואָלט אים גיבאָטין.
ביין, עס וואָלט מיר ניט גיוועזן אַזוי גרויש
דער פאַרדראָס,
ווען איך זאָל כאָטש וויסן
פאַר וועמען און פאַר וואָס
דער מאַט, דער פלוט,
ער רוט ניט אַ מינוט,
נאָר ער טאַנצט און שפּרינגט אַרום,
ער איז ביי מיר אומעטום:
ער איז אין הויז, אין שטאַל, אין קלייט,
ער פוילט זיך ניט און גייט,
ער לאָזט ניט דורך אין איין אָרט,
נעכייי יעמו טשאָרט,
אַנ'ערך וואָס איז אים דערפון,
אַז מי טראָגט אַרויס דער בהמה
די פאָילע אין אַ טשיהון?
איז ווי מי האָט נאָר פאַרגעסין
צו היטן די מינוט, וואָס די בהמה האָט
אָפּגיגעסין
אין אַ גוטער שעה —
דער טשיהון איז שוין ניטאָ!
זוך היינט, זוך מאָרגן,
מי דאַרף שוין אַנ'אַנדערן באַזאָרגין.
ווען איך קויף פאַר דער בהמה היי,
אָדער אויף הייצין שטריי,
אַזוי לאָזט ער אָפּין די שטאַל.
דברים אחרים מאַכין אַ גאַנצין פּריוואַל,
און עס גייט אַוועק אין כף־הקל...
פּסחדיקע פּאָסודע ווען איך טו נאָר
פאַרגרייטין
פון איין יאָר אַפּין צווייטין —
אַזוי טוט ער מיך באַלייטין:
עס טראָגין אים שיידים
צו די פּאַסודע אַפּין ביידים.
מי חאַפּט זיך איבער אַ יאָר —
מי דאַרף צוקויפין האַלב אָדער גאָר.
איך זאָג אייך —
עס איז פּשוט צו שרייבין אין די גאַזעטין...
איך האָב אַנומאָלט גידאַרפט פון דער היים
אָפּטרעטין,
האָב איך אַ טראַכט גיטאָן אין דער גייך:
איך וועל גאָר נעמין דעם דלות מיט זיך.
אפשר וועט ווערין אין דער היים אַ ליכט
אין די אויגין.
אַז עס וועט גאַנץ זיין וואָס מי וועט שטעלין
און וואָס מי וועט לייגין.
און אפשר, דער פּרא אדם, דער שוטה,
וועט זיך פאַרקוקן אַף די דאָמען די
גרוישע, די רייטע,
וועל איך עס גאָר מאַכין די פּליטה.
גיוויינטליך די עטליכע טעג
וואָס איך בין געוועזן אין וועג
האָב איך גילידין יסורים גאָר אָן אַ ברעג.
אָבער איך בין געוועזן צופרידן מיט דעם
גליק
וואָס אין דער היים וועט גישעהען —
אַז מי וועט דעם דלות אין די אויגין ניט
זעהען.
און ווי איך בין גיקומען צוריק,
אַזוי האָב איך גינומען באַזוכין מיין גליק.
ערשט איך האָב דערוויסט אין אַלמער
די פּאַסודע שטייען
יעדער טעלער און גלאָז אויף צווייען.
די סאַכערניצע אָן אַ דעק,
די בהמה מיט אַ צעריסענעם עק,
די וואַסער־דייזע אָן רייפן —
הכלל, מי מוז אַלעס פון דאָס ניי קויפין.
האָב איך צו אים גיזאָגט:
— גוואַלד, ברודער, דו ביזט דאָך ערשט
מיט מיר
אַריין אין טיר;
אין דער איין מינוט
האָסטו זיך איספּראַוועט אַזוי גוט!
זאָגט ער: נאַר, אומזיסט האָסטו נחת
גיקליבין:
איך בין לכתחילה אין דער היים געבליבין,
איך האָב זיך פון אָרט ניט גירירט.
דאָס האָסטע גאָר מיין שותף דעם שלים־מזל
מיט זיך גיפירט.
נו, מיינע פריינט,
וואָש זאָגט איר היינט —
טאָמער האָב איך גיוואָלט דעם דלות זאָל
פון מיר אַראָפּ —
נאַ דיר נאָך אַ שלים־מזל אויף מיין קאָפּ!
איך האָב גיזעהען מענטשין גיין באָדין זיך
אין טייך,
בין איך גיגאַנגען מיט אַלעמען גלייך.
אַלע נאַקעט, אַלע הייל,
קלער איך זיך: גוט ווייל!
איך וועל זיך צווישין
אַלעמען פאַרמישין,

וועל איך מער פון זיי ניט וויסין.
ערשט ווי איך האָב זיך אָנגיהייבין אָנצוטאָן,
אַזוי זיינען זיי לעבין מיר אבערנייס קאָן!
איך האָב שען גיפּרואווט אַ פּאָר וואָכין
ניט הייצין, ניט קאָכין,
טאָמער וועלין זיי ווערין פון מיר צוקראָכין.
איז כאָטש גיב זיי אַ גישוויר —
און זיי גייען ניט אַוועק פון מיר,
און ג״ב״ה ווייס ווי לאַנג עס וועט זיין
דער שיעור!

## פּורים-ליד

פאַרצייטין צוריק מיט וויפיל יאָרן —
איז אונזערע עלטערן געווען ניט גוט.
אין איין האָר איז פון זיי גאָרניט געוואָרן.
עס וואָלט זיך גיגאָסן טייכן בלוט.
נאָר דורך די טרערין און געוויין
פון דער אידישער גימיין,
האָט זיך גאָט דערבאַרימט מיט זיין גינאָד
און האָט פאַרקערט אין דער גיך
זיינע שעפעליך צו זיך,
זיי זאָלן זיך פיטערן ביי אים אין סאָד.

עס איז געוועזין אַ קיניג אַחשורוש,
אַ דוראַק, אַ גרויסער נאַר.
ער האָט אויפגינומען המנ'ען
איבער אַלע האַרן אַ האַר;
וואו ער וועט גייך און שוועבן,
זאָל מען אים כבוד אָפּגעבן.
אַלע זאָלן פאַר אים בייגן דעם רוקן,
פון גרויש ביז קליין,
סיי רייך, סיי גימיין
זאָלן פאַר אים זיך בוקין.

איז געוועזין אַ צדיק מרדכי —
האָט ער אים ניט דערקענט.
ער האָט זיך געפילט פון דער גזירה פריי,
און האָט זיך צו אים ניט גיווענדט.
האָט המנ'ען גיברענט
וואָס ער האָט אים ניט דערקענט,
נאָר ער האָט ניט גיוואָלט הרגענען אים
אַליין;
אים האָט גידרייט זיין מוח
זיך אָנטאָן אַ כח
און אומברענגען די גאַנצע גימיין.

איז המן צום קיניג גיגאַנגען —
מיט זיין היינטעשין צונג
אַ מסירה אויף די אידן צו דערלאַנגען.
און ער האָט דאָס אָפּגיטאָן ווי אַ פיינער יונג:
מיט צעהן טויזנט פוד
האָט ער געוואונען דעם סוד,
צו אָפּמעקין דעם נאָמען איד;
אַז איבער אַיאָר,
דעם 13טן טאָג אין אָדר
זאָל ניט בלייבין קיין זכר און קיין גליד.

אַ כבוד האָט ער געהאַט נישט קשה,
וואָס איז אים ניט גילעגין אין דער לינקער
פיאה:
ער זאָל שרייען אין די גאַסן ככה יעשה.
און דאָ האָט אים זיין טאָכטער באַדעקט
מיט צואה.
ווען זי האָט דערזעהען
וואָס איר פאָטער איז גישעהען,
איז זי געפאַלין פון מויער אָן שהיות;
ער איז אַ באַמאַכטער גיבליבין,
און זי האָט די ציינער גיקליבין —
ער וואָלט ניט נעמען קיין דריי קאָפּיקעס
פאַרן ביאות*)

---

*) דאָ גערענק איך ליידער ניט די איבעריקע פערזן וואָס פירן צום קומענדיקן פערז. איך געדענק אָבער דעם פינאַל:

* * * * *

גיבענשט זאָל זיין דער בעל הבית
מיט זיין מישפחה,
גאָט זאָל אים געבין אָן אַ מאָס
ברכה און הצלחה:
גיט אונז אופן וועג
נאָך אייער פאַרמעג;
מיר האָבן ניט צייט צו שטיין.
און גיט אונז צו ביסלאַך,
וועלן מיר הייבן די פיסלאַך —
מיר מוזן ווייטער גיין.

## נאָך אַ פּורים-ליד

אין דעם טאָג האָט גישעהען
זייער גרויסע וואונדער —
מיט די אויגן האָט גיזעהען
יעדער באַזונדער.

לויבט גאָט פאַר זיין געבאָט
אויף זיין הצלה:
שוועבט, טרינקט, טאַנצט, שפּרינגט
אויף המנ'ס מפּלה.



אַחשורוש איז געווען
אַ דוראַק, אַ גרויסער נאַר;
מיט די אידן איז גישעהען
שיר אַ גרויס געפאַר.

לויבט גאָט א.אַ.וו.

דער אויבערשטער האָט אים גישטעלט
המנ'ען פאַר אַ מחותן,
חאָטש ער האָט ווייניג גיקוועלט
פון זיין שותף דעם גוטן.

לויבט גאָט א.אַ.וו.

---

באַמערקונג: דאָ ווערט פאַרגעזעצט די גאַנצע מגילה אין גראַמען. דאָס איז אַלץ וואָס איך געדענק פון דעם ליד.
ז. ב.

### יאַנקל פרידמאַן

# קאַליפאָרניער מיניאַטורן

## צווישן די בערג אין קאַליפאָרניע

שוין עטלעכע יאָר הערט איר, ווי עפּעס איז די מעשה מיט די וואָלקנס איבער אונדזער דרום־קאַליפאָרניע — זיי קאַפ־ויזעווען און רייצן זיך. אָט פאַרטונקלט זיך אַ שטיק הימל; עך, וועט עס אַ כליאַפּע טאָן אַ רעגן, מיינט איר, נאָר ס'לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. דער היי־יאָריקער רעגן־סעזאָן איז שוין באַלד פאַרביי און מיר זיינען נאָך ווייט פון דער נאָרמאַלער מאָס רעגן אין אונדזער מקום. נאָר בעסער ווי פאַראַיאָרן איז עס דאָך, און טייל בערג זיינען שוין גרין. איז אַ מצוה צו פאָרן אַ קוק טאָן ווי זיי זעען אויס אין די גרין־ווינטערדיקע מלבושים. איז ווייט פאָרן דאַרף מען נישט. אַרום פופציק מייל פון לאָס אַנדזשעלעס, איז די סאַן ווינסענטי בערג־קייט. האָבן זיי איצט אַ יונג פּנים, לעבעדיק גרין. אַוודאי זיינען זיי שיינע טויזנטער פיס הויך און קיין לעבעדיקער מענטש האָט נאָך זייער שפּיץ נישט באַ־טראָטן. נאָר איך בעט אייך, ווער קאָן עס מיר פאַרווערן זיך אויסמאָלן אַ פאַסטוך מיט אַ טשערעדע שעפסן העט אויבן, ווען איך קוק אַרויפצו?

## געזאַנג אין מדבר

די וועגן זיינען גלאַטע און דער כישוף פון די בערג לאָקט. נאָר אָט פון ווייטן, פונקט אַנטקעגן אייך, איז איין באַרג אַזוי ריזיק, אַז ער פאַרשטעלט, מיינט איר, אַלע וועגן. דאָ ענדיקט זיך די וועלט. נאָר דער וועג שלענגלט זיך גאָר אַרום דעם באַרג. פאָרט איר און פאָרט. פלוצים אַ געזאַנג אין דעם מדבר... איז ווו־זשע זינגט מען און ווער זינגט עס? דאַרף מען, הייסט עס, פאַרקירעווען זיך לינקס. פון איין זייט איז אַ נייע שורה טורעמדיקע ווינסענטי־בערג. זיי זיינען טרוקענע, שטיינערנע ריזן און מוזן שוין זיין זייער אַלט, ווייל זיי זען אויס צעקנייטשט און צעקאַרבט ווי דאָס פּנים פון אַ הונדערט יאָריקן זקן. אַנטקעגנאיבער ליגן גריך־באַוואַקסענע פעלדער מיט שאַלאַטן, אוגער־קעס און טאָמאַטן. אויף איין פעלד־אָפּ־שניט שטייען מענטשן, בייגן זיך צו דער ערד און זינגען.

גייען מיר אַרונטער פון וועג, דערנענ־טערן זיך, ערשט מיר זען מעקסיקאַנער אַרבעטער „בראַסעראָס" קלייבן שאַלאַטן, פּאַקן זיי אין קעסטלעך און זינגען דערביי „לאַ פּאַלאָמאַ". ווערט מער פריילעך און עס ווערט אויך מער אומעטיק. אַ קליי־ניקייט, ווו קאָן מען עס הערן אַזאַ כאָר־געזאַנג. נאָר — טייל פון זיי זעען דאָך נישט אויס עלטער ווי 12 יאָר. אָבער דער אַמעריקאַנער אויפזעער איז, זעט אויס, גאַנץ צופרידן. 230 זיינען אין דער גרופּע, דערציילט ער אונדז, זי קריגן 18 סענט אַ שעה. זיי צאָלן $1.60 פאַר עסן און שלאָפן אין באַראַקן, און מיר, זאָגט

ער, זיינען גאָר צופרידן, ווייל ווען נישט זיי וואָלט דאָס גרינצייג געפוילט אין דער ערד.

אין מיטן פעלד שטייט אַ לאַסט־אויטאָ, אויף אים גרילצט אַ גראַמאָפאָן אַמעריקאַנער דזשאַז. נאָר די שאַלאַטן־קלייבער מיט זייערע גרויסע טרויעריקע ברוינע אויגן, איינגעבויגענע, מאַכן זיך גאָר נישט פון דעם גראַמאָפאָנס גרילצערייען — זיי זינגען אין כאָר „לאַ פּאַלאָמאַ" (די טויב) און די נאָענטע ווינסענטי בערג זאַפּן איין אין זיך דאָס שפּאַנישע געזאַנג ווי אַן אייגענעם ניגון פון לאַנגע, לאַנגע צייטן.

טיפער אין די בערג, אויף אַ זייטיקן שליאַך, זעט מען ווי אַ גרופּע פון אַרום 40 מענטשן האַקן שטיינער און גראָבן אַ וועג אין מדבר. זיי זינגען נישט. האַלב נאַקעט שטייען זיי מיט געצייג און גראָבן. אַרום זיי אַ חברה פּאָליציסטן מיט רעוואָלווערן אין די הענט, היטן, קוקן און וואַכן. אַרעסטאַנטן זיינען זיי, אָט די שטיינהאַקערס, וואָס טוען עבודת פּרך. איז עס אַן אומווירדיק שוידער־בילד, פון וועלכן דו ווילסט וואָס גיכער, וואָס ווייטער אַנטלויפן.

## דורך וואַנען מען זעט „יענע וועלט"

הייסן הייסט ער „מאַונט ווילסאָן" און איז נישט פון די גאָר גרויסע בערג אין אונדזערע מקומות. נאָר ווייל ער איז דער העכסטער אין דער „סיערא מאַדרע"־קייט, זעקס טויזנט פוס הויך, שטייט ער זיך ווי אַ י׳סטער באַלעבאָס, אַ גרויסהאַלטער — אַ קלייניקייט „מאַונט ווילסאָן"! אַלע טעלעוויזיע־נעצן. אַלע ראַדיאָ־כוואַליעס, וואָס שטראָמען פון אַטלאַנטיק צום אַסיפּיק און אויף צוריק, איז אויף „ווילסאָן" זייער פאַרבינדונג־סטאַנציע. די סיערא מאַדרע בערג, וועלכע רינגלען אַרום „ווילסאָנען", זיינען איצט גרין און פרייען זיך אַוודאי מיט זייער הויכן ברודער, ווייל אויף אים איז שוין טיפער שניי אָנגעפאַלן, וואָס וועט ליגן ביז שפּעטן פרילינג און ריטשקעלעך פריש מחיהדיק וואַסער וועט רינען אויף זיי פון ברודער „ווילסאָן" ביז שפּעטן זומער.

איז דאָס טאַקע אַלץ זייער שיין, נאָר „ברודער ווילסאָנס" הויפּט־מעלה איז, וואָס אויף אים געפינט זיך דער 100 צאָליקער טעלעסקאָפּ, דורך וועלכן אַסטראָנאָמען זעען „יענע וועלט" און ס׳איז פאַרשריבן, אַז דורך דעם דאָזיקן טעלעסקאָפּ זעט מען מיט 250 טויזנט מאָל ווייטער ווי ס׳האָט געזען גאַלילייִ דורך זיין ערשטן שפּאַקטיוו אין יאָר 1610.

אונדזער מדבר האָט קיין מאָל נישט געצויגן צו זיך, ביז עמיצער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די לופט דאָ איז אַ רפואה צו חולאתן. און פרעגט שוין נישט ווי מען זוכט ביי אונדז רפואות. זיינען אויפגעוואַקסן שטעטלעך אַרום, און איינע פון זיי האָט אַ שם, אַז איר לופט היילט אויס אַסטמע, און אין ווינטער זעט אויס דאָס שטעטלע ווי נתניה, מיט גרינס, בלומען, פעפער־ביימער און מאַראַנצן־ביימער אין יעדן הויז־גאָרטן. אַלץ וואָס מ׳דאַרף איז ריידן אַ ביסל לשון־קודש און מיר זיינען אין דער היים...

## מים חיים

נאָר מיינט נישט, אַז בלויז דאָס דאָזיקע שטעטלע, טאַהאָנגע, איז אַ רפואה צו חולאתן פון אונדזערע דרום־קאַליפאָרניער איינוווינערס. אויפן גאַנצן שטח צווישן די בערג געפינען זיך „הייל"־סאַנאַטאָריעס, ווו מענטשן ווערן פּטור פון אַלע ווייטיקן. מענטשן, זעט אויס, גלייבן אַז אין די בערג זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מינעראַלן. זאָגט איין סאַנאַטאָריע־אייגנטימער: „אַ וואַנע מיט די מינעראַלן פון מיין באַרג ציט אַרויס יעדן ווייטיק פון די ביינער." „ווען איר טרינקט אָט די וואַסער ווערט אייער מאָגן פון דאָס ניי געבוירן," זאָגט אַ צווייטער. אַ דריטער פאַרזיכערט אַריכת יוגנט. אין איינעם פון אָט אַזאַ סאָרט „הייל־סאַנאַטאָריום" פּלושקעט זיך פון ערגעץ שמוציק ווערעמדיק וואַסער מיט אַ ריח פון פּאָספאָר. ביי דער זייט הענגען טעפּעלעך און אַ טאַבעלע דערציילט אייך וויפל צו טרינקען פונעם „מים חיים". אַן עלטערער מאַן האַלט אַ טעפּעלע מיט מים נעבן די ליפּן און קרימט זיך. זיין ווייב גיט אים צו קוראַזש: נו, נו, נייט זיך און טרינק עס אויס אין גאַנצן. ס׳ט׳זיך ניט אָפּסמען.



## אַן אינדיאַנער מעשה

און אַזוי גייט עס דאָ אַן צווישן די קאַליפאָרניער בערג און אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען, דערציילט מען, נאָך אין קדמונים, איידער סוחרים און קונים פון מים חיים האָבן זיך דאָ באַוויזן, און בלויז רויטלעכע אינדיאַנער האָבן געהערשט איבער די בערג און טאָלן פון קאַליפאָרניע. איינע אַ מעשה ווערט אַזוי דערציילט.

אַ מאָל, אַ מאָל האָט זיך אין דער דאָזיקער געגנט געפונען אַ טייך מיט מינעראַלן, וואָס פלעגט אויסהיילן יעדע חולאת. זיינען די חיות פון דעם געוויר געוואָרן, זיינען זיי אָנגעקומען פון אַלע אַרומיקע בערג און גענעזן געוואָרן. האָט אַן אינדיאַנער שבט זיך פאַרטייעט הינטער אָט דעם גרויסן באַרג, געפאַנגען די חיות און געפּראַוועט גאָר וואַזשנע סעודות, נאָר דער ווינט האָט צעטראָגן דעם ריח פון געבראָטנס איבער אַלע סאַן ווינסענטי בערג. האָבן אַנדערע אינדיאַנער שבטים זיך מתקנא געווען און געקומען מלחמה האַלטן פאַרן באַזיץ פונעם באַרג. ביז ס׳זיינען אָנגעקומען ווייסע באַשעפענישן, אויפגעשטעלט שטיבלעך מיט וואַנעס, אָפּגעצויגן די מינעראַלן און — ס׳איז געוואָרן אויס טייך און אויס מלחמה פון דעם סאָרט.

איז וואָלט מען קאָנען, הערט איר, אייך דערציילן אַן אַ שיער אַנדערע מעשיות פון אָט דעם באַרג און מדבר־געגנט אין קאַליפאָרניע, נאָר ס׳איז שוין נאַכט געוואָרן און איבערן הויכן ווינסענטי באַרג איז אַרויס אַ פולע לבנה, אַרום דער לבנה האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע שטערן פון קאַליפאָרניער הימל און שטיפעריש זיך צעפינקלט.

## חמישה-עשר אין קאַליפאָרניע

לויטן לוח קומט צו דאָס וואָרט שבט — חמישה־עשר בשבט. נאָר פאַר יידישע קינדער אין קאַסאָווע, איז גענוג געווען בלויז „כאַמישאָסער", אַז זיסע ריחות פון באָקסער, שעפּטאַלן, פייגן און טייטלען זאָלן זיך אָנטראָגן פון ארץ־ישראל — ווייל ווו אַנדערש קאָנען וואַקסן אַזוינע יידישע פּירות? — קינדערשע הערצער זיינען דערפרייט געוואָרן, יונגע ליפּן האָבן זיך פאַסמאַקעוועט איבער חמישה־עשר־פּירות. כאָטש אין אמתן האָבן בלויז דעם שניטקרעמערס קינדער אויף זיי געמאַכט אַ „שהחיינו".

איז מילא, דער באָקסער ווי דער באָקסער. ער איז שוין אפילו דעמאָלט נישט געווען קיין יחסן. איר געדענקט דאָך אַוודאי דאָס סאַטירישע ליד: „ווייסט איר דאָס לאַנד ווו אתרוגים בליען, ציגן עסן באָקסער ווי גראָז, יאָ, ווי גראָז; געבראָטענע גענדזלעך, קאַטשקעס פליען, צמוקים־ווייַן טוט פליסן אָן אַ מאָס..." ביי אונדז אין קאַליפאָרניע, הערט איר, הייסט גאָר באָקסער „סיינט דזשאָהנס ברעד" (דעם הייליקן יוחננס ברויט) און עס וואַקסט אויף ווילדע ביימער. און ווייל ציגן זיינען דאָ ווייניק פאַראַן, פאַלט דער אָרעמער באָקסער אַרונטער און וואַלגערט זיך אויף די טראָטואַרן. צו אַזאַ מערכה האָט זיך דערלעבט אונדזער חמישה־עשרדיקער באָקסער.

און מיט די פייגן, מיינט איר, איז בעסער? הינטער יעדער האַלב־געפאַלענער וואַנט, אויף איטלעך אָפּגעלאָזט טרוקן שטיקל באָדן אין דרום קאַליפאָרניע וועט איר זען אַן איינזאַם־איזאָלירטן פייגנבוים. ער שטייט אַ גרויער, אַ צעהויקערטער מיט אָן אַ שיער קרומע צווייגן. און שוין אין חודש אדר צעבליט ער זיך, און איידער וואָס, איידער ווען, זיינען שוין גרינלעכע פּעמפּיקלעך אָנגעשאָטן אויף אים, און די פייגעלעך, וועלכע שטייען אויף פון שלאָף שוין באַגינען ביי אונדז אין קאַליפאָרניע, טשאַטעווען שוין. ווי גיך אַ ביסעלע זאַפט נעמט זיך אָן אין די גרינע פּעמפּיקלעך איז — פּיק־פּיק און אויס פייגן. און די וועלכע דערלעבן יאָ רייף צו ווערן, פאַלן אַרונטער און זיינען אַ גרויסע סעודה פאַר די פליגן. קיינעם גייט נישט אָן צו מאַכן אַ „שהחיינו" איבער אָט דער זיסער פייג.

גאָר עפּעס אַנדערש זעט איר, איז שוין דער טייטלבוים. דאָס איז אַ בוים אַ יחסן. אים מוז מען אָפּהיטן, קולטיווירן, אפילו נאָכגעבן זיינע בוימישע משוגעתן. שטאַמען שטאַמט ער גאָר פון די אַראַבישע לענדער. די מורן האָבן אים געבראַכט קיין שפּאַניע און די שפּאַניער האָבן דעם טייטלבוים פאַרפלאַנצט אין אונדזערע

מקומות, ווען זיי האָבן דאָ געבאַלעבאַטעוועט מיט יאָרן צוריק.

אַלץ הייסט משוגעתן. בלויז די „זי"־בוים גיט פּירות, נאָר דער „ער" מוז שטיין דערביי, אַנדערש איז נישטאָ קיין טייטלען. די „ראָמאַנטישקייט" פון טייטלבוים איז ווערט באַזונגען צו ווערן פון פּאָעטן. ס'טרעפט צומאָל, דער „ער" מאַכט אַ טעות וועגן זיין באַשערטער און הייבט אָן פון בענקשאַפט איינדאַרן. איז גיט אַכטונג! ווייל אויב אַ שפּענדל פון זיין צעבראָכן האַרץ פאַלט אויף דער „זי", פאַרלירט זי דעם חשק צום לעבן און ס'איז אויס מיט די טייטלען.

ער איז אויך אַ געוואַלדיקער עקשן, דער טייטלבוים. ערשט צום זיבעטן יאָר ווייזן זיך אויף אים פּירות און צום צענטן יאָר ווערן זיי ערשט רייף. דערפאַר איז ער נישט איבערקלייבעריש אין באָדן. נעגוג פאַר אים זונשיין און אַ סך וואַסער — אַרט אים נישט וווּ איר פלאַנצט אים.

ביי אונדז וואַקסט ער אין אינדיאָ, 130 מייל פון לאָס אַנדזשעלעס, אויף דער שוועל פון קאַליפאָרניע מדבר און דעם קאָטשעלאַ טאָל, ווו כאָטש עס רעגנט זייער ווינציק און די זון ברענט און בראָט יעדן טאָג אין יאָר, זיינען די פעלדער פאַר מיילן אַרום גרין. די זיסע ריחות פון די אומצאָליקע געוויקסן, מאַראַנצן און כלערליי ציטרוסן פאַרשיכורן אייך אין דער דורכזיכטיקער מדבר־לופט.

ירדן־וואַסער גרייכט טאַקע אַהער נישט, נאָר 1200 מייל אויף מזרח פון דאַנען שטייען די קאָלאָראַדאָ בערג, וואָס דער שניי פון זייערע הויכקייטן פורעמט אויס דעם קאָלאָראַדאָ טייך, וועלכער האָט אויפן וועג צום פּאַסיפיק קודם דורכגעבראָכן דעם פעלזיקן גראַניט פון גרענד קעניאָן, דערנאָך האָט מען אים איינגעצאַמט און באַפוילן צו באַוואַסערן און גרין מאַכן שטיקער מידבר, דערנאָך צו אויפהאַלטן ס'לעבן פון מיליאָנען איינוווינער אין קאַליפאָרניע ביים פּאַסיפיק, און ס'איז נאָך אַלץ פאַראַן גענוג צו באַוואַסערן די אַכט טויזנט אַקער לאַנד באַוואַקסן מיט טייטלביימער.

ווערט יעדער יאָר אין חודש שבט, איינגעאָרדנט אַ טייטלען־פעסטיוואַל אין אינדיאָ. זיינען מיר צוגעפאָרן אַהין יום־טובן. איז קודם, וואָס איז עס פאַר אַ שבט, ווען די זון וואַרעמט? און וועלכע שייכות האָט צו חמישה־עשר דער טומל, דער יאַריד?

אַוודאי ווייזט מען אייך אויך דורך בילדער ווי מ'קולטיווירט די טייטלביימער, ווי אָנגעשטרענגט די מלאכה איז ביים רייסן, רייניקן און פּאַקן די טייטלען. ס'איז באמת אַ שווערע עבודה זיי צוגרייטן פאַרן טיש, און ווייל די אַמעריקאַנער פאָר הענט פאָדערן לייטישן לוין און מענטשלעכע באַדינגונגען פאַר זייער אַרבעט און קיין מעקסיקאַנער לאָזט מען נישט צו אומעטום, איז נישט פריילעך פאַר די אייגנטימער פון אונדזער חמישה־עשר. נאָר דאַגהט נישט: דרייסיק טויזנט טאָן טייטלען זיינען אין 1969 פון קאַליפאָרניער מיזבר צעשיקט געוואָרן איבער דער וועלט, און ווען איר געפינט זיך אין טיפן, שאָטנדיקן וואַלד פון די טייטלביימער, פאַרגעסט איר אַז אַרום איז מידבר. זיי זעען אויס ווי לעבעדיקע, ריזיקע, ברוינע, שטייענדיקע וואַלד־לייבן — די טייטלביימער מיט זייערע צעוואַקסענע צעפלאָשעטע ברייטע קרוינען.

היינטיקן אָוונט איז גראַד נישטאָ קיין לבנה אויפן צעשטערנטן מיבר־הימל, כאַפּן זיך אויף די גרעסערע שטערן. אַז נישטאָ די לבנה! איז טאַקע גוט! אונדזער ליכט איז נאָך שענער ווי פון דער לבנה, נישט אמת? ווערן די קליינע שטערנדלעך אין כעס אויף די באַרימער גרויסע שטערנס, טוליען זיי זיך צוזאַמען און ווילן קאָלעקטיוו איבערלייכטן די שטערן־באַרימערס. ווערט אַ ליכט־געוועט אויפן הימל און די געוואַגטערע שטערן טוען אַזוי אַ פלי פאַרביי, אויפצוכאַפּן דעם אַראָמאַט פון די טייטלביימער אין היינטיקן חמישה־עשר־אָוונט, ווען די לבנה איז נישטאָ אויפן מדבר־הימל אין קאַליפאָרניע. *)

---

*) צוליב דינע שטימונגען דערלויבן מיר דעם מחבר צו פאַרצייכענען חמישה־עשר בשבט־נאַכט ווי „ווען די לבנה איז נישטאָ אויפן מידבר־הימל." ס'איז אָבער ניט אמת, ווייל אין יעדן 15טן טאָג פון אַ יידישן חודש טוט שיינען אַ פולע לבנה.
די רעדאַקציע



## דער ווינט, דער שמש
## דער בעל־שכל

דוכט מיר, אַז כ'האָב אַ מאָל גערעדט וועגן דער ענלעכער לאַנדשאַפט פון קאַליפאָרניע און ישראל. איז מילא, אַזוינע ענלעכקייטן געפינט מען אומעטום, ווו דער קלימאַט איז אין ביידע ערטער אַ סובטראָפּישער. נאָר אַז אויך די נעמען פון ערטער און זאַכן זאָלן זיך צונויפטרעפן איז באמת אַ חידוש. אין ישראל שפּיגלט זיך אין מיטן מדבר דער ים־המלח, און אויך אין קאַליפאָרניע, איבער 100 מייל מזרחדיק פון לאָס אַנדזשעלעס, האָט זיך אין משך פון דער צייט אויספאָרמירט אין מיטן מדבר אַ געזאַלצענע אָזיערע כמעט די גרויס פון ים־המלח. און ווערט טאַקע אויף דער קאַליפאָרניער מאַפּע אָנגערופן „סאָלט־סי"— געזאַלצענער ים.

און אויב דאָס איז ווייניק, פאַרמאָגן מיר אין קאַליפאָרניע אַ מדבר־געגנט, וואָס איז באַצייכנט אויף דער מאַפּע ווי „דעטה־וואַלי"—„טויטער טאָל" און איר ווייסט אַוודאי, אַז אויף ענגליש הייסט דער ים המלח נישט געזאַלצענער ים, נאָר „דעטה־סי".

עס קומט אונדז אַקעגן דער „טויטער טאָל" אין קאַליפאָרניע, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף אַ שטח פון 300 קוואַדראַט מייל מזרחדיק פון לאָס אַנדזשעלעס.

די אינדיאַנער, ווערט דערציילט, האָבן די דאָזיקע געגנט אָנגערופן „דער פייער־טאָל" און הפנים, זיי זיינען גערעכט געווען, ווייל הגם די געגנט פון ים־המלח איז ישראל איז אַרום 800 פוס נידעריקער ווי דער היגער טאָל, און ס'איז אויך דאָרט אַ וואַזשנע חמימה, איז אָבער אָפיציעל פאַרצייכנט, אַז אין דער צייט פון יוני ביז סעפּטעמבער איז „דעטה־וואַלי" דער וואַרעמסטער פלאַץ אין דער וועלט.

אין חומש, ווי מען ווייסט, ווערט די „דעטה־וואַלי" נישט דערמאָנט, און הגם דער באָדן דאָ איז שטאַרק געזאַלצן, אַ סימן, אַז ס'איז דאָ אַ מאָל געווען אַ ים, איז אָבער דאָ קיין זכר נישט פאַראַן פון לוטס ווייב, ווי איך האָב זי געזען שטיין אַ זאַלציק־פאַרגליווערטע פאַרן ים־המלח און זיך צוקוקן ווי איר געבוירן־שטעטל סדום לעבט אויף קאָכיק פון פייער און אַש. דערפאַר וואָלט איך שווערן, אַז די ווינטן דאָ אַרום זיינען יאָ חומשדיק און לויט דעם זינגער אונדזערן, איציק מאַנגער ע"ה, זיינען זיי שמשים און ווינטן בעל־שכלדיקע, ווייל זעט נאָר זעט, וואָס זיי האָבן דאָ אַלץ אויסגעפורעמט פון די אַרומיקע ריזיקע בערג: אַלטע יידישע שולן, ווי מיר געדענקען זיי פון קאָסעווע, ווענגראָווע און פּראָג, מיט טורעמלעך אויבן מיט פאַרשפּיצטע מגן־דוד פענצטערלעך, מיט טירן און האַלב־רונדיקע מויערן און בוידעם־שטיבלעך צו באַהאַלטן שמות, קעלערן און היילן, דורך וואַנען מ'קאָן זיך דערלאַנגען צום הייליקן לאַנד ארץ־ישראל — האָבן די ווינטן דאָ אויפגעשטעלט.

אויך שטיינערנע פּאַלאַצן פון פאַרשיידענעם סטיל מיט פאַררונדיקטע קופּאָלן, וואָס מיניען זיך אין פאַרנאַכטיקער זוניקער גאָלדיקייט האָבן זיי אויספאָרמירט פון די נאַקעטע פאַרהאַרטעוועטע זאַמדיקע בערג. דאָס דאָזיקע עשירות שטייט דאָ נישט אויף הפקר, חלילה; איבער דעם אַלעמען טורעמען 6 און 10 טויזנט פוסיקע בערג, ריזן, אָנגעהויכט מיט ווייסן בלענדיקן שניי אויף די רוקנס — זעען זיי אויס ווי זקנים אין קרישטאָלענע קרוינען מט ווייסע בערד, וואָס היטן די קלענערע בערג, זייערע קינדער און קינדסקינדער, און שומרים זיינען זיי, אַז די יידישע שולן זאָלן נישט חלילה פאַרלענדט ווערן, אַז זייער מזל זאָל זיין בעסער ווי פון דער קאָסאנער שול, זכרונה לברכה.

אין דער יוגנט האָבן מיר געלייענט דעם דיקן בוך „דער אינדיאַנער פירשט" אָדער „די גאָלד־גרובנס אין קאַליפאָרניע", וואָס האָט גערייצט די קינדערשע פאַנטאַזיע. נו, ווער זאָל זיך ריכטן אַ מאָל צו באַזוכן אָט די ערטער? עס איז פאַרצייכנט, אַז מיט איבער 100 יאָר צוריק, ווען געוואַגטע אַוואַנטוריסטן זיינען פון אַמעריקאַנער שטעט געלאָפן זוכן גאָלד אינעם ווייטן קאַליפאָרניע, האָבן טייל פון זיי זיך אויך דערשלאָגן צום „טאָל פון פייער", ווייל ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מ'האָט דאָרט געפונען גאָלד, און דער לוסט נאָך רייך ווערן איבער נאַכט האָט געבראַכט אַהערצו שטאַרקע מענער פון

ניו־יאָרק און סענט לואיס, אַנדערע אפילו מיט ווייב און קינדער, און זיי האָבן זיך פאַרגראָבן אינעם אומענדלעכן רינג פון די בערג אַרום, זוכן גאָלד.

דער סוף איז געווען כמעט פאַר אַלעמען אַ ביטערער.

אין מיטן דעם שרפהדיקן מדבר, וואָס הייסט פורנעס קריק, איז אויף אַ שטיין פאַרצייכנט, אַז אין 1849 האָט אויף דעם אָרט דערגרייכט אַ חברה גאָלדזוכערס און בלייבנדיק אָן וואַסער און אָן שפּייז, האָבן זיי פאַרברענט די וועגענער, דערהרגעט די איינגעשפּאַנטע אָקסן און פערד און זיי געבראָטן אויפן פייער. דערנאָך האָט מען זיך צעטיילט, איינצעלנע און פאַמיליעס באַזונדער. אַ פרוי, ברייען, וואָס איז לעבן געבליבן, האָט דערציילט, אַז זי איז אַרויס פון אַ „טויטן טאָל", און אַזוי איז דער נאָמען פאַרבליבן. „דעטה וואַלי" — טויטער טאָל.

ס'איז דעריבער קיין חידוש, וואָס די פּרעכטיקע מאַיעסטעטישע בערג אַרום טראָגן אַזוינע טרויעריקע נעמען ווי: „פיונעראַל מאַונטענס" — לוויה בערג, „בעד וואָטער" — שלעכט וואַסער, און אַנדערע גיהנמדיקע נעמען, וואָס פאָרן זיך זייער פיין מיט גאָלד און זילבער.

אַנדערע בערג אינעם אַרום הייסן „קעצישע בערג", און ווען איר קוקט זיך נאָענט איין, זעט איר ווי קעץ און אַנדערע חיות ליגן ווי אויסגעהאַקטער שטיין אויף די בערג און מיט גרינע אויגן פאַרטייעט וואַרטן זיי אויף אַ גאָלדזוכער־קרבן.

נאָר ווייסן מעג מען, אַז אפילו אָט דעם דאָזיקן „פייערטאָל" האָבן די אוראַלטע תושבים דאָ, די אינדיאַנער, מיט גוטן נישט אָפּגעגעבן. אין 1860 האָט דער אַמעריקאַנער לייטענאַנט, מילטאָן קאַיר, געפירט שלאַכטן מיט די אינדיאַנער פאַר דעם באַזיץ פון דאָזיקן בראַנדיקן טאָל, ווו מענטשן מיט לוסט נאָך גאָלד האָבן געמאַכט געשיכטע.

## צוויי געזאַלצענע ימען

ס'איז אָנגענומען, אַז די לופט אין קאַליפאָרניע איז די אייגענע ווי אין ישראל — נאָר מאַלע וואָס מענטשן ריידן! האָבן מיר זיך אויפגעהויבן, הערט איר, און אַריבערגעפלויגן קיין ישראל, כדי צו זען צי ס'איז טאַקע אַזוי.

ערשט דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ס'איז וואָר־וואָרט, וואָס מענטשן זאָגן. למשל: ביי אונדז אין קאַליפאָרניע וואַקסן טייטלען, מאַראַנצן, טרויבן און כלערליי זיסע און ביטערע קרייטעכצער. אויך אין ישראל וואַקסן אָט די דאָזיקע פרות. ביי אונדז איז פאַראַן אַ זאַמדיקער מידבר, ווו די זון ברענט און בראָט; אויך ישראל פאַרמאָגט אָט דעם פאַרגעניגן און נאָך מיט אַ סמיטשיק. עס קאָן זיין, אַז דער ישראלדיקער מדבר איז אפשר מיט עטלעכע יאָר עלטער, ווייל, ווי עס שטייט געשריבן, איז ער נאָך דאָרט געווען, דער מדבר הייסט עס, אין אַברהם אָבינוס צייטן. אָבער אויך דער קאַליפאָרניער מדבר, זאָגט מען, איז שוין דאָ געווען איידער קאָלומבוס האָט זיך געוויזן.

וואָס דאַרפט איר מער? אפילו די צייט פון רעגן איז די אייגענע; ווען עס רעגנט ביי אונדז רעגנט עס אויך אין ישראל. ביי אונדז, אין דרום קאַליפאָרניע, איז רעגן־וואַסער מיט גאָלד גלייך, ס'ווערט געוויגן און געמאָסטן. אויך אין ישראל איז שמחת תורה, ווען ס'גייט אַ רעגן און מענטשן זאָגן, אַז אין די פרומע קיבוצים גייט מען מיט הקפות דערביי.

אמת איז, אַז ס'איז פאַראַן טייל זאַכן וואָס קאַליפאָרניע פאַרמאָגט יאָ און ישראל נישט. למשל. סאַן פראַנציסקאָ, אַ שטאָט, אגב, וואָס דערמאָנט אין חיפה, האָט אַ „גאָלדען געיט" בריק, וועגן וועלכער מ'דערציילט, אַז בלויז מיטן דראָט, וואָס איז אויף דער בריק פאַרנוצט געוואָרן, קאָן מען זעקס מאָל אַרומוויקלען די ערד. איז מילא, פאַר דעם איז דאָ אַ גאָט אין הימל, און מיט אַ ביסעלע ביטחון קאָן מען זיך אויף אַזעלכע זאַכן אויך דערוואַרטן אין ישראל.

הגם צוריק גערעדט, אַז אָן אַ בריק איז דען חיפה, זאָל געזונט זיין, נישט אַזוי שיין ווי סאַן פראַנציסקאָ? און די כרמל בערג? אַדרבה: ווו אין דער גאָרער וועלט זיינען פאַראַן כרמל־בערג אויסער אין חיפה? און די מויערלעך דאָרט אויבן אויפן כרמל, וואָס קוקן מיט גרינע באַלקאָנען גלייך אין ים — איז גאָרנישט, וואָס? איי, וואָס מען זאָגט, אַז צו די גרינע



באַלקאָנען קאָן אַן אַרבעטער פון די חיפהער פאַבריקן נישט צוקומען, ווייל ס'איז אַ יקרות, אַ שרעק! איז ראשית זיינען אַזוינע זאַכן נישט אויף אייביק; והשנית, און דאָס מעגט איר הערן מיט קאָפּ: אויף דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין תל־אביב, האָט מען געטראָגן אַ טראַנספּאַרענט מיט אַן אויפשריפט, בזה הלשון: „יחי האדם העובד ויוצר"! זאָל לעבן דער מענטש וואָס אַרבעט און שאַפט — האָט זיך געלייענט. איך קאָן אייך שווערן, הערט איר, אַז געמיינט האָבן זיי נישט די פון די גרינע רייכע באַלקאָנען אויף די כרמל־בערג, נאָר די עובדים ויוצרים, די אַרבעטער פון די חיפהער פאַבריקן. און אַ ברכה, זייט וויסן, פון פופציק טויזנט מאַרשירנדיקע אַרבעטער, פויערים, פּי־ערלייט און שילערס קאָן דערפירן די חיפהער אַרבעטער נישט נאָר צו די ווילעס אויף די כרמל־בערג, נאָר ווי האָט געזאָגט אונדזער זאַמאָשטשער לאַנדסמאַן, „אפשר נאָך העכער."

נאָר זייט מיר מוחל, מיר זיינען אַוועק אַ ביסעלע אָן אַ זייט: געהאַט אין זינען צו שמועסן וועגן צוויי געזאַלצענע ימים.

ישראל ווי איר ווייסט, פאַרמאָגט דעם ים המלח, אָדער ווי ער ווערט באַצייכנט אויף דער מאַפּע „דער טויטער ים", וואָס ליגט אין ברענענדיקן מדבר. אויך מיר אין קאַליפאָרניע האָבן אַ „סאָלט לעיק", אַ געזאַלצענעם טייך אין דעם מדבר, נאָר זאָל קיין ייד נישט קאָנען, הערט איר, דעם דאָזיקן, וואָס האָט אַ נאָמען געגעבן דעם ים המלח אין ישראל, דער טויטער ים. מיר זיינען דאָרט געווען און געזען, אַז ס'איז דאָרט ווייט פון טויט. מאָלט אייך, איבער פיר הונדערט אַרבעטער זיינען דאָרט באַשעפטיקט און מיט מאָדערנע מאַשינען באַקומט זיך אַרויס טויזנטער טאָנען פּאָטאַש און אַנדערע כעמיקאַלן פון וועלכע עס שאַפט זיך כעמישע באַמיסטיקונג. לאָדעוועט מען דאָס אויף שיפן אינעם רויטן ים און די שיפן שווימען אָפּ אין די ווייטע לענדער. דער עיקר קיין יאַפּאַן. דאָרט מיסטיקט מען מיט דעם די מאָגערע ערד, ווערן די פעלדער גרין און פול מיט שפע. בליען די סעדער און די גערטענער און די קיעלעך און שעפסעלעך האָבן פּאַשע און קינדער האָבן מילך און די שניטערס אויף די פעלדער זינגען לידער צו דער ליכטיקער גרינקייט וואָס קומט פון ים המלח. איז ווי געפעלט אייך אַזאַ טויטער ים?..

און וואָלט איר זען ס'אַראַ שמדשטיק אונדזערע יידן נוצן כדי אַרויסצוקריגן וואָס מער פּאָטאַש: זיי נאַרן אָפּ די זון! ס'איז אַזוי, פאַרשטייט איר מיר: כדי אַרויסצוקריגן דעם כעמישן שטאָף פון געזאַלצענעם ים דאַרף זיך דאָס וואַסער אַפּריער אויסדעמפּן. די זון־שטראַלן וואָס פירן אויס די מלאכה פון דעמפּן האָבן מער שליטה אויף קאָלירטן ווי אויפן נאַטירלעכן גרינעם וואַסער. נו, לאָזן זיי אַריין דאָס ים־וואַסער אין זייטיקע קאָרעטעס, פאַרבן עס מיט דער פּאַסיקער פאַרב, מיינען די זון־שטראַלן, אַז ס'איז דער קאָליר פון ים המלח, דעמפּן זיי, איי דעמפּן זיי! איז ווי געפעלט אייך אַזאַ איינפאַל?

ווילט איר דאָך אַוודאי וויסן ווי קומט אַ געזאַלצענער טייך אין קאַליפאָרניער מדבר? איז הערט אַ מעשה: אַ מאָל, אַ מאָל, איז אַ טראָפּעלע וואַסער פון קאָלאָראַדאָ־טייך פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין מדבר, האָט עס געבלאָנדזשעט און געבלאָנדזשעט ביז ס'האָט דערשמעקט אַ ריח פון זאַלץ, האָט דאָס וואַסער־טראָפּן אַוודאי געמיינט, אַז דאָס איז דער פּאַסיפיק און אַהין געצויגן, ווייל ס'איז דאָך באַוווּסט, אַז אַלע טייכן ציען צום ים. ס'איז אָבער נישט געווען דער פּאַסיפיק, ס'איז בלויז געווען אַ 40־פוסיקער טיפער טאָל, ווו ס'איז אַ מאָל געווען אַ ים. צוריקקערן זיך האָט שוין דאָס טראָפּעלע וואַסער נישט געקאָנט, ווייל נאָך אים זיינען מיליאָנען אַנדערע טראָפּנס וואַסער נאָכגעפלאָסן. איז עס שוין דאָרט פאַרבליבן און ס'האָט זיך אויסגעפאָרמירט דער קאַליפאָרניער ים־המלח, דער „סאָלט לעיק".

כדי צוקומען אַהין דאַרפט איר דורכפאָרן די קאָטשעלאַ וואַלי. איז עס שוין איין מאָל אַ פרוכטבאַרער טאָל! ווי ווייט דאָס אויג גרייכט איז גרין און פול מיט שפע. איצט די טייטלביימער דאָרט! ווי וועלדער גאַנצע זיינען זיי צעשטעלט אין סימעטרישע שורות. דיקע, פעטסטע אַזוינע, מיט צעפּלאָשעטע גרינע קרוינען און מיליאָנען טייטלען הענגען אַרונטער. פאָרן מיר אַזוי אין קאָטשעלאַ־טאָל, איך

און מיין פּאַסאַזשיר — די ווייב מיינע, הייסט עס. זאָג איך צו איר: ביילע, זאָג איך, ווי וואָלט געווען ווען מיר קויפן אָפּ דעם טאָל, פירן אים אַריבער קיין ישראל, און לייגן אים אויס אין דאָרטיקן מדבר צווישן באר־שבע און סדום. ווי געפעלט דיר אַזאַ פּלאַן? ניין! ענטפערט זי, ס'לוינט נישט די מי, און ס'איז נישט נייטיק. זעסטו, ווייזט זי אָן אויפן וואַסער, וואָס שפּריצט אַרויס אַ פריילעכער אין רעגנבויגן־קאָליר פון פאַרצווייגטע רערן, צעלייגט אויף די פעלדער. אויב ס'איז נאָר פאַראַן וואַסער קאָן אין יעדן מדבר ווערן אַ קאָטשעלאַ וואַלי, מיינט זי.

דאָס, זעט איר, איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן: ווי זאָל עס מיר איינפאַלן, אַז דער קאָפּ איז מיר בשעתו געווען פאַרנומען מיט טראַכטן פון ש. אַנסקי! ווי איר ווייסט, האָט דער שרייבער אַנסקי אָנגעשריבן דאָס ליד: „אין געזאַלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן", וואָס בונדיסטן פלעגן אַזוי התלהבותדיק זינגען אין דער אַלטער היים. טראַכט איך. וועלכן געזאַלצענעם ים האָט ער געמיינט? אַוודאי נישט דעם אין קאַליפאָרניע, וווּ מען שפּילט זיך, מען באָדט זיך און ס'איז ווייט, ווייט, ווייט פון מענטשלעכע טרערן. אויך דאָרט באָדט מען זיך און ווען מען קומט אַרויס פון וואַסער זעט מען שיער אויס ווי לוטס ווייב, אַזוי פיל זאַלץ האָט מען אויף זיך. איז טרערן טאַקע נישט, אָבער שווייס, זעט איר, דאָס יאָ. ס'איז שווייס פון אַרבעט, פון שווערער מי, וואָס ברענגט עשירות פאַרן לאַנד, פאַרן נייעם אַלט־יונגן אייגענעם לאַנד, פון ים־המלח.

איז טאַקע אַ שאָד, הערט, איר, וואָס אַנסקי איז נישטאָ. ער וואָלט זיכער היינט אַנדערש געזונגען...

פּינטשע בערמאַן

## צוויי לידער

### דער אַלטער זייגער

ערגעץ שטילער קלאַפּן הערצער;
ערגעץ קילן זיך די בלוטן —
אויפן וואַנט, דער אַלטער זייגער,
ציילט די שעהען און מינוטן...

ערגעץ שמעלצן זיך די קנייטן;
ערגעץ גייען אויס די גלוטן —
אויפן וואַנט, דער אַלטער זייגער,
ציילט די שעהען און מינוטן...

נעכטן האָט געברענט דער הימל,
און די ערד מיט אים צוזאַמען;
נעכטן האָט דער ווינט געהוליעט,
און צעזשאַרעט פונק אין פלאַמען...

היינט, אין אַש פאַרטייעט פונקען,
זוכן זיך צעטליען ווידער...
אָ, וויפיל ניט־פאַרענדיקט וואַלצן!
וויפיל ניט־דערזונגענע לידער!

ערגעץ בלאָזן העלע טרוימען;
ערגעץ לעשן זיך פלאַם אין בלוטן —
אויפן וואַנט, דער אַלטער זייגער
ציילט די שעהען און מינוטן...

### איך האָב מיר געקויפט אַ גיטאַר

(פאָלקס־מאָטיוו)

איך האָב מיר געקויפט אַ גיטאַר,
מיט סטרונעס געגאָסן פון שטאָל.
שפּיל איך אַ ניגון פון צער,
זינג איך און וויין אויפן קול.

פרעגט מען מיך: זאָג אונדז נאָר, דו,
פאַרוואָס אַזאַ ביטער געוויין?
ענטפער איך: כ'ווייס ניט אַווו
עס געפינט זיך מיין מאַמעס געביין...

הערט מען דעם ניגון ניט מער.
בלייב איך אַליין מיט מיין צער...
שפּיל איך און זינג, און אַ טרער
פאַלט, און מאַכט נאַס מיין גיטאַר...



# שרייבערס און ביכער

זלמן שלאָסער

## א. גאָלאָמבס עליה צו די הייכן פון יידישן גייסט *)

דאָס נייע בוך, „צו די הייכן פון יידישן גייסט", וואָס אונדזער ליבער פריינד און לערער, א. גאָלאָמב, האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן (מיט דער הילף פון שמואל מיילער פון קאַראַקאַס, ווענעצועלאַ, לזכר זיין פרוי סאָניע שאָמיס־מיילער), איז אַ פאַרגעניגן צו לייענען, ס'איז שיין אַרויסגעגעבן אַ קלאָרע שריפט כמעט אָן דרוקפעלערן און רייך מיט אינטערעסאַנטע עסייען געשריבן אין אַ קלאָרן לאַקאָנישן סטיל, אין אַ מאַסטערהאַפטן לעבעדיקן יידיש ווי נאָר גאָלאָמב קאָן.

צו שרייבן וועגן אונדזערע אייביקע, פאַרפּלאָנטערטע קולטור־פּראָבלעמען מיט אַזאַ קלאָרקייט, אַזוי צימצומדיק און דאָך באריכות, מיט אַזאַ אַלזייטיקער ערודיציע איז אַ הויכע מדרגה צו וועלכער ניט יעדער שרייבער איז זוכה. עס קומט מסתמא פון אַ לעבנסלאַנגן פאָרשן, דענקען און לערנען אַליין און מיט אַנדערע בכל תפוצות ישראל.

יעדע באַזונדערע עסיי און אַלע צוזאַמען אָטעמען מיט פולער זיכערקייט און טיפער איבערצייגונג, מיט אַ קענטיק איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס און אַ שניידנדיקער לאָגיק. דער געדאַנק איז פשוט, ניט געקינצלט. דאָס בוך איז פריי פון פוסטע פאַנטאַזיעס און אומנייטיקע גוזמאות, אַ חוץ איין פאַנטאַזיע, וואָס איז שוין גאָר ניט פוסט נאָר הלוואי זאָל זי בקרוב פאַרווירקלעכט ווערן. דאָס איז די פאַנטאַזיע פון דעם באחרית הימים מין — „אויב מיר זאָלן נאָר דורכלעבן בשלום די איצטיקע טעכנאָלאָגישע ציוויליזאַציע און עס וועט נאָך דעם מוזן ווערן איין אָפענע וועלט און יעדער פאָלק וועט ווערן אַפּאָליטיש, פאַרזיכיק, און מיר צווישן זיי אויך, דאַן וועלן מיר יידן קענען לעבן פריי ווי מיר דאַרפן, ניט נאָר אין מדינת ישראל נאָר אויך אין די תפוצות, אומעטום."

אויף אַזאַ פאַנטאַזיע מעגן מיר אַלע ענטפערן אָמן, הלוואי! ס'איז גאָלאָמבס און אונדזער אַלעמענס שענסטע האָפענונג. זיין צוגאַנג צו אונדזערע גייסטיקע פּראָבלעמען איז דעריבער שטאַרק רעאַליסטיש און קאָנקרעט, ניט אַבסטראַקט.

צו די הייכן פון יידישן גייסט איז ניט בלויז אַן אינטערעסאַנט בוך צום לייענען נאָר אויך אַ גוט לערנבוך פאַר יעדן אינטעליגענטן ייד, וואָס טראַכט כאָטש טייל מאָל וועגן יידישע ענינים.

איין צענטראַלער געדאַנק און איין גלייכע ליניע ציט זיך דורך אַלע עסייען. ניט קיין אָפּנייג אָדער צווייפל, ניטאָ קיין אפשר און ניטאָ קיין טאָמער. ס'איז פולע, שטאָלצע זיכערקייט. קען מען דען זיך פאָרשטעלן אָפּנייג און ספקות ביי די תנאים, ביי די חז"ל, ביי אַ רבי עקיבא, צי ביי די אַחרונים, ביי אַ ווילנער גאון, ביי אַ שניאור זלמן מליאַדי? אפשר קען מען עס יאָ געפינען ביי אונדזערע נאָוועליסטן, וואָס ווילן רעקאָנסטרואירן די די פערזענלעכקייט לויט זייערע אייגענע סוביעקטיווע פאָרשטעלונגען — ביי יוסף אָפּאַטאָשון אין זיין „אויפשטאַנד", ווו ער שילדערט רבי עקיבאן; אָדער ביי זלמן שניאורן אין זיין „קיסר און רבי", ווו ער שילדערט דעם ליאַדיער רבין — אָבער ניט ווי די גמרא דערציילט וועגן רבי עקיבאן, ווי ער האָט זיך באַוואָרנט מיט נייע הלכות און זיי געטייטשט מיט פולער זיכערקייט, אַז זיי שטאַמען דירעקט מדאורייתא.

*) א. גאָלאָמב: „צו די הייכן פון יידישן גייסט", אַרויסגעגעבן פון מחבר, תשל"א־1971, 350 זייטן.

א פנים אַז צווייפל ליגט ניט אין כאַראַקטער פון גרויסע יידישע לערערס און וועגווייזערס. פעסט און אַנטשלאָסן, עשנותדיק זיכער מוז זיין אַ מדריך ביי יידן. מען טאָר ניט אָפן אָפּנייגן פון דער גלייכער ליניע, וואָס איז אָנגעצייכנט מששת ימי בראשית. דאָס איז די הלכה, אַזוי מוז עס בלייבן. אמת, הלכה, לויט גאָלאָמבן, איז טאַקע ניט קיין סטאַטישע דיסציפּלין נאָר אַ דינאַמישער גאַנג פאָראויס, ווי דאָס לעבן אַליין. עס ענדערט זיך און פּאַסט זיך צו און איז ממשיך די טראַדיציעס. דאָך איז אין דער צופּאַסונג דאָ אַן אייביקער פּרינציפּ, די פאָלקס־נשמה, וואָס מען קען געפינען אין דער תורה — תורה לויט אַברהם גאָלאָמבס אויסטייטשונג.

מיט אַזאַ גייסט מוז מען זיין געבענטשט, אַז ניט קען מען זיך ניט אויסהייבן „צו די הייכן פון יידישן גייסט", ווי דאָס בוך הייסט.

אין דער הקדמה שרעקט זיך אַ ביסל דער מחבר פאַר אַזאַ נאָמען. ס'איז אפשר, זאָגט ער באַשיידן, צופיל העזה פאַר אַזאַ נאָמען. נאָר מיר מעגן אים פאַרגעבן, ווייל מיר ווייסן אַז אַ לעבן לאַנג איז ער פאַרנומען און פאַרטיפט אין יידישן גייסט. ער האָט עס באַוויזן מיט מעשים סיי ווי אַ לערער פון דער העכסטער מדרגה און סיי ווי אַן אומדערמידלעכער שרייבער און שטענדיקער מאָנער און דערמאָנער — „לערנט, לערנט פון פאָלק, וועט איר לעבן לאַנג!"

און ער לערנט מיט יידן! ער קען לייכט אָנווייזן אויף עטלעכע דורות גוטע יידן, וואָס ער האָט אויף זיין וועג דערצויגן. און זיין געאָגראַפישער וועג ציט זיך פון צאַרישן רוסלאַנד דורך ליטע, פוילן ארץ ישראל, קאַנאַדע, מעקסיקאָ און אַמעריקע. אומעטום קען ער אָנווייזן אויף איצט אָנגעזעענע יידן, וואָס האָבן ביי אים געלערנט און ער קען שטאָלצירן מיט דעם. דאָס איז אַ דערגרייכונג, וואָס רעדט פאַר זיך, פאַר זיינע מחשבות ווי פאַר זיינע מעשים.

אין דעם איצטיקן בוך סומירט אברהם גאָלאָמב דעם תוך פון זיינע מחשבות.

טייל לייענער פון זיינע פריערדיקע ביכער מיינען אפשר, אַז עס איז שווער נאָכצופאָלגן זיינע מחשבות וועגן יידישקייט און יידישן גייסט. ס'איז אַ טעות. גאָלאָמבס געדאַנקען, ווי זיי שטעלן זיך אויס אין זיינע זאַצן, זיינען ניט פאַרפּלאָנטערט. זיי זיינען קורץ, פשוט און קלאָר.

זיינע הויפּט־געדאַנקען דרייען זיך אַרום איין צענטראַלן פּונקט, איין פּסוק, דעם אייביק אַלט־נייעם פּסוק, וואָס ער האָט מיטגעברענגט פון די „הייכן פון יידישן גייסט": „קודשא בריך הוא, ישראל ואורייתא חד הוא"!—גאָט, זיין פאָלק ישראל און זיין תורה זיינען איינס, קיין מאָל ניט צעטיילבאַר! פאַרשטייט זיך, אַז זייענדיק אַ מאָדערנער מענטש, טייטשט ער אָט די אַלע טערמינען פון פּסוק — גאָט, פאָלק, תורה — לויט זיין אייגענעם גוט דורכגעטראַכטן און איבערצייגנדיקן שטייגער.

מיר ווייסן, אַז יעדער גרויסער ייד— פון משה רבינו ביז הרב קוק ז"ל — וואָס האָט אָנגעשפּאַרט צו יענע הייכן — איז צוריקגעקומען מיטן זעלביקן אוצר, מיט אַ פּסוק, וואָס דאַרף אויסדריקן און געבן פאָרם און אינהאַלט אָט דעם געזוכטן יידישן גייסט. אויך יעדער גרויסער נאַטור־פאָרשער, וויסנשאַפטלער, וואָס דערגרייכט די עולמות עליונים פון (לאָמיר עס אָנרופן) „נאַטור־גייסט", קומט אויך צוריק מיט בלויז אַ פּסוק, אַ פאָרמולע, אַ קורצע מאַטעמאַטישע גלייכונג. אייזיק ניוטאָן איז צוריקגעקומען פון זיין פלי אין די הויכקייטן פון דער „נאַטור" מיט זיין פאָרמולע, און אַלבערט איינשטיין — מיט זיין פאָרמולע, דאָס זעלביקע דאַרווין און מאַרקס מיט זייערע באַזונדערע פאָרמולעס און באַקאַנטע פּסוקים, פּונקט ווי די אַסטראָנאַטן איצט קומען צוריק פון די לבנה־הייכן מיט — טאָרבעס שטויב: אַ זייער טייערער אוצר.

דאָס איז אייגנטלעך ווי עס דאַרף צו זיין: דער אייביקער דראַנג פון מענטשלעכן גייסט צו וויסן, צו לערנען און פאַרשטיין זיך אַליין און די וועלט אַרום אים. דער חילוק איז בלויז, וואָס יענע מיסטעריעזע פּסוקים קענען לייכט פאַרוואַנדלט ווערן אין קאָנקרעטע מעשים — מעג עס נעמען יאָרן — מען קען מיט זיי בויען מיילן־לאַנגע בריקן, פעסטע שטאָלענע וואָלקנקראַצערס און סינטעטישע „פייגל", וואָס פליען אין די מרחקים און לאָזן זיך



קאָנטראָלירן פון מענטשן טויזנטער מיילן ווייט — בעת אונדזערע פּסוקים זיינען טאַקע גוט, שיין און טיף, נאָר יעדער בעל־חלומות קען זיי טייטשן און פאַרטייטשן ווי זיין אייגענער דימיון וויל.

איך בין זיך משער, אַז אַ גאָר גרויסע צאָל יידן פון יעדן סעקטאָר קענען מסכים זיין אויפן פּסוק „קודשא בריך הוא, ישראל ואורייתא חד הוא." ווי נאָר אָבער מען וועט נעמען פאַרטייטשן די דריי טערמינען פון פּסוק וועט גלייך קומען צו אַ מחלוקה. און אונדזער חשובער ר' אברהם גאָלאָמב, וועלכער טראָגט אַריבער די קדושה פון בורא עולם אויפן פאָלק ישראל, די קדושה פון דער תורה אויפן פאָלקישן שטייגער, אויף דער טראַדיציע — וועט איינשטעלן זיין רייכן אוצר פון וויסן, פון די חז"ל, פון דער אַנטראָפּאָלאָגיע און פון אַלץ אין דער וועלט, צו באַווייזן דעם אמת פון זיין אינטערפּרעטאַציע. איז ער דערצו געוויס באַרעכטיקט, און אַזוי זיינען אויך אַנדערע גדולים, מיט דער געהעריקער אויטאָריטעט, באַרעכטיקט צו זייערע אמתן. די סאַטמאַרער און די ליובאַוויטשער, די מתנגדים און די חסידים, די פילאָסאָפיש־רעליגיעזע און די טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע, די סעקולאַריסטן און סתם כופרים און צווייפלערס — יעדער מיט זיין אייגענעם „אות". היינט גייט געפינט דעם שייכות פאַר די אַלערלייאיקע טערמינען און זייער קרובישקייט פון איינעם צום אַנדערן.

עס קאָן דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז נאָר גאָלאָמבס אויסטייטש, און זיין באַזונדערער פירוש, איז דער איינציק ריכטיקער. אמת, ד"ר א. גאָלאָמב זאָגט, אַז ער איז ניט קיין גאָט־זוכער, ער זוכט בלויז נאָר די געטלעכקייט וואָס איז ניגלה, בעת גאָט אין זיין עצם איז נ י ס ת ר, סוד, און קען דעריבער ניט אַנטפּלעקט ווערן. וואָס מען געפינט יאָ, זאָגט ער, איז אייגנטלעך אַ מיסטישער סובסטאַנציעלער גאָט, וואָס איז בשום אופן ניט דער יידישער זין פון גאָט. דעריבער טיילט ער זיך אָפּ פון די דאָזיקע מפרשים און טראַכט בכלל ניט וועגן עצמיותדיקע גאָט־באַגריפן, וואָס, ווי ער דענקט, זיינען אַלע מאָל געווען פרעמד דעם גייסט פון יידישן פאָלק. „איך זוך", זאָגט ער, „דאָס געטלעכע אין יידישקייט, ניט גאָט. אין זוכן איז די נשמה, דאָס געפונענע איז דער גוף, די טויטע דעפיניציע."

מעגלעך אַז מען דאַרף ניט אַלעמענס הסכמה. עס איז גענוג אַז בלויז טיילן פון פאָלק זאָלן צושטימען, וואָרום דאָס פאָלק לעבט דאָך נאָר אין זכות פון די ל"ו צדיקים. נאָר אין אַזאַ פאַל צעפאַלט זיך דער גאַנצער פּסוק — דאָס „פאָלק" ווערט געמינערט, במילא מוזן די אַנדערע טיילן פון פּסוק אויך געמינערט ווערן. כמעט אַזוי ווי אין אַ מאַטעמאַטישער גלייכונג, ווען איין טייל ווערט געענדערט, צעפאַלט זיך די גלייכונג.

עס איז ביי אונדז אַ פאַנטאַסטישע וועלט מיט פּסוקים, אַזוי ווי אונדזער גאַנץ יידיש לעבן וואָלט זיך אָנגעהויבן אָבער קען זיך קיין מאָל ניט ענדיקן אָן אַ פּסוק. מסכים, ס'איז קאַבאַליסטיש, ס'איז טיף, ס'איז לויט דער מסורה, פולע רוחניות, דער עצם פון קאָסמאָס. נאָר ווי אַזוי האַלט מען צונויף אונדזער גרויס פאָלק, ניט דעם קליינעם מיעוט, די צען צדיקים, נאָר אונדזערע אונטערוואַקסנדיקע דורות, אונדזערע אייגענע זין און טעכטער — אַז זיי זאָלן בלייבן מיט אונדז און אויך אַזוי טראַכטן מיט די פּסוקים פון חז"ל?

איז דאָ אַן ענטפער אויף אָט דער האַרבער קשיה — פאַרזיכיקייט, דער מיטלסטער זייל אויף וועלכן גאָלאָמבס צענטראַלער געדאַנק שטיצט זיך— צוזאַמען זיינען דאָס דריי באַזונדערע זיילן. 1) די קאָנצעפּציע פון קולטור ווי שטייגער; 2) די שוין דערמאָנטע פאַרזיכיקייט טעאָריע און, 3) די פילאָסאָפיע פון אינטעגראַלער יידישקייט.

דאָס זיינען אָן ספק גאָלאָמבס גרינטלעך גוט דורכגעטראַכטע געדאַנקען, וואָס זיינען פאַר זיך אַליין אַ ווערטפולער צושטייער צו אונדזער דורות־אַלטער פלוגתא וועגן דער יידישקייט רעטעניש. נאָך אַ טיפן אַריינבליק און היסטאָריש־סאָציאָלאָגישן אַנאַליז פון אונדזער גאַנג צווישן פעלקער, פון אונדזער אייביקער אַנדערשקייט, געפינט גאָלאָמב אויס, אַז דאָרט ווו מיר האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט, פאַר זיך— טאַקע צווישן אַנדערע פעלקער און קולטורן נאָר דאָך פאַר זיך — האָבן מיר געבליט און זיך אַנטוויקלט לויט אונדזער

אייגענעם ווילן און כוח, לויט אונדזער אינערלעכער שליחות אָדער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט. די שטעטל־תקופה אין אונדזער געשיכטע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אָט דער פולער אָפּגעזונדערטקייט, פולער פאַרזיכיקייט, ייד און מענטש, וועלטלעך און רעליגיעז, שפּראַך און קולטור, שטייגער, טראַדיציע און אויפפיר — אַלץ איז געווען אָרגאַניש גאַנץ, ניט צעשפּאָלטן ווי אין דער איצטיקער אורבאַנישער, גרויסשטאָטישער תקופה.

לאָמיר אָננעמען, אַז אָט דער אַנאַליז אַ ז ריכטיק, הגם ס'איז דאָ אין גאַנצן אויסגעלאָזט די יידישע עקאָנאָמישע קאָניוקטור פון יענער תקופה. לאָמיר פאַרגעסן אויף אַ ווייל אַלע שרעקלעך נעגאַטיווע פאַקטאָרן, אַלע אוממענטשלעכע ליידן, צרות, די אייביקע שרעק פאַר פּאָגראָמען, גירושים און נאָך און נאָך רשעות פון אָט דער תקופה.

לאָמיר זאָגן, אַז אין דער אָפּגעזונדערטקייט איז געלעגן אונדזער כוח, פרעגט זיך, צי איז מעגלעך, פיזיש און גייסטיק מעגלעך, איצט אין אונדזער אינטעגראַלער צוויליזאַציע, זיך אָפּצוזונדערן אין די לענדער ווו מיר וווינען (חוץ ישראל, פאַרשטייט זיך) און פירן אַ פאַרזיכיק נאַציאָנאַל געזונטן לעבן?

אַ. גאָלאָמב איז איבערצייגט און גלייבט, אַז יאָ, מען קען.

אויך אונדזער פרום חסידישער סעקטאָר האַלט אַז יאָ, מען קען. און זיי באַווייזן דאָס טאַקע בפועל ממש. איין פאַל אַזאַ, וועגן וועלכן איך האָב געהערט, איז דער יישוב, וואָס די סקווערער חסידים האָבן אויפגעבויט לעבן ניו־יאָרק, דאָס שטעטל ניי־סקווער.

ניי־סקווער איז אַ חסידיש שטעטל, אַרום פערציק מייל פון ניו־יאָרק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פאַר־צען־יאָרן און זיי האָבן ניט לאַנג צוריק געפייערט זייער צען יעריקן יובילײ. צוואַנציק מישפּחות פון די סקווערער חסידים פון וויליאַמסבורג, האָבן דאָס געגרינדעט, היינט וווינען דאָרט אַרום צוועלף הונדערט יידן. זיי פירן זיך שטרענג חסידיש, לויט אַלע דינים, יינגלעך באַזונדער און מיידלעך באַזונדער; אַ ישיבה פאַר דריי הונדערט יינגלעך און אַ ישיבה פאַר צוויי הונדערט מיידלעך.

זיי האָבן צוויי אייגענע אינדוסטריעס: זייגער־מאַכעריי און דימענטן־שלייפעריי. אַרום פערציק איינוווינער אַרבעטן אין ניו־יאָרק. זיי פאָרן אין אַן אייגענעם אויטאָבוס, וואָס איז אין דער אמתן אַ רייזנדע שול צום דאַווענען, מיט אַן אָרון קודש, סידורים, אאז"וו. זיי אַלע שטאַמען פון אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע און גאַליציע.

דאָס שטעטל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן דערפאָלג.

האָבן מיר דאָ אַ גוטן ביישפּיל פון פאַרזיכיקייט.

גיב איך דאָ קיינעם ניט קיין עצות וואָס צו טאָן און דערלויב זיך ניט צו קריטיקירן קיינעם פאַר זייערע פּאָזיטיווע עקספּערימענטן. איך האַלט אָבער, אַז מיר זיינען ניט קיין אָפּגעשטאַנענע מענטשן, וואָס טוען זאַכן כאַפּ־לאַפּ. ווי אַ נאַציאָנאַלע פּראָבלעם דאַרף עס אָפּגעשאַצט ווערן אַלזייטיק און ווי געהעריק.

קודם כל טאָר מען ניט צונויפמישן פאַרזיכיקייט מיט סובורביאַ. דאָס ערשטע מיינט פולע אומאָפּהענגיקייט, אָפּגעזונדערטקייט; דאָס צווייטע מיינט בלויז רעזידענץ, וואָס איז אָפּהענגיק אָן דער גרויס־שטאָט פאַרן עקאָנאָמישן וווילזיין.

צווייטנס טאָר מען ניט פאַרגעסן אָן דער אייגנאַרטיקייט פון דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמישער סטרוקטור — זי בייט זיך אָפּט און שנעל. גאַנצע געגנטן גייען אונטער און נייע קומען אויף. גענוג צו דערמאָנען דעם חורבן אַפּאַליישיאַ; די טעכנאָלאָגישע ענדערונגען אין דער טעקסטיל אינדוסטריע, וואָס האָט געפירט צו חורבן אין די ניו־ענגלאַנד סטייטס און געבערענגט אויפלעבונג אין דער סאַוט; אויך די ענדערונגען אין דער קוילן־אינדוסטריע, אאז"וו.

דאָס זיינען ענדערונגען וואָס קומען פאָר אָפּט און אָפּטער, אַ דערשיינונג וואָס איז געווען אומבאַוווּסט און פרעמד אין דער שטעטל־תקופה ווען דורות און דורות זיינען פאַרביי איידער מען האָט אפילו באַמערקט אַ קאַרדינאַלע ענדערונג. האָט דער שטייגער, די טראַדיציע זיך געקענט פאַרפעסטיקן, זיך האַלטן און דאָס לעבן



איז זיך אָנגעגאַנגען ווייטער. ס'איז געווען אַן אָרגאַנישער המשך.

אָבער היינט, דאָ אין אַמעריקע, אויב מיר ווילן אויפבויען פאַרזיכיקע יישובים, ווי די סקווערער חסידים, ווילן מאָרגן, נאָר אפילו ביים ערשטן דור, די יישובים, ביי די מינדסטע טעכנאָלאָגישע ענדערונגען, נעמען איינדאַרן און פאַלן. ביז אַ געוויסן גראַד האָבן מיר אַ מוסר השכל פאַר דעם פון די אַמאָליקע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, און אויך פון דעם שטעטל פּעטאַלומאַ דאָ אין קאַליפאָרניע. ס'איז אַגב אויך כדאַי צו דערמאָנען דאָס קאַפּיטל יידישע פאַרמעריי ביי אונדז. איצט זעען מיר ווי יעדן יאָר ווערט אַלץ מער לאַנד אַוועקגענומען פון אַגריקולטור און פאַרוואַנדלט אין רעזידענץ אָדער אינדוסטריעלע פּראָיעקטן. ס'איז אַזוי אַרום גאָר ניט גוט מיט פאַרמעריי.

מען קען טענהן, אַז פאַרפעסטיקן נאָר איין דור איז אויך עפּעס ווערט, איז אויך גוט. מסכים. מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דער אימפּעט פון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט און טעכנאָלאָגיע טראָגט זיך מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז גאַנצע אינדוסטריעס בייטן זיך אין משך פון בלויז איין דור און טייל מאָל נאָך שנעלער. היינטיקס יאָר זיינען צענדליקער טויזנטער חלל און עלעקטראָניק אינזשעניערן און טעכניקערס געשטאַנען פאַר דעם פּראָבלעם רעקוואַליפיצירט צו ווערן פאַר אַנדערע פּראָפעסיעס. דאָס ווערט איצט אַ גאָר אָפטע דערשיינונג.

איז דאָס נאַטירלעך ניט קיין סוד, און גאָלאָמב ווייסט וועגן דעם אַוודאי און אַוודאי און ער דערמאָנט עס אויך אין זיין בוך. אלא וואָס דען? אין דעם נייעם פאַרזיכיקן יישוב, מיינט ער, וועט מען בלויז זיך אויסלעבן צוזאַמען אָבער אַ „לעבן מאַכן" וועט מען אין דער שטאָט. עקאָנאָמיש ווילן אַלע מענטשן, אַלע פעלקער אַרבעטן צוזאַמען, פאַרדינען צוזאַמען פון איין אַלגעמיינער צווישן־פעלקערלעכער אינדוסטריעלער סטרוקטור, נאָר אויסלעבן זיך גייסטיק און קולטורעל וועט יעדער פאָלק באַזונדער, אין זיין אייגן פאַרזיכיקן „שטעטל", וואָס וועט זיין אָפּהענגיק אָן דער גרויס־שטאָט, ווי מיר האָבן דאָס שוין פריער דערמאָנט. דער חלום אַז עס וועלן מער קיין מדינות, ד"ה באַזונדערע פּאָליטישע שטאַטן, ניט זיין אויף דער וועלט, נאָר בלויז פעלקער, קולטור־אינסן. דאָס איז געוויס אַ שיינער געדאַנק, נאָר ביז אָט דער געדאַנק וועט רעאַליזירט ווערן וועט... נו, ווער ווייסט וואָס עס וועט זיין?

די געדאַנקען אין בוך קייטלען זיך מיט אַ שאַרפער לאָגיק. מען קען לייכט דערקענען די לאָגישע פאַרבינדונג צווישן די הויפּט־געדאַנקען. דער געדאַנק פון אינטעגראַלער יידישקייט קען אָבער אויך באַטראַכט ווערן באַזונדער, אומאָפּהענגיק פון די אַנדערע. מיט ענדערונגען צי אָן ענדערונגען — ג אַ נ צ ע אינטעגראַלע יידישקייט איז איצט דאָס געבאָט פון יידישן לעבן. די צייט איז רייף און דער אינטעלעקטועלער קלימאַט איז גינסטיק פאַר אַ פולער יידישקייט לויט אונדזערע מאָדערנע באַגריפן, פאַרשטענדעניש, און די געבאָטן פון דער צייט.

מען טאָר ניט בויען קיין גאַנצע יידישקייט לויט די איינרעדעניש און פאַרלאַנגען פון אַ מיעוט, ווער דער מיעוט זאָל ניט זיין. עס איז פּרימיטיוו היינט זיך צו טרייסטן, אַז נאָר צוליבן מיעוט זיינען מיר געבליבן לעבן ווי אַ פאָלק אין גאַנג פון אונדזער לאַנגער געשיכטע. מען מוז אויך געדענקען צוליב וואָס זיינען גרויסע צאָלן אויך אַוועק פון אונדז.

מען קען היינט ניט איינהאַלטן אַ גרויס יידיש פאָלק לויטן מוסטער פון די תנאים, ד"ה דורך אַרומצוימען זיך מיט לעגאַליסטישע דינים, מיט הלכות, ווי מען זאָל זיי נאָר ניט טייטשן און פאַרטייטשן. אפילו מיט זייער דינאַמישן גייסט געהערן זיי צו אַן אַנדער וועלט, אַ פאַרגאַנגענע וועלט וואָס וועט זיך שוין מער ניט צוריקקערן. די וועלט איז היינט אַנדערש. וויל מען אָבער גיין לויט אַלטע השגות, קען מען אויך בלייבן לעבן, נאָר ווי אַן איינגעשרומפּענער, אומבאַדייטנדער מיעוט.

אַברהם גאָלאָמב צייכנט זיך אויס ווי אַן אייגנאַרטיקער טיפער דענקער. ער שווימט טיף און פריי אין ים התלמוד, באַוועגט זיך לייכט און קלוג צווישן די חז"ל און ווייסט אויך וואָס די ביאָלאָגיע, די באָטאַניק און די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן לערנען אונדז. ער האָט געלעבט

מיט יידן אין פאַרשיידענע לענדער, געלערנט פון זיי און מיט זיי און זיך אומעטום געפילט היימיש ווי אַ ייד, אָבער דאָך איז אַ פרעמד לאַנד, אַחוץ ווען ער האָט געלעבט אין ארץ ישראל, און אפשר, אפשר דאָרט אויך ווי אין אַ פרעמד לאַנד...

דער דור וואָס קומט אויף, די נייע דורות קען מען ניט איינרעדן, אַז זיי פילן זיך ווי פרעמדע דאָ אין לאַנד. עס איז אמת אַז מיר זיינען געווען „פרעמדע" אין פאַרשיידענע צייטן און לענדער. די צוגעטראַכטע פילאָסאָפישע דערקלערונג און היסטאָרישע פאַרטייטשונג פון דעם וואָרט „פרעמדע" איז ניט גילטיק אין אונדזער צייט, פאַר אונדזערע דאָ הי אין אַמעריקע געבוירענע זין און טעכטער. נאָך מער, עס איז אַ געפערלעכע פילאָסאָפיע, וואָס פאַסט זיך בשום אופן ניט אַריין אין אונדזער לעבן. וואָס פאַר אַ היסטאָרישן באַטייט דאָס וואָרט זאָל ניט האָבן היינט, דאָ, מיינט עס עפּעס אַנדערש. אויך דער טייטש פון ווערטער בייט זיך. מיט אַזאַ פילאָסאָפיע פון פרעמדקייט וועלן מיר פאַרפרעמדן אונדזערע קינדער.

אונדזער חשובער טיפער דענקער א. גאָלאָמב שטאַמט פון דעם יידישן לערערקרייז. רייך אין גרויסער פעדאַגאָגישער קענטשאַפט איז מען דאָרט קיין מאָל ניט געווען. מען איז געקומען אַהין פון די טיפענישן פון דער יידישער אָרעמקייט און מיטגעברענגט עקאָנאָמישן דלות און גייסטיקע מיטלמעסיקייט. דאָך זיינען אויך געקומען יחידים פון אַ הויכער מדרגה און גרויס פאַרנעם, סיי אין מחשבות, סיי אין מעשים. גאָלאָמב איז געווען איינער פון יענע יחידים און איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער. שוין צענדליקער יאָרן ווי ער באַרייכערט מיט זיין וויסן און דערפאַרונג די יידישע שול און אונדזער קולטור־וועלט. עס איז מיין איינדרוק, אַז ער איז אַ באַעוולטער, שלעכטפאַרשטאַנענער, ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצטער, אייגנאַרטיקער, טיפער יידישער דענקער. ער האָט טיף דורכגעאַקערט דעם באָדן פון דער יידישער וועלטלעכער קולטור און נאָך דעם אָפּט אויסגעיעט דאָס אָנגעוואַקסענע ווילדגראָז. דאָס האָט אים געשאַפן פיל פריינד און פאַרערערס, אָבער אויך, ווי דער שטייגער איז, קעגנערס און ניט פאַרגינערס.

די אויסצייכענונג און אַנערקענונג, וואָס די „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" האָט אים לעצטנס געשאָנקען דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס אין דער פאָרם פון אַן ערן־דאָקטאָראַט, איז געוויס אַ פיינער זשעסט זייערער, אָבער אין אַזאַ כבוד נייטיקט זיך דער כבוד־געבער ווי דער כבוד־נעמער. אונדזער „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" נייטיקט זיך מער אין „תורה"־פּרעסטיזש און אין יידישן קולטור־פּרעסטיזש ווי דער נייער ערן־דאָקטאָר אברהם גאָלאָמב.

א. גאָלאָמב איז אונדזער זקן־הסופרים און ס'איז אַ פרייד וואָס זיין קול איז ניט אָפּגעשוואַכט און זיין טראָט, זיין האַלטונג איז גלייך ווי אין דער יוגנט — שטאָלץ און זיכער ווי אַ ייד אַ בן־תורה.

ער זעט אָבער אויס ווי ער וואָלט געווען פול מיט צער, סיי געזעלשאַפטלעכן, סיי פּערזענלעכן, וואָס מען דאַרף דאָ ניט אויסרעכענען. ער איז אָבער אויך פול מיט ביטחון און האָפענונג פאַר אונדזער פאָלק, ווי עס איז צו זען פון זיין נייעם ווערק. דער צער קומט, ווייל ער ווייסט, אַז מען קען טאָן אַ סך מער און אונדזער גייסטיק לעבן האָט געקענט זיין אָן אַן ערך רייכער, גאַנצער; די האָפענונג און ביטחון — ווייל ער קען די פאַרבאָרגענע וועגן פון די געשיכטלעכע פּראָצעסן און ווייסט דעם סוד פון דעם פסוק: נצח ישראל לא ישקר.



זאב סאליס

# א. גולומב: עיונים ביהדות זמננו

## ירושלים־תל אביב — תשל"ב

איני מתמחה במקצוע סקירת ספרים, אך לבקשת ידידי הנכבד עורך ה„חשבון", אריה פזי, נתרציתי לתת סקירה תמציתית לפי דלות כחי על אחדים מן המאמרים שבספר „עיונים ביהדות זמננו" לאברהם גולומב, שיצא לאור בימים אלה במדינת ישראל. כידוע התמכר הסופר והמחנך א. גולומב כל ימי חייו לספרות ולחינוך בלשון יידיש. לדרישתו ועודדותו של נשיא ישראל, ר' זלמן שזר, הסכים גולומב ברצון רב לכתוב את ספרו זה בעברית.

בקראי את „העיונים" נוכחתי, כי לא יקשה עלי לסקור את העניינים, שעליהם גולומב דן בספר, על אף משקלם העיוני וחשיבותם המרובים, ואין בספר אלא סיכום כולל של שיטתו ההיסטוריוסופית ביהדות של העבר הרחוק והקרוב והשלכתה על היהדות של ההווה. עם כל זאת הייתי מפקפק, אם לקבל את הצעת העורך — וזה משני טעמים: א) לא הייתי בטוח אם אעצור כוח לתת סקירה אובייקטיבית על ספר ממין זה — ספר העוסק בבעיות חיוניות של עמנו בזמננו — עת שידוע לי מלכתחילה שעתיד אני להתנגד לכמה מזעותיו העיקריות שבספר ה„עיונים."

ב) הטעם השני הוא כולו אישי. יחסי אל האישיות גולומב הוא יחס אל איש מורם מעם, שזכויות עצומות עומדות לו מאחוריו בשדה החינוך והספרות. הוא שרת את עמנו משך שלושה דורות, והרבה מתלמידיו עומדים על משמר קיום עמנו והמשכו בתפוצה וגם במדינת ישראל. אומנם לא כולנו מסכימים למסקנותיו העיוניות ולדרכי הגשמתן שגולומב מציע, אך גדולה היא הערצתנו לגולומב בגלל חרדתו לגורל ישראל ותורתו. ואיך אוכל לקבל עלי משימה, שבהכרח ניידונה היא להיות שלילית, לפי השקפה שנעשתה לי לאורח חיים הפרטי והכללי של העם כולו? האם נכון לעשות כן? החלטתי לשאול את פי הנוגע בדבר. הסירותי את שפופרת הטלפון והתקשרתי עם גולומב. גליתי לו את פקפוקי שהתעוררו בקרבי לקבלת הצעתו של עורך ה„חשבון". לא כסיתי ממנו דבר. גולומב ידע כבר מקודם את התנגדותי להרבה מדעותיו מתוך הוויכוחים שבינינו על מדינת ישראל וגלות, על השטטל לשעבר במזרח אירופה, ועל השטטל שהוא מציע לבנות בערי הגלות, כדי להציל את עמנו מכליון גופני ורוחני — ועל דבר לשונות ישראל. ועם כל חילוקי הדעות שבינינו — גולומב כמעט שגזר עלי לקבל את הצעת העורך, ולחוות את דעתי הכנה בפני קהל ועדה, אם כי היא מנוגדת לדעות המובעות בספרו „עיונים ביהדות זמננו."

הספר „עיונים ביהדות זמננו" מכיל שלוש עשרה מסות, כמאתיים שבעים ושבעה עמודים. כל המסות הן עבודות יסודיות על בעיות חיוניות בשטח קיום היהדות והמשכה. מפאת חשיבתן של הבעיות היתה הסקירה צריכה להיות נעשית על ידי גדול ממני במקצוע זה.— אני אתעכב בסקירתי על רעיונות אחדים מן המסות, שהן בעיני העקריים.

## א.

בספר הזה מתכוון גולומב להוכיח, שאין עם ישראל עם מדיני, ואשר על כן כמעט כל היצירות הרוחניות, שרישומן ניכר בעם ישראל בכל התקופות, ואף אלה שהשפיעו על התרבות העולמית דרך צינורות הנצרות והאיסלם — נוצרו בחוץ לארץ או בארץ ישראל תחת שלטון מדיני של זרים. ראשית התהוות בני ישראל לעם חלה בגלות מצרים, כמו שנאמר. „ויהי שם לגוי גדול עצום ורב"— (ובעל ה„הגדה" מוסיף: מלמד שהיו ישראל מצוינים שם). בימי בית ראשון, שאפשר לחשוב את ארץ ישראל כריבונית בתקופות מסוימות, עומדות ברשות עצמה, אין אנו רואים ברכה מרובה לקיום האומה: מלחמות אחים, אבדן רוב הגדול של האומה (מלכות שומרון), שנטמעה בגלות בלי להשאיר כל זכר, מפני שכבר בארץ לא היה בה כוח והכרת עם (עמוד 11). ואומנם

מסופר, כי אפרים וארם התחברו יחד ונלחמו עם יהודה, ובני אפרים לא מצאו שום דופי בהתקשרם עם עם זר להלחם באחיהם היהודים: „ויהרגו בהם מאה ועשרים אלף ביום אחד" (דבה"י ב', כ"ה)).

כאשר נחרב הבית הראשון נשאר חלק גדול של היהודים בארץ והתבולל בעמים אחרים שהיו שם מקודם או שהובאו לארץ לארץ על ידי הכובשים, וכמעט שלא היתה ליהודים שישבו מארץ שום זיקה לעצמאות מדינית. הגאולה לא באה מתוך יושבי הארץ היהודים השוכנים בקרבה, כי אם הגיעה מבחוץ, כעבור שבעים שנה, על ידי הגולה שחזרו מגלות בבל ופרס. — עולים אלה בנו מחדש את העם ולא היהודים שישבו בארץ. גולי בבל הידשו את התורה ועזרא הסופר תיקן תקנות נכבדות: „ירדו לבבל שבטים ועלו משם עם שלם" (עמוד 12)—התקנות והמנהגים שנתגבשו ברבות הימים להלכות. ותחילת פעולתן והשפעתן צמחה בגלות בבל, הם שליכדו את השבטים לחטיכה עממית אחת גם בהיותם חיים בארצם הם, תחת שלטון זרים.

היצירות התרבותיות נתרבו דווקא באותן מאות השנים בהשפעת התורה שבעל פה, כלומר ההלכות והעם כשלעצמו היה חי, עובד ויוצר בשקט ושלום, ולא הרגיש בשעבוד מלכות, מלבד חלק קטן של „אריסטוקרטים", שהתיחסו למשפחות המלך דוד והכוהנים הגדולים ושאפו לעצמאות־מדינית. —

מתתיהו ובניו החזירו את העצמאות המדינית לישראל, אך ביחד עם זה נפרצה חומת היהדות המסורתית, וההתבוללות התרבותית התחילה לחדור לארץ, ויסודות היהדות התרופפו. רוב מלכי החשמונאים היו צדוקים, והם שתלו את קיום העם במדינה עצמאית. לא כן הפרושים, עמודי ההלכה והמוני עם הפשוטים, שהחזיקו בתורה המסורה ומנהגיה — אין אנו שומעים תלונות על שעבוד מלכיות פרס ובבל, כל עוד לא נגעו לרעה בדתי ישראל ובעבודת השם. התנגדות עצומה שררה למלכי החשמונאים במחנות הפרושים. לרגלי ההתרופפות של היסודות התרבותיים העממיים ובעיקר בסיבות השאיפות המדיניות של מלכי ישראל — נחרב הבית השני על ידי הרומיים.

רבי יוחנן בן זכאי וחבריו „הם" שהצילו את ישראל מכליון. הם אמרו. „עתידה תורה שתשכח מישראל... ונכנסו לכרם דיבנה". ביבנה, בהלכות שיצאו מכאן, צמחה נצחיות ישראל. בספרות העברית שאחר חורבן בית שני אין למצוא קינות „איכה" ומזמורי־תהלים בנוסח: באו גויים בנחלתיך, או: אשרי מי שינפץ את עולליך, וכדומה. נמנעים אפילו לקרוא חורבן הארץ וקוראים: פולמוס טיטוס.

התורה תציל את עם ישראל מכליון ולא המדינה. והתורה מהי? התורה שבעל פה! התקנות וההלכות שבעל פה הנתקנות לפי צורכי העם הן הן היסודות החזקים שעליהם ייבנה בית ישראל בנין עדי עד— ולא מוסד המלוכה. עמנו איננו ככל הגויים! ואין קיום האומה מובטח אלא בהלכותיה המקשרות את חלקי העם בכל מקום שהם. אומנם לא הובעה דעה זו בזמן החורבן בפירוש, מפני שפחדו מן המורדים, ועוד חז"ל לא נהגו להגדיר את שיטותיהם, העיקר היה להביא את תלמידיהם לידי מעשה.

יהדות היא סכום של מעשים של הלכות־החיים ומנהגי־חיים, והם שונים מדרכי־עמים אחרים. יהודי הוא זה, המקיים את ההלכות האלה. תודעה יהודית נקנית אך ורק על ידי מעשים. במזרח־אירופה, בארצות הלחץ, היינו לעם בתוקף תורת ההלכה, ואילו במערב־אירופה „בטלה ההלכה, בטל העם."

ההלכה היא המביאה לידי פריחה ושגשוג — ולא המלוכה העצמאית. בקצרה: לא הארץ שמרה על קיום העם כי אם התורה, והתורה היא. תורה שבעל־פה — ההלכה, וגולומב מביא את המאמר בגטין ס:: „לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה". תורת משה, התורה שכתב, הורתה לנו את הדרך אשר לרווחה נלך בחיים, אך היא נדרשת בשלש־עשרה מידות של רבי ישמעאל ובמידות אחרות לכל צרכינו בחיים להסיק ממנה חיזוק וביסוס להלכות החדשות ורק על פי ההלכות האלה נתקיים בעולם כעם אחד.

גולומב מחליט: אמונת אלהים היא אמונה בעם ישראל, אמונה בעם ישראל



היא אהבת ישראל. הוא מחזק את דעתו זאת במאמר הידוע של הזוהר. „קודשא בריך הוא, אורייתא וישראל חד הוא." בסוף המאמר גולומב מסכם: לעם ישראל שלוש תורות: תורה שבכתב, שנכתבה ע"י משה, וקודם לו היתה היא בעל פה; תורה שבעל פה, ההלכות, שנכתבה ונסדרה על ידי רבי יהודה הנשיא ומסדרי התלמוד בבלי, רב אשי, שהחל בסידורו ונחתם בימי רב יוסי ע"י הרבנן סבוראי בשנת ד"א, ר"ס (500) ותורת השטטל (העיירה) שיושביה היהודים במזרח אירופה התנהגו על פי ההלכות שנתחדשו ע"י מנהיגי ישראל הרוחניים, תורת שטטל זו היא העיקרית. עפ"י התורה הזאת חיו אבותינו ועפ"י דינים ומנהגים, שהבדילו אותנו מן הגויים, הארכנו ימים בארצות פזורנו. על כן חובה עלינו להמשיך בתורה הזאת. (מנהג אבותינו—תורה היא. (מנחות כ':)).

מפלגות היהודים בזמננו דעותיהם מחולקות. החרדים שוללים את התרבות החדשה, שהליכות עולם, ההלכות, יצרו בשטטל ואינם זזים מחוקי ה„שולחן ערוך" החנווטים.—הריפורמים מסתפקים בעבודת אלוהים ב„טמפל"—ומחוצה לו יש להתנהג כשאר העמים שהיהודים יושבים בקרבם, לדבר ולהתפלל בלשונם, ללבוש כמנהגם וכו'. והחילוניים. כוחם גדול לשלול את כל היהדות הדתית, ולא יצרו שום יהדות אחרת. הם הורו, שהיהודי חייב לדעת את ההיסטוריה שלו — ואבל אין ידיעה מביאה לידי מעשה. בקיצור: שיטת החרדים — שומרוניזציה, שיטת הריפורמים — טמיעה, שיטת החילוניים — ידיעה בלי עשיה. החילוניים קיבלו את תורת השטטל ודרכי חיים האחרונים, אך שללו את מנהגיה הדתיים, לא יצרו את הכלים, כדי להכניס את תורת השטטל בלבוש חדש במחנה ישראל.

## הערות

בסקירה הוספתי בסוגריים מאמרים מן המקורות המקיימים את טענותיו של גולומב. דעתי היא, כי בדרך כלל מסקנותיו אינן הולמות את השקפת היהדות במשך כל תקופות קיומה. — העם היהודי שאף תמיד לגאולה שלמה, והתפללו שהשם יסיר מעליהם עול הגויים, היינו, להיות חיים עצמאיים בארץ ישראל, ומלך מגזע דוד המלך עליהם. מירושלים עיר הקודש יצא אור לגויים, ומעריהם יבואו להשתחוות לאלהי ישראל ויביאו מתנות לבית קדשנו בירושלים, עיר הבירה של ארצנו הריבונית. מעולם לא חשבו על ארץ אחרת, ארץ האומה הישראלית, כשם שלא חשבו על אל אחר. תרבות היהודים ואמונתם היא קשורה ואחוזה עם ארץ ישראל — ודלא כגולומב הכותב. „אל אחד— מסכים אני, ארץ ישראל אחת ולא יותר — אין אני רוצה להסכים." (עמוד 23).

כאשר גולומב מזכיר יצירת ערכי תרבות ע"י היהודים, הוא מצמצם אותם ומכניסם בתוך מסגרת צרה של יצירות רוחניות בלבד ולפיכך הוא מהשיב את היצירות הרוחניות בגלויות יותר מן היצירות שנוצרו בארץ. נראה לנו, שגולומב מעלים עין מהוראתה השלמה של המונח „תרבות". הלוא מונח זה כולל גם יצירות תרבותיות המאפשרות לעם היושב בארצו חיים תקינים. חלק גדול של היצירות הללו ייתכן ביצוען אך תחת שלטון מדיני עצמאי ללא לחץ חיצוני של מושלים זרים. עובדי אדמה היושבם לבטח בארצם נותנים לבם להרבות „תרבות" בטיפולם ליצור מינים משובחים וסוגים חדשים של פירותיהם לשיפור חייהם של יושבי הארץ.

האומנויות החשובות בכל חיי עם ועם כגון חכמת הבניין, מוסיקה, ציירות, פסלות, ריקוד ועוד— יצירות תרבותיות נעלות אלה לא באו על ביטויין המלא בגלות ואפילו לא בארץ ישראל תחת עול מושלים זרים. יש ואנו מוצאים פה ושם קצת סימנים מהם, אבל הם נעשו באמצעות „גויים" או בעזרת אישים מארצות נכר. בניין בית המקדש הראשון ובניין הורדוס נעשו בעזרת בני נכר. מפעלים תרבותיים אחרים כגון סלילת דרכים, מרחצאות, טיאטראות, קרקסאות, שבהם מתפארת האנושיות המתורבתת — לא בידי היהודים נעשו. היהודים בגלות לא יצרו ולא יכלו ליצור תרבות „גשמית" כזאת. הם צימצמו עצמם גם בארץ ובארצות גלותם עד לפני שניים־שלושה דורות ביצירת ספרי קודש העוסקים בענייני דת ומוסר ופירושיהם ופירושי פירושיהם ולא

אריה פאָזי

# ה. לייוויקס „אין די טעג פון איוב"

## (20 יאָר ווי סע איז דערשינען)

„די חתונה אין פערנוואַלד" האָט לייוויק אַרויסגעגעבן אין 1949, און מיט דריי יאָר שפּעטער, אין 1952, איז דערשינען זיין גרויס עפּיש ווערק, די דראַמאַטישע פּאָעמע „אין די טעג פון איוב".

די דאָזיקע פּאָעמע האָט לייוויק ניט אָנגערופן „איוב", נאָר „אין די טעג פון איוב". פאַר וואָס? לייוויק קלערט עס אויף אין דער הקדמה צום דאָזיקן ווערק, וווּ ער שרייבט: „וואָס עס איז פאָרגעקומען מ י ט איובן, ווי ער האָט אין זיינע יסורים געשריגן צו גאָט, ווי ער האָט אין משך פון לאַנגע שעהען אויסגעטענהט זיך מיט זיינע פריינד און ווי נאָך דעם האָט גאָט אַליין אים געענטפערט אין שטורעם, — וועגן דעם ווערט גענוי דערציילט אין ספר א י ו ב. צו דעם קען קיינער מער גאָרנישט צוגעבן. "דעריבער", שרייבט לייוויק ווייטער, „פּרובירט (ער), לפי כוחי, שילדערן ווי ער שטעלט זיך פאָר וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ ר ו ם איובן." „די דראַמאַטישע פּאָעמע הייסט דעריבער 'אין די טעג פון איוב', מיטן טראָפּ אויף א י ן  ד י  ט ע ג."

און ווייבאַלד „אין די טעג פון איוב", האָט עס לייוויקן געגעבן די מעגלעכקייט אויף אַריינצומישן יצחקן אין דער דראַמע. יצחק און איוב — די צוויי גרויסע בעלי־יסורים פון תנ"ך קומען זיך דאָ צונויף. זיי דערגאַנצן איינער דעם אַנדערן. דער ווי וואָס האָט זיי ביידן געטראָפן איז אין דער דראַמע צונויפגעהעפט און ווערט אויף אַזוי פיל גרויליקער.

אָבער ווי קומט יצחק צו איובן? לייוויק ברענגט זיי צונויף אויפן סמך פון אַ מימרא אין דער גמרא בבא בתרא (ט"ז), וווּ ס'ווערט געזאָגט: „ואימא, איוב בימי יצחק היה", ס'קאָן זיין, אַז איוב איז געווען אין דער צייט פון יצחקן. דאָס, שרייבט לייוויק אין זיין הקדמה צו דער דראַמע, האָט אים געגעבן, ווי ער דריקט זיך אויס, „אַ דערלויבטע מעגלעכקייט צו דערפילן אַ באַגער זיינעם, פון לאַנג אָן, צונויפצוברענגען יצחקן מיט איובן אונטער אַ שותפותדיקן צייכן פון ניסיון."

און דער צייכן פון יצחקס ניסיון האָט לייוויקן פאַרפאָלגט פון זיין קינדהייט אָן. די יצחק עקידה איז געווען, ווי ער האָט עס באַזונגען אין איינס פון זיינע לידער, זיין „ערשטע יינגלישע זעונג", אַזוי צו זאָגן:

„מיין ערשטע יינגלישע זעאונג איז<br>געווען דער ווידער, / וואָס האָט גע־<br>וואַרט פאַרפּלאָנטערט מיט זיין הערנער־<br>קאָפּ, / ביז וואַנען יצחק וועט צוריק<br>מיט אָפּגעבונדענע גלידער / פון טויט־<br>פאַרגרויליקטער עקידה, אויף דער<br>ערד אַראָפּ. / צווערשט האָב איך פאַר<br>יצחקן געבענטשט ביי גאָט געבעטן, /<br>דערנאָך האָט ס'האַרץ מיך צו דעם<br>ווידער זיך געטאָן אַ קער, / און אַ<br>צעמישטער בין איך נאָך דעם אין סוף־<br>טאָג אין שפּעטן, / פון חדר — נישט<br>געגאַנגען, נאָר געשלעפּט זיך קרענק־<br>לעך שווער. / כ'האָב נישט פאַרשטאַנען<br>צוליב וואָס האָט זיך פאַרפלאָכטן /<br>דער ווידער אין געדיכטן בוש — מיט<br>גוטן צי מיט גוואַלד? / אויב יצחקס<br>האַלדז האָט אויסגעמיטן פון צו זיין<br>געשאָכטן, / צי מוז אַ צווייטער האַלדז<br>זיין ליידיק אָרט פאַרנעמען באַלד?"

---

נמצאה בהם יצירה מקורית בתחום תרבות אחר. נוכח עובדה זו היאך אפשר לקבוע כי בגלות נוצרת „תרבות" הראויה לשמה?

„תרבות" גלותית היא בהכרח הנסיבות והתנאים לקויה. ת ר ב ו ת  ש ל מ ה תאופשר לנו רק בארץ ישראל ריבונית, והיא תקיף את כל תופעות החיים. אומנם עם ישראל יצר לעצמו בגלויות כלים הגונים והוגנים לחיים עממיים בין הגויים לאפשר את קיום ביניהם כעם מיוחד — אך קניינים נצחיים, נכסי צאן ברזה של א ו מ ה, אי אפשר היה להם ליצור בארצות גלותם.

(סוף יבוא)



דאָס ליד ענדיקט זיך מיט דעם וואָס לייוויק וואַרפט זיך „אין אַנגסט הלומות ביז אי, דער פרי" און געדענקט וועגן דעם ווי די הערנער פאַלן צו דער ערד, ווי אָפּגעהאַקטע צווייגן —

„דער שעפּסנקאָפּ ווערט פלוצלונג גרוי,<br>ווי ס'וואָלט אַ מענטשנס זיין, / די אויגן<br>וואָלטן אפשר וועלן שרייען, נאָר —<br>זיי שווייגן / אין בונד מיט יצחקס<br>שווייגעניש וואָס איז אין זיי אַריין."

אָט די יצחק־שווייגעניש, זיין אונטערטעניקייט, זיין שלום מאַכן מיט זיין גרויליקן גורל, זיין אָן־ווידערשטאַנד און ווידערווילן גיין צו דער עקידה — אָט דאָס איז וואָס גיט לייוויקן ניט קיין רו. קעגן אומרעכט דאַרף אויפגעהויבן ווערן דער מוראדיקסטער ווידערשטאַנד! דערפאַר האָט לייוויק גרויס דרך־ארץ פאַר איובן און קענטיק אויך מיט צופרידנקייט — דערפאַר, ווייל אין זיין דראַמע גיט לייוויק אַן אָנדייט, אַז ווען די גאַנצע נאַטור איז געווען „שלווהדיק", ווען „לויטעריק די זון פאַרגייט אין מערב" און טוט אויך דעם אומרו פון מענטש „אַרומנעמען די שלווה", און דענסטמאָל, ווען ס'האָט זיך גענומען „מיט אַ מאָל דערטראָגן זיך פון ערגעץ אַן אומהיימלעך געשריי אַ מין שילטנדיק געיאָמער פון אַ מענטשן (איובן)", און ווען דער געיאָמער האָט גענומען „וואַקסן אין אַן אומגעהייערער שטייגונג", האָט „אַלץ אַרום אין דער נאַטור גענומען זיך משונהדיק ענדערן." ענדערן זיך אויף אַזאַ שטייגער, ווי לייוויק באַשרייבט עס, אַז — שטיקער פינצטערניש נעמען זיך ברעכן... פאַסטעכער געוואַלדעווען" —

„אַ גרויל־קללה הערן מיר, / אַ טויט־<br>קללה קומט אויף אונדז. / פאַרשאָלטן<br>זאָל זיין דער טאָג פון געבוירן! / די<br>גאַנצע וועלט ווערט איינגעריסן אין<br>פינצטערניש!"

איובס ווידערווילן און אויסגעשרייען פון פיין האָט אויף אַזוי פיל געווירקט, אַז אפילו שטומע באַשעפענישן האָבן אָנגעהויבן ריידן און זיינען ווידערגעשטאַנען קעגן דעם יאָך, וואָס ווערט אויף זיי אַרויפגעלייגט פון מענטש. אפילו דער אייזל האָט געקראָגן לשון און שרייט אויס צו זיין באַלעבאָס, דער אַקערער: —

„איך שלעפּ ניט מער דעם אַקער, /<br>איך גראָב ניט מער דיין פעלד; / אַז<br>אונטערגיין איז אומגליק זאָל דער טאָג /<br>וואָס כ'בין אין אים געקומען אויף דער<br>וועלט. / פאַרשאָלטן זאָל ער זיין."

משמעות, לייוויק נעמט זיך אָן ניט נאָר די קריוודע פון מענטש, נאָר ער טרעט אַרויס מיט מרידה קעגן דעם אַלגעמיינעם סדר פון דער וועלט. חיה, צוגלייך מיט מענטש, איז אַ לעבעדיק וועזן; בלוט שטראָמט אויך אין אירע אָדערן. שכל איז אויך אין אירע געהירן און אין פיין טוט אויך איר לייב ווייטיקן ניט ווייניקער ווי עס ווייטיקט מענטש. ס'איז צער בעלי חיים! דעריבער, זאָגט לייוויק, טוט מיט רעכט אויך דער אייזל פּראָטעסטירן:

„אויס שותפות מיינע מיטן אַקער, / איך<br>וויל ניט שטיין מער אין קיין שטאַל. /<br>כ'ווער שותף מיט דער זון אין פלאַקער,<br>איך ווער אַ גליענדיקער שטראַל."

און ווי דער אייזל, אַזוי אויך דער קעמל. זאָגט איין קעמל:

„איך וויל ניט טראָגן מער קיין האָרבן,<br>איך וויל ניט מער מיין רוקנקלעם."

כדאי אין דעם ענין זיך פאַרטיפן: איז אייזל נאָר דער וואָס איז פירפיסיק און לאַנגאויעריק? איז קעמל נאָר דער וואָס איז האָרביק און קאַראַוואַניש־מידברדיק? אייזל איז דאָך אין דער בחינה פון מענטש. מענטש שלעפּט דאָך אויך דעם יאָך פון אַקער, אַקערט דאָס פעלד — אָבער פון דער גערעטעניש האָט דאָך הנאה מיינסטנס ווער אַנדערש. ער אַליין, דער אַקערער, איז ווי דער אייזל, וואָס שטייט אין שטאַל און עסט גראָז און פונעם ברויט האָט הנאה בלויז דער באַלעבאָס. און קעמל — אויך ער קען דאָך געמאָלט זיין צו זיין מענטש, מענטש מיט האָרב, וואָס שלעפּט די משא אויף די אייגענע פּלייצעס, איבער אַלע זאַמדן פון מידבר און קריגט דערפאַר מער ניט ווי די דערנער מיט וואָס צו נערן זיך. אָבער אייזל־מענטש און קעמל־מענטש — האָבן זיי דען ניט די זעלביקע חושים ווי דער אַקערער אָדער קאַראַוואַנער? איז ווייבאַלד עס האָט זיך דערהערט דער מאַכטיקער פּראָטעסט פון איוב קעגן דעם

# דער
# אַרבעטער רינג

פּראָגרעסיווע פּראַטערנאַלע
יידישע אַרבעטער און
פאָלקס-אָרגאַניזאַציע

## איבער זיבעציק יאָר

אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן
לעבן אויף אַלע שטחים און גע-
ביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

אַ ברייטער אויסוואַל פון
פאַרשיידענע אינשורענס
פּלענער, אויך ווערטפולע
בענעפיטן.

פאַר איינצלהייטן שרייבט אָדער טעלעפאָנירט:

## אַרבעטער רינג קולטור צענטער

1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד — לאָס אַנדזשעלעס

טעלעפאָן: 276-7007





# Addressing & Mailing Center, Inc.

**1901 West Olympic Blvd.**
**Santa Monica, Calif. 90404**

☆ ☆ ☆

## DIRECT MAIL ADVERTISING

- Complete addressing, mailing, creative service
- Direct mail consultants
- Mail order buyers
- Cheshire labeling, completely automated
- Mailing lists . . . local, state, national
- Creative artwork, copywriting, printing
- Market research

☆ ☆ ☆

MR. JOE DIAZ, President

MR. SHEL LAWRENCE, Sales Manager

פאַרדאַמט דעם בעל־עקידהניק און זאָגט צו אים אַזעלכע שאַרפע רייד ווי —

„געלעגן ווי אַ שעפּס און ניט געשריִען?
ווי אַ שעפּס. / אַוועק פון מיר! אַוועק
פון מיינע אויגן!"

און איוב — אָט דער ווידערשפּעניקער — אָט דער, וואָלטן מיר געזאָגט: משה קעגן פּרעה; חשמונאי קעגן די גריכישע באַצווינגער; בר־כוכבא קעגן רוים; אָדער — לאָמיר קומען נעענטער צו אונדזער אייגענער טעריטאָריע: אירגון קעגן ענגלאַנד; מדינת ישראל קעגן די אַראַבישע מלוכות . . .

ער — איוב (לייוויק, הייסט עס) קען אַזוינס ניט פאַרליידן און ער רופט אויס:

„...נעם און שריי ווי איך מיט מיין
געשריי, / און ניט מיט אַ געוויין וואָס
קיינער הערט ניט!"

און ווייטער זאָגט ער צו אים:

„...נעם און לייג זיך / ווי איך אין אַש,
און רייס די הויט פון זיך. / אפילו ווען
דיין לייב איז פריש און טוט ניט וויי,/
און שריי צו גאָט, ווען דו אַליין אפילו
דאַרפסט ניט שרייען,/ וויבאַלד אָבער
ס'איז דאָ נאָר איינער וואָס עס טוט
אים וויי—/ און רוף צו מישפּט גאָט
צוליב אַ צווייטנס פּיין, / אפילו ווען
דיין אייגן האַרץ איז פול מיט רו, /
און יאָמער ווען אפילו דיינע ליפּן ווילן
שמייכלען, / אפילו ווען דיין האַלדז
וויל זינגען."

אָט די שטראָפרייד פון איוב צעפּייניקן נאָך מער די אַזוי אויך געפּייניקטע נשמה פון יצחק. אמת, ער האָט פון קרבנותדיקייט זיך געראַטעוועט. אָבער דער עצם ענין פון קרבנותדיקייט איז דאָך דאָ געבליבן. אים פּערזענלעך איז דאָס לעבן טאַקע געשאָנקען געוואָרן, אָבער ווען?— בתנאי אַז אַן אַנדערנס לעבן האָט זיין לעבן מכפּר געווען. און וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער, יצחק, מכפּר צו זיין ווען עס איז אַנדערש פאַר זיך זעלבסט? און אַז דער „אַנדערש" איז אַ שעפּס — איז עס דען ניט קיין לעבן?

און יצחק ווערט דערביי געפּלאָגט מיט אַ זעונג—די שעפּס וואָס האָט אים פאַרביטן אויף דער עקידה, דערשיינט פאַר אים מיט אירע טענות: „און מיין האַלדז שעכטן מעג מען?"

און ווען יצחק ווערט דערביי פאַרגרוילט און ליגט פאַרזונקען, טענהט די שעפּס צו אים:

„צי איז דאָס שעפּסנבלוט קיין בלוט
ניט? / צי בין איך ניט צומאָל דיין
גילגול אפשר? / און אפשר בין איך
גאָר דער ערשטער אָנזאָג וועגן דיר,/
דער אָנווונק אויף דעם חלף־שאַרף וואָס
מוז / אויך ד י י ן האַלדז איבערשניידן
סיי ווי סיי / אויב ניט אין דער מינוט,
איז — שפּעטער, ש פּ ע ט ע ר!"

ש פּ ע ט ע ר... דערמיט גיט לייוויק אַן אָנווונק אויף די אַלע חורבנות, וואָס מענטש — ניט דווקא יידן—האָבן דורכגעמאַכט זינט יצחק און ביז היינטיקן טאָג.

לייוויק זאָגט טאַקע שעפּס. שעפּס קומט אין דער פאָרשטעלונג פון יצחק. בעסער געזאָגט, אין דעם אונטערבאַוווסטזיין פון יצחק. אָבער געמיינט ווערט דאָך דערביי מ ע נ ט ש. מענטש בכלל, מענטש וואָס אויך ע ר ווערט געפירט צו דער שחיטה — טאָג איין, טאָג אויס, ניט מחמת ער איז אין עפּעס שולדיק, אָדער באַשולדיקט, נאָר מחמת דעם איינפאַכן קאַפּריז פון דער נאַטור. — בעסער געזאָגט: די סודותדיקע, מיסטישע כוחות וואָס באַהערשן און געוועלטיקן איבער נאַטור— מענטש אַריינגערעכנט. לייוויק ברענגט אַרויס די שעפּס צו זיין די פירשפּרעכערין פון דעם באַליידיקטן און אומזיסט־אומנישט געפּייניקטן מענטש לגבי דער מיסטישער איבערמאַכט וואָס האָט מענטש געשאַפן פאַר אומבאַקאַנטע סודסודותדיקע צוועקן. ס'איז ניט סתם צערבעלי־חיים וואָס עס פּייניקט לייוויקס באַוווסטזיין און עמפּינדלעכקייט, נאָר די גרויסע אומרעכט וואָס ווערט באַגאַנגען דורך דעם וואָס קרבנות — סתם קרבנות — ווערן געבראַכט.

ווער זיינען די קרבנות? דער ענטפער איז: יעדער מענטש איז אַ קרבן! סיי פיזיש, סיי גייסטיק — ער איז אַ קרבן!... פאַר וואָס? פאַר ווען? — קיין תירוץ... רעדט טאַקע די שעפּס — מענטש אין זיין קרבנישקייט — צו יצחקס געוויסן:

„פאַר וואָס ביסטו אַראָפּגעשפּרונגען פון
מזבח / און מיך מיט גוואַלד אַרויפגעשלעפּט? פאַר וואָס?"



דאָ האָט שוין די שעפּס — בעסער געזאָגט, מענטש־קרבן — טענות צו מענטש־באַצווינגער, וואָס ער פּרווט ברענגען אַ כפּרה פון וועמען אַנדערש, פאַר דער אייגענער — הגם ניט מער ווי צייטווייליקער — דערליידזונג. און די שעפּס טענהט ווייטער. „איין קרבן האָט געשלעפּט צום טויט אַ צווייטן קרבן..." און די שעפּס קומט צו יצחקן מיט ביטערער איראָניע, אַז וואָס ער, יצחק, האָט געמיינט אַז דורך דער שחיטה פון דער שעפּס ווערט ער פאַרהיט פון שעכטונג, איז עס נאָר אַ ביטערע פעלשונג און פאַרפירערישקייט. וואָרעם, זאָגט די שעפּס: „...באַטראַכט זיך גוט,

באַטאַפּ זיך גוט / צי האָט דיין מאַמע
סיי ווי סיי דיך ניט געשאָכטן!?..."

און די שעפּס — דאָס הייסט: יצחקס געוויסן — הערט ניט אויף צו פּלאָגן אים, אַז ווי ער— אויך איוב איז אין דעם זעלביקן געוויסן, אַז — מענטש איז זיך מתחייב צו ברענגען קרבנות — מאַכט ניט אויס אַז ער אַליין איז דער קרבן... און אויב מענטש נעמט עס אָן ווי ס'וואָלט געווען נאַטירלעך און ס'קען אַנדערש ניט זיין — דאַן זאָל ער פאַרשעמט ווערן; פאַרשעמט ער — יצחק — ווי פאַרשעמט איז אויך איוב... רופט טאַקע אויס די שעפּס מיט שפּאָט צו יצחקן:

„פאַרוואַרף אים (איובן) אויף דיין
אַקסל און — אַוועק פון דאַנען! / אַנטרין מיט אים אין ש א ו ל! אין
תהום פאַרגיי! / גאָט דאַרף איך ביידן
ניט. ער קערט זיך אָפּ פון אייך."

און דערביי קומט די שעפּס (געקריוודעטער קרבן־מענטש) מיט דער גרויזאַמער באַשולדיקונג קעגן גאָט זעלבסט, אַז גאָט איז נאָר מיט א י ם, מיט זיין האַלדז „דעם אויפגעשניטענעם, דעם אויסגערונענעם"... און וואָס שייך זיי ביידן — יצחקן און איובן — זיינען זיי ביידע קינס!... ביידע, ביידע!... „אפילו ווען איר קלאָגט מיט דעם געקלאָג פון הבל."

פאַר וואָס? און די שעפּס לייגט אויס איר לאָגיק:

„ווייל זיין אַ הבל אויף אַן אמת ווילט
איר ניט, / ווייל הבל ליגט נאָך אַלץ,
ווי איך, פאַרוואָרפן! / ער ליגט נאָך
אַלץ אַן אומגעקומענער און וואַרט,/
אַז עמיצער זאָל מאַכן וועגן אים אַ
גוואַלד־געשריי./ ער וואַרט אָבער אומזיסט, ווייל אַלע האָבן שוין אָן אים /
פאַרגעסן לאַנג..."

דערביי שטייט אויף פאַר יצחקס זעונג דער ערשטער מערדער פון מענטש: קין וויקלט אויף די טיפע ווונד וואָס איז פאַרטאַיעט אינעם אונטערבאַוווסטזיניקן געוויסן פון מענטש, אַז ער, יצחק, האָט מיט קינען אַ „חלק שותפות". וואָרעם זאָגט קין:

„צי נאָר פון מיינטוועגן האָב איך דער־
הרגעט הבלען, / און ניט צוליב די
שפּעטערדיקע דורות אייערע—/ צו
מאַכן לייכטער א י י ך דעם וועג צו
מאָרד, / באַפרייענדיק אייך פון דער
שווערקייט פון התחלה?"

און מיט האַס און פאַראַכטונג ווענדט ער זיך צו איובן:

„דו ליגסט פאַרזונקען אין דעם תהום
פון דיינע פּלאָגן? / עס טוט דיר ווי
זיין לייב? די ווונדן סמען דיך? / דו
טרויערסט אויפן טויט פון דיינע קינדער, / און שילסט און פלוכסט דעם
טאָג פון דיין געבוירן?— / וואָס
קאָנסטו אָבער זאָגן וועגן יענעם טאָג /
ווען דו אַליין האָסט אָנגעבוירן קינדער,
און זיי אַריינגעוואָרפן אינעם בלינדן
תהום פון גורל?"

אָט אין דעם, זאָגט לייוויק, איז פאַרטאַיעט די עצם שולד פון מענטש: אויב דער גורל פון מענטש איז ביטער, אויב אויף אים איז — קעגן זיין ווילן — אַרויפגעטאָן די ביטערע פּלאָג פון איוב, אויב ער איז געצוווּנגען אויסצושטיין זיך די ניסיונות פון יצחק, דאַן — און קין רעדט צו אים מיט פאַראַכטונג:

„צי קאָנסטו מיט פאַרשילטן זיך אַליין
(ער מיינט איוב) מכפּר זיין / אויף דער
פאַרברעכערישער פאָטערשאַפט אויף
דיינער, / וואָס איז אַ האָר ניט קלענער פון מיין ברודער־מאָרד?..."

ווי ביטער, טיף איז אָט די באַשולדיקונג!... די באַשולדיקונג פון דעם פאַרברעכער וואָס איז נאָך טיפער איידער וואָס דער קטיגור— דער אָנקלאָגער קען באַשולדיקן! וואָרעם ווען מ'ברענגט לעבן אויף דער וועלט און מען איז באַוווסטזיניק,

(המשך אויף זייט 73)

# אַ הסתדרות אַניואַיטי טראַסט־קאָנטראַקט

פון דער

## ישראל הסתדרות־פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 8.5%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט . . .**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל ?**

**אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט־קאָנטראַקט.**

~~~~~~~~~~~ שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט: ~~~~~~~~~~~

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to............................................................

Address............................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $............................................................

Date........................Signature of Applicant..............................




אַז ס׳ווערט געבראַכט צו פּיין און אומקום — מיט וואָס איז עס אַנדערש פון אומ־מיטלבאַרן ברודער־מאָרד?...

דערביי טענהט זיך אויס קין אויך מיט יצחקן אויף אַזאַ מין שטייגער.

„וואָס גלאָצסטו, תם, אויף מיר די אויגן? / אויך דו ביסט אַ געקרייזודע־טער? אויך דו?"

און ווייטער זאָגט ער צו אים:

„ציי זעסטו ניט אַז ווען דו זאָלסט ניט זיין קיין תם / וואָלסטו געקענט באַ־צייטנס אַ געשריי געבן, צו גאָט, / אַז ער זאָל אָפּהאַלטן מיין האַנט אין איר פאַרמעסט, / און הבל וואָלט, ווי דו, מיט שרעק נאָר אָפּגעקומען."

נאָר דאָ קומט דער איבערבראָך: דער שטן האָט פאַרלוירן. דער שטן האָט גע־וואָלט אַז איוב זאָל לעסטערן גאָט. איוב האָט עס ניט געטאָן. איובס אמונה אין גאָט איז צו שטאַרק אַז ער זאָל קענען לעסטערן... אמת, ער האָט פּראָטעסטירט, געשאָלטן דעם טאָג פון זיין געבוירן, דער־קלערט זיך אומשולדיק און געפאָדערט גערעכטיקייט, אָבער אויף גאָט אַליין האָט ער ניט געלעסטערט. און דערנאָך, ווען גאָט איז דערשינען אין שטורעם און האָט צו אים אויסגערופן, אַז קיינער האָט קיין רעכט ניט אָפּצופרעגן זיינע, גאָטס, כוונות, וואָרעם קיינער קען ניט פאַרשטיין די גרויסע וווּנדער פון גאָטס אויפטואונגען, אַזוי צו זאָגן:

„... איך וועל דיך פרעגן, און מאַך מיר וויסן: / ווו ביסטו געווען ווען איך האָב געגרונטפעסטיקט די ערד?"

און אַזוי ווייטער און ווייטער, דאַן האָט איוב — שוין געהיילט פון זיינע ווונדן — זיך אונטערטעניקט, ווי יצחק ביי דער עקידה, און — איז אַנטשוויגן געוואָרן...

ער — ווי יצחק בשעתו — איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן. ער פּערזענלעך איז דערלייזט געוואָרן. די צרעת האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. נאָר דער שטורעם, וואָס זיין מאַכטיקער פּראָטעסט האָט אַרויס־גערופן — איז אָט דער שטורעם אויך איינגעשטילט געוואָרן? זיינען די בלינדע זעעוודיק געוואָרן? די געליימטע באַוועג־לעך געוואָרן? די קראַנקע געזונט געוואָרן? די אומבאַהאָלפענע געהאָלפן געוואָרן?...

ניין און ניין און ניין!

איוב האָט נאָך פאַרשאַרפט זייער צאַפּל . . . און איצט — ווען ער אַליין איז גע־היילט געוואָרן, און זיי, די אַלע פיזיש פאַרקריפּלטע און אומזיסט און אומנישט געשטראָפטע זיינען געבליבן אַזוי אומבאַהאָלפן און געקריוודעט ווי זיי זיינען אַלע מאָל געווען — פילן זיי ווי זיי וואָלטן פאַרראַטן געוואָרן, און זיי דריקן אויס זייער אַנטוישונג אַזוי שאַרף ווי נאָר זיי קענען:

ערשטער:

„אויך מיינע ווונדן יאַטערן ווי פריער.
מיין קאָפּ אין פייער. אויך מיין לייב.
עס שפּאַלט זיך אויף מיר מיין הויט.
פאַר וואָס איז ער אַנטשוויגן געוואָרן
אַקוראַט ווען דער מאָרגן בלויט,
אַקוראַט ווען עס שפּאַלט זיך מיין הויט?"

צווייטער:

„איך ליג מיטן פּנים צו דער ערד,
איך ליג ווי אַ שטיק בליי,
פאַר וואָס איז ער אַנטשוויגן געוואָרן
אַקוראַט ווען איך בין פאַרביי,
אַקוראַט ווען איך ליג ווי אַ בליי?"

און נאָך איינער זאָגט:

אַז ס׳איז איין מאָל געקומען דער מאַן
וואָס טראָגט אין זיך אַזוי פיל וויי,
וועט ער מוזן אונדז בלייבן געטריי
און באַנייען צוריק זיין געשריי,
ווייל ניטאָ קיין סוף צו וויי."

אָבער איוב האָט דאָך ניט באַנייט זיין געשריי. ער איז פון זיין צרעת געהיילט געוואָרן; גאָט האָט אין שטורעם זיך צו אים אַנטפּלעקט און אים אויפגעקלערט ווי קליין ער איז לגבי דער מאַכטיקייט פון גאָט; איז איוב שטום געוואָרן און לחלו־טין אונטערטעניק. אַזוי אונטערטעניק ווי דער שוואַכלינג יצחק אויף דער עקידה. ס׳רופט אַרויס די ביטערע איראָניע און פאַראַכטונג פונעם שטן.

„...דער זון (געמיינט יצחקן)...
ער שטייט ווי אַ נאַר ביי איובס געצעלט.
אַזוי איז ער געשטאַנען ביים מזבח־בעט,
געשטאַנען, געשטאַנען, און לסוף
אַנידערגעלייגט זיך ווי אַ שטומע שאָף,
ווי עס ליגט אָט דער
(געמיינט אַ דערבייאיקן גוסס)
אויף דער טויטער ברעט."

און צו דעם שטנס פינצטערער איראָ־ניע קומען צו די פּראָטעסטן פון דעם
~~~~~~~~~~~

ערב־רב אומזיסט און אומגישט געשטראָפטע, וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַרום איובס געצעלט ווען ער איז געוואָרן דער פּין־זאָגער פֿון זייער ווײ. איצט האָבן זיי זיך דערפֿילט ביטער אַנטוישט, אָפּגענאַרט און פֿאַרראַטן. און זיי שטורעמען אויף אין זייער גרויסן צאָרן:

זאָגט איינער (יורם) —
„אַז דיר האָט ווי געטאָן האָסטו געשאָלטן,
און וואָס וואָס מיר טוט ווי,
און אַלעמען טוט ווי —
איז גאָר ניט — אַרט דיך ניט?"

און ווייטער זאָגט דער זעלביקער:
„דער זיידע (איוב) קען ניט שרייען
וועגן ליידן פֿון אַ צווייטן, / האָט ער
באַדאַרפֿט אויך שווײַגן וועגן זײַנע."

און צו אָט די פּראָטעסטן איז אויך צוגעקומען דער פּראָטעסט פֿון איובס ווייב. אינעם ספר איוב ווערט ווייניק וואָס דערציילט וועגן איובס ווייב. דאָרט האָט זי נאָר אַן עצה געגעבן איובן, אַז ער זאָל לעסטערן גאָט כּדי ער זאָל שטאַרבן... האָט איוב זי דערפֿאַר אויסגעזידלט, אַז זי איז לייכטזיניק... אָבער איז זי לייכטזיניק?... זי, די מוטער פֿון זין און טעכטער, וואָס האָט פּלוצים זיי אַלעמען פֿאַרלוירן?... איוב ווערט טאַקע געשטעלט צום ניסיון — ער איז, אַזוי צו זאָגן, דער פּיקדון אין דער פֿעכטונג צווישן גאָט און שטן... אָבער זי — דער אומזיסטיקער קרבן צווישן אָט דעם געפֿעכט — זײַנען דען אירע וווּנדן ניט טיף?... ווער קאָן עס שאַצן די גרויזאַמקייט, דעם אומגעווייניקלעכן גורל פֿון אַ מאַמעס ווונדן, וואָס האָט אין איין טאָג פֿאַרלוירן אַלע אירע קינדער — זיבן זין און דרײַ טעכטער?... דער ספר איוב אינטערעסירט זיך דערמיט ניט. דער מחבר פֿון איוב האָט עפּעס אַנדערש געהאַט אין זינען — די פֿילאָסאָפֿיע פֿון שולד און אומשולד און שכר ועונש — און האָט די פּײַן פֿון דער מוטער פֿון איובס זין און טעכטער בפֿירוש פֿאַרשוויגן. לייוויק האָט עס אָבער ניט געקענט פֿאַרשווייגן. פֿאַר איובס ווייב איז דער טויט ליבער פֿונעם לעבן. פֿאַר וואָס זאָל זי לעבן?... זי האָט ניט פֿאַר וואָס... געלעבט האָט זי — ווי ס'איז די שטייגערישקייט פֿון מאַמעס — אין אירע קינדער... און איר מאַן — ס'איז דאָך זײַן באַרוף נאָר צו זײַן דער פֿאָטער פֿון אירע קינדער און זייער אויפֿברענגער ... און איצט... אויס קינדער... אויס קינדער... וואָס פֿאַר אַ זין האָט מאַן פֿאַר איר?... זעלבסטמאָרד — דאָס איז דער איינציקער אויסוועג צו דערשטיקן איר פּײַן. טוט זי טאַקע אַזוי. זי וואַרפֿט זיך אַרונטער פֿון אַ הויכן באַרג און ווערט שטערבלעך פֿאַרוווּנדעט. און בעת איר גסיסה דריקט זי אויס איר פּײַן צו איובן, ענלעך ווי דאָס האָבן געטאָן די אַנדערע דערנידעריקטע און באַליידיקטע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט:

„ווו זײַנען אונדזערע קינדער, איוב?
אין פֿײַער זײַנען זיי.
איך זע זיי ברענען אין די פֿלאַמען.
זיי רופֿן מיך צו זיי אין פֿײַער.
איך גיי צו זיי, כ'בין זייער מאַמע.
זיי רופֿן פֿון די פֿלאַמען אויך צו דיר.
פֿאַר וואָס פֿאַרמײַדסטו פֿון צו גיין צו זיי?
פֿאַר וואָס באַהאַלטסטו זיך פֿון זיי?
פֿאַר וואָס אַנטלויפֿסטו אויך פֿון מיר?
וווּהין אַנטלויפֿסטו, איוב?
בײַ וועמען זוכסטו טרייסט און הילף?
פֿאַר וואָס גאָר מיינסטו אַז דיר קומט עס?
פֿאַר וואָס גאָר מיינסטו אַז דיר קומט
גערעכטיקייט?? / ווו זײַנען אונדזערע
קינדער, איוב? — / פֿאַר וואָס קומט
זיי ניט קיין גערעכטיקייט? / ווו
זײַנען אונדזערע קינדער, איוב.— /
פֿאַרוואָס, זאָג, שטייען זיי ניט אויף
פֿון פֿײַער? — / פֿאַר וואָס, זאָג, טרייסטו
ניט דעם אַש פֿון דײַנע קינדער / און
הייבסט זיך אויף און ווילסט פֿאַרלאָזן
זייער אַש? — / אַ נעם אַוועק פֿון מיר
דײַנע אויגן. / אַ נעם אַוועק די שטיל־
קייט..." (און זי שטאַרבט).

אין דעם אָריגינעלן טעקסט פֿון ספר איוב, וואָס אין כּתובֿים, ווערט ניט דערציילט, אַז איובס ווייב איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דאָרט ווערט נאָר דערציילט אַז זי האָט איובן געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל לעסטערן גאָט און שטאַרבן. זאָל איוב שטאַרבן כּדי אַזוי אַרום דערלייזט צו ווערן פֿון זײַנע יסורים. וועגן איר אַליין און ווי זי האָט פֿאַרטראָגן אירע אייגענע יסורים, ווערט אין ספר איוב פֿאַרשוויגן. לייוויק האָט אָבער איר גורל ניט געקענט פֿאַרשווייגן. ער האָט פֿאַר איר באַשטימט — געמוזט באַשטימען!



— אַן ענלעכן גורל ווי ס'האָט געהאַט די מוטער שרה.

די אגדה דערציילט, אַז די מוטער שרה איז געשטאָרבן איבער אַ פֿאַרפֿרײַרישער בשורה, וואָס איז צו איר געבראַכט געוואָרן דורך דעם שטן, מכּוח דעם אַז יצחק איז געפֿירט געוואָרן צו דער עקידה געשאָכטן צו ווערן. האָט עס אויף שרהן אַזוי געווירקט, אַז איידער זי האָט אויסגעהערט דעם אָנזאָג ביזקל סוף — ד"ה, אַז יצחק איז צום סוף געראַטעוועט געוואָרן פֿון אומקום — איז איר אַרויס די נשמה.

צו די אגדה הערט ניט אויף צו גרוילן לייוויקס שעפֿערישן געמיט. דאָס צווינגט אים אַרײַנגעגעבן אין יצחקס רייד אַזעלכע אויסרופֿן פֿון ווײ, ווײ—

„איך קאָן דעם אופֿן פֿון איר שטאַרבן
ניט פֿאַרגעסן, / און אויך באַגרײַפֿן
קאָן איך ניט איר טויט."

און עס קלאָגט זײַן האַרץ.

„...אַ מאַמע מײַנע, מוטער, / אַוועקגעפֿאַלענע אין טאָג פֿון מײַן צוריקקער
פֿון מוריה, / איך טראָג אין זיך דעם
סוד פֿון דײַן פֿאַרגיין, / די לעצטע
תּפֿילה דײַנע אויף די ליפּן."

און דאָס האָט לייוויקן געפֿירט צו דער זעונג, אַז, ווי שרה, קען איובס ווייב אויך ניט אויסהאַלטן דעם אומקום פֿון אירע קינדער און דעם גרויל וואָס האָט זי געטראָפֿן.

לייוויק זעט אויס, איז דאָ באַוווּסטזיניק אָפּגעטראָטן פֿון תּנ"ך סיפּור המעשה. אין ספר איוב ווערט דערציילט צום שלוס, אַז ער (איוב) האָט געהאַט (נײַע) זיבן זין און דרײַ טעכטער" — ווי אַמאָל, איידער ער איז געשטעלט געוואָרן צום ניסיון. עס ווערט אין ספר איוב ניט געזאָגט, אַז איוב האָט זיך גענומען אַן אַנדער ווייב וואָס זאָל אים האָבן געבוירן אָט די קינדער. אָבער לייוויק איז דאָ אָפּגעטראָטן פֿון דעם תּנ"ך סיפּור המעשה. ער האָט דאָס געמעגט טאָן, וואָרעם זײַן שכל האָט אים מחייב געווען, אַז איובס ווייב האָט ניט געקענט אויסהאַלטן דעם „ברענען אין די פֿלאַמען" פֿון אירע זין און טעכטער און וואָס רופֿן זי „צו זיי אין פֿײַער." זי האָט געמוזט גיין צו זיי...

דאָ וואָלט לייוויק, על פּי לאָגיק און שכל באַדאַרפֿט שליסן זײַן דראַמע. וואָרעם וואָס נאָך האָט איוב געקענט דערוואַרטן, און וואָס קאָן דאָס ווייטערדיקע לעבן אים צוזאָגן? זײַן האָב און גוטס איז אַוועק מיטן רויך; זײַנע זין און טעכטער זײַנען אומגעקומען; ער אַליין האָט שוין מער קיין כּוח ניט ממשיך צו זײַן זײַנע טענות פֿאַר גערעכטיקייט צו גאָט; זײַנע פֿרײַנד האָבן אים פֿאַרלאָזט; און — הגם זײַן צרעת איז שוין געהיילט, אָבער געבליבן איז ער דאָך עלנט. וואָרעם אויך זײַן ווייב האָט אים פֿאַרלאָזט, און פֿאַרלאָזט אים מיט פֿאַראַכטונג און מיט אויפֿוואַרף, אַז זי קען אים ניט, זי וויל אים ניט קענען, אַז שרעקלעך איז זײַן פּנים וואָס נייגט זיך איבער איר...

און לייוויק דערציילט טאַקע, אַז נאָך זײַן ווייבס טויט איז איוב צוגעפֿאַלן צו דער ערד און אויסגערופֿן:

מיט וואָס זאָל איך פֿאַרענטפֿערן מײַן
לעבן איצט? / מיט וואָס זאָל איך
באַרעכטיקן מײַן גרויען קאָפּ/וואָס האָט
זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן נעכטיקער
פֿאַרזונקנקייט?"

און דערנאָך, דערציילט ווייטער לייוויק, אַז איוב „שטעלט זיך אויף, גלײַכט זיך אויס, הייבט אויף זײַנע הענט צום הימל מיט פֿיבערדיקער קראַפֿט" און רופֿט אויס:

„איך האָב ניט מער קיין כּוח, האַר
באַשעפֿער, / צו יאָמערן. כ'בין מיד.
כ'בין אויסגעשעפּט. / איך פֿרעג אָבער:
פֿאַר וואָס האָסטו דערלאָזט, אַז זי, מײַן
האַרינטע, זאָל שטאַרבן? — כ'פֿרעג:
פֿאַרוואָס? / פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס?
איך וויל אַן ענטפֿער."

אָבער דאָ איז דער נס געשען: גאָטס קול איז אויסגעבראָכן צו איובן אין שטורעם. צו איובן האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט. „אין די אויפֿבליצן", דערציילט לייוויק, „זעט מען פֿון מאָל צו מאָל איובן ווי ער ליגט אויסגעשטרעקט מיטן פּנים צו דער ערד, און אַ מאָל הייבט ער זיך אויף אַ ביסל אויף די קני, און זײַן פּנים איז אַרומגעכאַפּט מיט אַ העלישער ליכטיקייט." און אין הינטערגרונד, דערציילט ווייטער לייוויק, זעט מען אויך יצחקן אַ צוגעפֿאַלענעם צו דער ערד.

און איוב אונטערטעניקט זיך. ער הערט אויף צו טענהן קעגן גאָט און אָנשטאָט דעם רעדט ער מיט הכנעה:

„גאָט, מיין האַר, /זע ווי ווינציק איך בין, וואָס קאָן איך דיר ענטפערן? / איך טו אַ וויף מיין האַנט אויף מיין מויל,/ גאָט מיין האַר.“

אייגנטלעך פאָלגט דאָ נאָך לייוויק איוב דעם געפיל און שטייגער פון אַלע תמימות־גלייביקע, וואָס ווען זיי ליידן טיף ביז סאַמע יאוש, ערשט דאַן געפינען זיי טרייסט אין גאָט אַז ער איז זייער „איינציקע פעסטונג“. אָט האָבן מיר דאָך אויך, אין אונדזער דור, איבערגעלעבט אַזעלכע טיפע און גרויליקע יסורים, וואָס דער אָריגינעלער מחבר פון איוב האָט זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מענטש קען זינקען אין אַזוי פיל טראַגישער ווירקלעכקייט. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשאַפט דעם גלויבן פון די גלייביקע. אין די דייטשישע טויטקאַמערן האָבן זיי נישט אויפגעהערט זאָגן הלל צו גאָט; גראָבנדיק זייערע אייגענע קברים האָבן זיי געזאָגט ווידוי צו גאָט, און צוקוקנדיק דעם אומקום פון זייערע אייגענע קינדער האָבן זיי קוויאת־שמע געלייענט.

און אַזוי איז אויך געווען מיט איובן; ער האָט דערקענט גאָט און האָט זיך אונטערטעניקט.

נון, האָט גאָט פאַרענטפערט וועלכע ס'איז פון איובס ספקות און געגעבן אים אַ תירוץ אויף זיינע טענות? ניין! גאָט האָט גאָר איובן געמוסרט:

„ווער פאַרטונקלט דאָס מיין כוונה / מיט ווערטער אָן פאַרשטענדיקייט? / גורט אָקערשט אָן ווי אַ מאַן דיינע לענדן,/ און איך וועל דיך פרעגן, און דו מאַך מיר וויסן. / ווו ביסטו געווען ווען איך האָב געגרונטפעסטיקט די ערד“. . . אא״וו.

דאָס הייסט: פאַרשטייסטו דען גאָט וואָס דו קומסט אים אָפּפרעגן?...

און — איוב איז זיך מודה: ער פאַרשטייט טאַקע נישט גאָט... און ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט און ער מאַכט שלום מיט זיין גורל. ער פרעגט זיך פאַנאַנדקלייבן איבעם ענין און זאָגט:

„...עפּעס ווערט מיר קלאָר און קלערער:/ ווען גאָטס געשריי איז לויטער העליש פייער — / און מענטש־געשריי נאָך אַלץ נישט מער ווי לייב־געשריי, / נישט מער ווי פלייש און בלוט / און וווּנדגעשריי,/ נישט מער, נישט מער ווי אַ פאַרשעמונג.

און ווען איוב פרעגט יצחקס עצה וואָס ער זאָל איצט טאָן זאָגט אים יצחק.

„ווער בין איך, זיידע, דיר צו ענטפערן אויף דעם? / אויף דעם וועט גאָט דער האַר אַליין דיר ענטפערן, / ווען דו וועסט זיך אָוועקלאָזן אין וואַנדערוואָגל / און וועסט צונויפזאַמלען די ווייגעשרייען, און יסורים / פון אַלע, אַלע ליידנדיקע און צעפייניקטע — / פון אַלע מענטשן אויף דער ערד, פון ערשטן ביזן לעצטן,/ און וועסט זיי ברענגען און אַנידערלייגן זיי פאַר גאָט.“

און איוב פאָלגט יצחקן און גייט אַוועק וואַנדערן. ערשט אַברהם, וואָס באַגעגנט איבן אויף זיין וואָגל־וואַנדער, צעשטערט יצחקס עצה. און דאָ הייבט לייוויק אָן צו ריידן מיט אַ שטימע ווי פון נבואה: איוב איז זיך מתוודה פאַר אַברהמען, אַזוי צו זאָגן:

„אַז גאָט דער האַר האָט מיך באַוויליקט מיט זיין צוטרוי,/ גערעדט צו מיר דורך פייערן פון זיין שטורעם, / פאַרגייט אין מיר ערשט איצט מיין האַרץ אין בענקשאַפט / נאָך צייכנס פון זיין פאָטערלעכן חסד,/ און מערער נאָך — אין שאַרפן טרויער פון חרטה, / ווען איך דערקען מיין גרויסע זינד — מיין שוואַכקייט. / עס קאָן דאָך טאַקע זיין אַז איינעמס לייב / זאָל ממש ליגן אויף אַ פייער, אין אַזוינע טויט־יסורים / אַז מיינע וואָלטן זיין אַ שפּיל אַנטקעגן זיי — / פון דעסטוועגן זאָל ער זיין שטאַרק גענוג און גלייביק / צו אויסהאַלטן, צו נישט אַרויסווייזן קיין סימן שרעק, / און ביזן לעצטן אָטעם־צוג קיין איין געשריי נישט געבן. / און אויב שוין יאָ — איז אַ געשריי פון ליב צו גאָט / פאַר צוטיילן דעם מענטש די זכיה פון דערהייבענעם ניסיון.“

און ווייטער גיט ער צו מיט אַ געפיל פון טיפער חרטה:

נאָר זיבן טעג האָב איך געדולדיק אויסגעהאַלטן. . .

דערפאַר, זאָגט איוב ווייטער, גייט ער אַוועק — „צו וואַנדערן וואָס ווייטער פון



מיין חורבן־היים. / אין גרויסער וועלט אַריין, אין וואָגל־וועלט.“

און ווען איוב דערציילט אַברהמען, אַז ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן ווייל יצחק האָט צו אים גערעדט וועגן וואַנדערוועג, האָט אַברהם אים אויף דעם געענטפערט מיט נבואה, אַזוי צו זאָגן:

„געמיינט האָט ער (יצחק) געוויס די טעג פון ווייטן שפּעטער. / אויך מיין אויג זעט זיי אין דער טיף פון דורות,/ אין וואַנדערונג פון מיינע קינדער איבער גאָר דער ערד, / אין זייער זוכן לייטערונג און אויסדערוויילטקייט / אין גלותן, און אין צוריקקערונג פון גלותן. / ביז יענע דורות וועלן אָנשטיין — זאָל דערווייל מיין גאַסט (איוב) / זיך אומקערן צוריק צום אָרט פון זיין געבוירן.“

און איוב האָט זיך צוריקגעקערט און — פון זיין חורבן צוריק אויפגעהויבן זיינע געצעלטן.

און לייוויק פאַרענדיקט זיין דראַמע מיט אַ פאַסטאָראַל — דעם שיר השירים פון אַ גלייביקן וואָס דערקענט גאָט און שאַפט אין זיך אַריין די פרייד פון זיין. דאָס זינגט יצחק.

„צוריק ביים זוים פון טאַטנס פעלדער,
אין גאָלד פון אוונטיקער שיין,
אַ לויב אייך, רואיקע געצעלטן,
וווּ יעדער קאָן אַן אורח זיין.

איך נויג מיין קאָפּ צו דיינע זעמדער,
געדרייטער מידבר־דיקער וועג,
ווו ס'ליגן טיף די שאַרפע צייכנס
פון אַל־נייסיונדיקע טעג.

פאַר אייך, באַרויטע ווייסע שטיינער.
און אויך פאַר דיר, מיין דאָרנקנויל,
אַנטפּלעקן וועלן זיך אין גאַנצן
די הייסע ווערטער פון מיין מויל.“

און דערביי זאָגט ער, אַז אין אַנגסט פון זיין און מענטשנס פיין פאַרנעמט ער גאָטס גזר וואָס איז אין אים אַריין און ער ווערט דורך דעם טיף גערירט און ער טוט תפילה טאָן:

„צו דיר, מיין גאָט, אָט קום איך ווידער
אין שטיל געבעט צו תפילה טאָן;
דער אָוונט שפּרייט אויס זיינע פליגל
ווען ערשטער שטערן צינדט זיך אָן.

מיין טאַטע וואַרט אויף מיר אין אוהל,
ער קוקט די אויגן אויס נאָך מיר,
נאָר איך פאַרזאַם זיך, כדי צו שפּירן
פון דיינע פליגל דעם באַריר.

וואָס זאָל איך טאָן אַז איך זאָל קאָנען
צוזאַמענוואַקסן מיט גראָז,
וואָס שפּרייט זיך איבער דיינע פעלדער
און זינגט צו יעדן ווינטל־בלאָז?

וואָס זאָל איך טאָן אַז איך זאָל קאָנען
אַ וויג טאָן זיך מיט בײדע קני,
און צופאַלן מיט פרייד און קושן
צו יעדן זעמדעלע פון הי?“

און דער ענטפער ווערט צו יצחקן געגעבן דורך זיין אויפנאַם פון זיין כלה, רבקה, וואָס קומט אָן דערביי, און מיט דער האָפערדיקייט פון אַ לעבן וואָס דאַרף כסדר זיך באַנייען. און לייוויק פאַרענדיקט זיין פּאָעמע מיט יצחקס געזאַנג:

מיין תפילה אין דער שעה
ווען כ'טו דיין געגנאָד דערקענען,
ווען רבקה איז שוין דאָ
איך זאָל צו איר גענענען.

צו הייליקן דאָס אָרט —
צעעפן אַלע שטערן;
פון פרייד וואָס שטילע וואָרט
מיין מוטער זאָל דערהערן.

צעעפן מער נאָך, גאָט,
אין פרישן גראָז דיין שפע,
און בענטש און שיק מיין טראָט
אויף פעלדער פון באר שבע.

מיין טראָט — אין שפור פון טריט
צו גורלשער עליה —
באַשיץ מיך און באַהיט
ווי ד ע מ אָ ל ט אויף מוריה.

ברכות וכל טוב צו

# שלמה צוקערמאַן

צו זיין

פינף-און-זיבעציקסטן

געבוירן-טאָג

## צו אונדזער בעל־יובל שלמה צוקערמאַן

צו אייער 75-יאָריקן געבוירן־טאָג, ליבער שלמה צוקערמאַן, גראַטולירן מיר אייך, און שיקן אַלע אונדזערע ברכות צו אייך, צו אייער ליבער לעבנס־באַגלייטערין ציליע, צו אייערע קינדער און קינדס־קינדער, אָמן.

זאָלן מיר דאָ אַרויסקומען מיט לויב־געזאַנגען צו אייך? — ווייסן מיר ווי טריוויאַל זיי וועלן אויסזען צו אַלעמען. אפשר וועלן דאָס אייניקע אויך באַטראַכטן פאַר חניפותדיק. און דאָס פאַרזיכערן מיר אַלעמען, אַז ס'איז ניט אַזוי, בשום אופן ניט. ניט מיר ווילן און ניט מיר האָבן אַוועלכע עס איז אורזאַכן חנפהנען זיך צו אייך.

איין איינציקע מעלה אייערע ווילן מיר דאָ יאָ פאַרצייכענען, און דאָס איז די מעלה פון ע נ י ו ו ת, וואָס איז גאָר אַ גרויסע מעלה. אַ מעלה אפילו מדאורייתא, ווו משה רבינו ווערט מיט דעם אויסגעצייכנט.

חס וחלילה, מיר זאָלן אייך פאַרגלייכן צו משה רבינו. קיין מענטש קען און טאָר זיך ניט פאַרגלייכן צו אים. אָבער צו וועלן אָפּלערנען זיך פון זיינע מעלות, דאָס מעג מען יאָ. און פון זיין ענוות מעלה טוט איר אָפּלערנען זיך בלב ונפש.

חז"ל האָבן געזאָגט: „יש קונה עולמו בשעה אחת". איר האָט אָבער, דורך אייערע מעשים טובים, זיך איינגעקויפט אייער וועלט דורך גאָר אַ סך יאָרן, און דערפאַר בענטשן מיר אייך אַלע, אַלע וואָס קענען אייך און ווייסן אייך, און די ברכות, וואָס מיר שיקן אייך, זיינען טיף געוווּנטשן.

רעדאַקציע „חשבון"



רחל דייטש

# שלמה צוקערמאַן

## (צו זיין 75-יאָריקן יובל)

אונדזער אַלעמענס ליבער גוטער פריינד און חבר, שלמה צוקערמאַן — ווי זאָל ער פאַרצייכנט ווערן?—

עס איז אין אים איינגעפלאַנצט די גאָר גרויסע מעלה פון ענווות, באַשיידנקייט;

אין באַציונגען מיט חברים און פריינד מענטשן בכלל איז זיין האַרץ אָנגעפילט מיט וואַרעמקייט און דרך־ארץ;

אין זיין ענווות מיידט ער אויס צו פאַררעכנט ווערן צווישן גדולים, נאָר ער וויל דווקא פאַרצייכנט ווערן צווישן יידישע פאָלקסמענטשן;

ער איז געטריי און איבערגעגעבן צו אַלע טעטיקייטן און אַקטיוויטעטן לטובת מדינת ישראל;

ער האַלט טייער אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו יידישער קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט, און באמת — ער איז די ז י י ל אויף וואָס עס האַלט זיך דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב;

איבערהויפּט צייכנט זיך אויס שלמה צוקערמאַן ווי אַ קולטור־טוער. אַ דאַנק אים ווערט אויפגעהאַלטן דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב. אין דער צייט ווען אַ סך פון די קולטור קלוב מיטגלידער זיינען שוין מיד געוואָרן און אָפּגעשטאַנען פון דער אַרבעט, איז שלמה פאַרבליבן מוטיק, איבערגעגעבן און געטריי און איז ממשיך די קולטור קלוב טעטיקייט מיט אויסערגעוויינלעכער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט.

ער ווערט קיין מאָל ניט מיד און ווי גרויס די שוועריקייטן זאָלן ניט זיין, געפינט ער אַן עצה ווי זיי איבערצוקומען, און ער שטרעבט אָן זיינע כוחות אַז די שיינע יידישע קולטור אינסטיטוציע פון דער יידישער לאָס אַנגעלעס זאָל ניט נידערן פון איר גאָר הויכער מדרגה אין וועלכער זי האָט זיך געשטעלט אין אירע סאַמע בליענדיקסטע יאָרן.

די וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו שלמהן אין דער אַרבעט, קענען באמת אָפּשאַצן זיינע גרויסע פאַרדינסטן. זיי ווייסן אַז ער האָט קיין מאָל ניט געזוכט פאַר זיך וועלכע עס איז כיבודים אָדער אנערקענונג. ער איז אַלע מאָל דער אמתער מתן בסתר — סיי אין געלט־ביישטייערונגען און סיי אין אַנדערע אַקטיוויטעטן. פאַר אים איז קולטור דער יסוד פון יידישקייט און אָט דער יסוד איז געוואָרן דער עיקרדיקער טייל פון זיין לעבן.

שלמה צוקערמאַן צייכנט זיך אויס ווי אַ האַרציקער פריינד צו חברים. זיין הויז איז שטענדיק אָפן פאַר יידישע קולטור־טוערס און חברים בכלל.

פאַרשטענדלעך, ער וואָלט אַלע זיינע טעטיקייטן ניט געקענט דורכפירן אָן דער הילף, איבערגעבנקייט און אויפריכטיקן אידעאַליזם פון זיין ליבער, געטרייער און געשעצטער לעבנס־באַגלייטערין, ציליע.

אַ דאַנק זייביידן טאַקע איז זייער הויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם גאַסט־פריינדלעכסטן אָרט, ווו אַלערליי יידישע ימים־טובים ווערן געפייערט. און בכלל איז זייער הויז תמיד אָפן פאַר טרעגערס פון יידישער קולטור און אַלערליי יידישע קולטור אונטערנעמונגען.

צו דעם דאַרף נאָך צוגעצוגעבן ווערן שלמה צוקערמאַנס שיינער שטריך פון אויפריכטיקן אינטערעס און ברידערלעכער איבערגעגעבנקייט צו חברים און פריינד אין זייער נויט. אָט־די מעלה זיינע איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. ער איז דער אויפריכטיקער מענטש וואָס איז באַזעלט מיט דער גייסטיקער מידה פון גוטסקייט. שלמה האָט די רייכקייט פון זיין נשמה און זיין גוטסקייט ניט אַרויסשטודירט פון ביכער אָדער לעקציעס, נאָר עס שטאַמט פון דעם אייגענעם קוואַל פון זיין האַרץ.

טייל איך זיך אַריין, ליבער שלמה צוקערמאַן, אין דער גרויסער צאָל פון אייערע גוטווינטשערס, צו אייער 75טן יובל־יאָר, אַז איר, צוזאַמען מיט אייער ליבער ציליע. זאָלט האָבן אריכת ימים — עד מאה ועשרים און אַריבער — און אייערע יאָרן, צוזאַמען מיט אייערע ליבע קינדער, זאָלן קיין מאָל ניט אויפהערן צו זיין שעפעריש און אָנגעפילט מיט נחת, אָמן.

אלימלך דייטש

## צו מיין ליבן פריינד

# שלמה צוקערמאַן

## מיינע ברכות צו זיין פינף און זיבעציקסטן געבוירן־יאָג

איך האָב אין משך פון מיין לאַנגיאָריקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט קיין מאָל ניט פּרובירט אָנצושרייבן וואָס ניט איז לכבוד אַ חבר צו זיינעם אַ יובל־פייערונג, בפרט ווען דאָס דאַרף געדרוקט ווערן.

אָבער וואָס שייך מיין חבר און גוטן פריינד שלמה צוקערמאַן קען איך זיך ניט באַהערשן און איך טו עס יאָ.

שלמה צוקערמאַן איז אַ זעלטענע פּערזענלעכקייט. ער איז אַ מאַן וואָס איז געבענטשט מיט אַ סך אַלגעמיינער אינטעליגענץ און איבערהויפּט מיט אַ סך יידישן וויסן, פון דעסטוועגן וויל ער, אַז מ'זאָל אים באַטראַכטן און אים אָנגעבן ווי אַ געוויינלעכן פאָלקסמענטש.

געוויס איז יידישע פאָלקסטימלעכקייט און פאָלקס־מענטשלעכקייט אַ גרויסער כבוד, אָבער שלמה טוט עס ניט פון כבוד וועגן, נאָר ער טוט עס מחמת זיין באַשיידנקייט, מחמת זיין עניוות.

שלמהס גרויסער פאַרגעניגן איז פריינדשאַפט, און ווען ער געווינט וועמענס עס איז פריינדשאַפט, האָט זיין איבערגעגעבנקייט צו אים קיין גרענעץ ניט.

מיר טאָרן ניט אָפּטרעטן פונעם אמת: מיר פאַרקערן זיך אין אַ גרויסן קרייז מענטשן, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די עובדה צוצוטראָגן, לויט יעדן באַזונדערנס חשק און מעגלעכקייט, צו דער אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון יידישע קולטור־ווערטן, און איבערהויפּט האָבן אַ סך פון אונדז זיך געווידמעט צו דעם ווידערגעבורט און וווילזיין פון מדינת ישראל. פון דעסטוועגן האָט זיך זעלטן וועמען פון אונדז איינגעגעבן צו אַנטוויקלען צווישן אַנאַנד אינטימע פריינדשאַפט.

שלמהן אָבער האָט זיך עס יאָ איינגעגעבן. און ניט נאָר האָט זיך עס יאָ איינגעגעבן, נאָר ס'איז צו אים געקומען נאַטירלעך. ער, קען מען זאָגן, איז דער זעלטענער מענטש, וואָס האָט ניט קיין שונאים, און וואָס אַלע האָבן אים ליב, ווייל ער האָט אַלעמען ליב.

שלמה צוקערמאַן איז אַלע מאָל געווען און איז אויך איצט אַ גרויסער אידעאַליסט און זיין אידעאַליזם דריקט ער אויס ניט נאָר אין שיינע ריידן — וואָס דאָס קען ער אויך! — נאָר באַזונדערס אין טאַט.

מיר האָבן אין ל. א. דעם יידישן קולטור־קלוב — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אייגנאַרטיק איבערן גאַנצן לאַנד און מיט וואָס מיר, די יידן אין ל. א., טוען מיט רעכט שטאָלצירן. אָבער אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט אָט דער קולטור־קלוב אָנגעהויבן אָפּגעשוואַכט ווערן איבער אַלערליי סיבות, וואָס ניט דאָ איז דאָס אָרט זיי אויסצורעכענען. אונטער געוויינלעכע אומשטענדן וואָלט דער קולטור־קלוב געוויס אומגעקומען. ער האַלט זיך אָבער אויף און פירט אָן זיין ווונדערלעכע טעטיקייט אַזוי ווי אַ מאָל אין די גוטע צייטן. ס'איז ניט איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז דאָס געשעט, אין דער גרעסטער מאָס, אַ דאַנק דער ענערגיע און אידעאַליזם פון שלמה צוקערמאַן.

נון, וואָס שייך דעם יידישן קולטור־קלוב קען איך זיך ניט באַרימען מיט מיין אייגענער טעטיקייט. פאַראַן אָבער אַן אָרט ווו איך בין יאָ טעטיק און זייער טעטיק, און דאָס איז דער היגער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג, און ערשט דאָ בין איך אַליין אַן עדות ווי פּראַקטיש און אידעאַליסטיש שלמה צוקערמאַן קען און טוט האַנדלען.

דער בנין פון אינסטיטוט, אַזוי ווי ער איז אַ מאָל געווען, האָט געדאַרפט איבערגעבויט ווערן. וועגן דעם זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן קאָנפערענצן אויף קאָנפערענצן, באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן און דערביי איז עס געבליבן. קיין זאַך האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. פאַר־



וואָס? ניט געווען דער פּאַסיקער מענטש וואָס זאָל די באַשלוסן דורכפירן און בכדי צו געפינען דעם פּאַסיקן מענטש, האָבן זיך געפאָדערט פינאַנצן, וואָס מיר זיינען ניט געווען ביכולת צו באַצאָלן.

דענסטמאָל איז געקומען שלמה צוקערמאַן, באַטראַכט דעם בנין, באַטראַכט די פּלענער וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן, און — ער אַליין, אָן באַצאָלט, האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. געאַרבעט האָט ער אַ פּאָר חדשים נאָכאַנאַנד, און דער רעזולטאַט איז, אַז דער אינסטיטוט איז יאָ איבערגעבויט געוואָרן מיט די אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס ער פאַרמאָגט איצט.

פאַרשטענדלעך, אַז אָן אַן עזר כנגדו קען קיין מענטש פיל ניט אויפטאָן. און ס'איז פאַר אונדז אַלעמען אַן אויסערגעוויינלעכע פרייד צו באַשטעטיקן, אַז זיין עזר כנגדו, זיין ליבע ציליע, ווי אויך זייערע ביידנס קינדער און אייניקלעך — זיי אַלע אין איינעם האָבן סטימולירט און זיינען אים באַהילפיק געווען אין זיין טעטיקייט.

מיין אייגענער עזר כנגד, רחל, און איך האָבן געהאַט דעם גרויסן פאַרגעניגן צו פאַרברענגען לעצטן סוף־זומער אַרום זעקס וואָכן אין מדינת ישראל צוזאַמען מיט שלמהן און ציליע צוקערמאַן. זיי זיינען אַהין געקומען אין איינעם מיט זייערע קינדער צו פייערן ביים כותל המערבי דעם בר־מיצווה פון זייער געראָטענעם אייניקל, וואָס דאָס אַליין איז דאָך אַ גרויסע ברכה און מיר אַלע ווינטשן זיי איבער דעם בכל לב ונפש אַ האַרציקן מזל־טוב.

די פריינדשאַפט און אויפמערקזאַמקייט וואָס ער מיט זיין ציליען האָבן אונדז דענסטמאָל אַרויסגעוויזן איז גאָר ניט צו אָפּצושאַצן. מיר זיינען צוזאַמען אַרומגעפאָרן איבער דער ברייט און לענג פון לאַנד און ער האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו פאַרשאַפן אונדז באַקוועמלעכקייט און פרייד.

באַזונדערס קענען מיר ניט פאַרגעסן דעם אָוונט ווען אַ צאָל פון שלמהס לאַנדסלייט האָבן איינגעאָרדנט אַ קבלת פּנים פאַר אים מיט ציליען. דערביי איז געקומען צום אויסדרוק די געפילן פון דאַנקבאַרקייט וואָס זיי האָבן צו זיי אַרויסגעוויזן פאַר אַלע זייערע טעטיקייטן און ביישטייערן לטובת דער יידישער מדינה.

ווען מ'זאָל וועלן אויסדריקן על רגל אחת וואָס שלמה צוקערמאַן שטעלט מיט זיך פאָר, קען מען זאָגן, אַז ער — און אויך ציליע — זיינען אַ געמיש פון פשטות, טאַמע גוטסקייט און אינטעליגענץ. און דערפאַר פילט מען צו זיי ביידן אַ קרובה־שאַפט ווי נאָר מ'דערקענט זיי.

קומען מיר מיט אונדזערע גליק־ווונטשן צו שלמה און ציליע צוקערמאַן, גליק־ווונטשן וואָס שטאַמען פון די טיף־טיפעניש פון האַרצן, אַז זיי זאָלן האָבן אריכת ימים עד מאה ועשרים, זאָלן קיין מאָל ניט אויפהערן האָבן נחת פון זייערע קינדער און קינדס־קינדער, און לאָמיר אַלע מיט זיי אין איינעם דערלעבן צו משיחס צייטן פון שלום אין דער יידישער מדינה און איבער דער גאַנצער וועלט.

* * * * *

את חטאי אני מזכיר: אָן שלמה צוקערמאַנס וויסן, האָב איך זיך דורכגעשריבן מיט אַ צאָל פון זיינע באַקאַנטע און זיי מודיע געווען אַז ער ווערט אַ בעל־יובל. זיי אַלע האָבן געענטפערט אויף מיינע בריוו מיט ברכות צו שלמהן. צום באַדויערן פאַרמאָגט ניט דער „חשבון" אַזויפיל פּלאַץ צו דרוקן אַלע בריוו. מוז איך זיך באַגנוגענען בלויז מיט גאָר קורצע אויסצוגן פון נאָר עטלעכע, פון די דאָזיקע בריוו. אָט זיינען זיי:

### חיים גראַדע:

„. . איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אים (צוקערמאַנען) צו זען אין זיין קולטור־אינטערעס און נאָך מער אין זיין מענטשלעכקייט. בעת איך בין לעצטנס געווען אויף מיין טור אין ל. א. און בין מיט חבר צוקערמאַן אַרומגעפאָרן, פלעגט ער עטלעכע מאָל דורכן טאָג אַריינפאָרן צום טויט־קראַנקן אליהו טענענהאָלץ. איך האָב געזען ווי שיין און פיין און מיט וויפל איבערגעגעבנקייט, אָבער אויך מיט וויפל אינערלעכער ליכטיקייט, וואָס זאָל ניט פרעסן אויפן חולה. חבר שלמה צוקערמאַן איז מקיים די מיצווה פון ביקור חולים, ניט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל אין זעלבן טאָג. איך האָב געזען מיט וויפל דאַנק און ליבשאַפט דער קראַנקער האָט

אים אויפגענומען, און אויך מיר האָט זיך פאַרגלוסט צו קענען טאָן אַזאַ גוטע זאַך אויף אַזאַ פיינעם אופן. אָט דעם פאַל ברענג איך בלויז ווי אַ ביישפּיל, ווייל איך ווייס און פאַרשטיי, אַז אַזעלכע טיף־מענטשלעכע האַנדלונגען זיינען איין צוקערמאַנס נאַטור. ווינטש איך אים, אַז ער זאָל אין איינעם מיט זיין חברה האָבן אריכת ימים, און שלמה זאָל נאָך לאַנגע יאָרן זיין אַזוי רירעוודיק, פול מיט הומאָר און אויך פול זיין ווי אַ מילגרוים מיט מיצוות, מיט יידישע מעשים טובים.״

## אריה שנון / ישראל.

״... דאָס יידישע פאָלק איז געבענטשט, וואָס ביי אים זיינען געבוירן געוואָרן אַזעלכע זין ווי שלמה צוקערמאַן. אונדזער דור קאָן זיין שטאָלץ, וואָס ער האָט זוכה געווען צו אַזאַ טיפּ פון אַ געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן עסקן. שלמה צוקערמאַן פאַרמאָגט די נשמה יתירה פון ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו זיין פאָלק און צו דער יידישער קולטור.״

## חנה קלמן / ישראל:

״... געבענטשט איז די געזעלשאַפט וואָס האָט צווישן זיך אַזאַ פריינד און חבר ווי אונדזער שלמה צוקערמאַן, אַ מענטש וואָס האָט ליב מענטשן, איז אַלע מאָל גרייט באַהילפיק צו זיין יעדן וואָס איז אין אַ נויט. זיין הויז איז אַלע מאָל אָפן פאַר פריינד און באַקאַנטע.״

צום באַדויערן דערלויבט מיר מער ניט דער פלאַץ צו ציטירן אויסצוגן פון נאָך בריוו מיט באַגריסונגען און גוטע ווונטשן פון שלמה צוקערמאַנס פריינד און באַקאַנטע. אַ סך פון זיי האָבן זייערע באַגריסונגען געדרוקט אין ״יידישן קעמפער״ און ס׳איז ניט כדאי זיי דאָ איבערצודרוקן. איך מוז אָבער דאָ יאָ דערמאָנען עטלעכע נעמען, וואָס האָבן צוגעשיקט באַגריסונגען, וואָס זייערע באַגריסונגען זיינען אין ״יידישן קעמפער״ ניט דערשינען און וואָס דאָ אין ״חשבון״ איז אויך ניט מעגלעך זיי צו דרוקן. זיי זיינען:

**מרדכי פוטערמאַן**
**צדוק זינגער**
**טוביה בוכבלעטער**
**אסתר און ד״ר מ. סטאַוואָראָווסקי**

זיי אַלע ווינטשן שלמה און ציליע צוקערמאַן אריכת ימים, אַל דאָס גוטס, און הלוואי זאָל עס מקויים ווערן, אָמן.

אברהם שניידער

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

## אינסטאַלירט פאַרוואַלטונג פאַרן נייעם זמן

די נייע אויסדערוויילטע פאַרוואַלטונג איז אויסדערוויילט געוואָרן מיט אַ צייט פריער, אָבער איר אינסטאַלירונג האָט זיך פאַרשפּעטיקט איבער אַלערליי סיבות, און זי איז פאָרגעקומען שבת אָוונט, דעם 5טן פעברואַר, 1972.

פאָרזיצער: שלמה צוקערמאַן.

דער פאָרזיצער דערקלערט, אַז דער סדר־היום באַשטייט פון:

א) אויסדריקן אנערקענונג און דעם געפיל פון דאַנקשאַפט צו די באַאַמטע, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון זייער טעטיקייט;

ב) פאָרשטעלן די נייע באַאַמטע און פאַרוואַלטערס;

ג) אַ באַריכט וועגן מצב פון קלוב.

אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער פון קלוב דריקט אויס דער פאָרזיצער, חבר צוקערמאַן, דאַנקשאַפט צו סעם לעווין פאַר זיין אויסערגעוויינלעך גוטער און איבערגעגעבענער טעטיקייט לטובת דעם קולטור־קלוב טראָגנדיק אויף זיך דעם שווערן יאָך ווי דעם קלובס פינאַנץ־סעקרעטאַר.

אין די לעצטע קריטישע יאָרן פונעם קולטור־קלוב איז דער יאָך פון פינאַנץ־סעקרעטאַר געווען נאָך שווערער איידער ווען עס איז פריער, אָבער חבר לעווין האָט דורך זיין טעטיקייט באַוויזן איבערצוקומען אַלע שטרויכלונגען און די חברים דריקן אים אויס דערפאַר אַ האַרציקן דאַנק.

חבר לעווין איז אַ מיטגליד פונעם קלוב שוין 30 יאָר, און הגם ער גיט אויף איצט זיין טעטיקייט ווי דער פינאַנץ־סעקרעטאַר, בלייבט ער אָבער אין דער פאַרוואַלטונג און וועט נאָך ממשיך זיין זיין טעטיקייט לטובת דעם קלוב.

מיט אַ באַגריסונג צו חבר סעם לעווין איז אויך אַרויסגעקומען חבר תנחום ברייס, וואָס האָט אויך אויסגעדריקט שבחים צו סעם לעווין פאַר זיין טעטיקייט לטובת דעם קלוב אין משך פון די לעצטע 30 יאָר.

דערביי באַגריסט אויך תנחום ברייס שלמה צוקערמאַן צו זיין 75טן יובל־יאָר און גיט איבער אַ באַריכט ווי אָט דער יובל איז געפייערט געוואָרן דעם פריערדיקן שבת אָוונט אויף זייער אַ גרויסאַרטיקן שטייגער. די פייערונג איז אַראַנזשירט געוואָרן דורך שלמהס און זיין עזר־כנגדו׳ס, ציליעס, קינדער און אייניקלעך.

אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער פונעם קלוב, ווינטשט תנחום ברייס צום בעל־יובל און זיין עזר כנגדו נאָך אַ סך געזונטע, גליקלעכע און שעפערישע יאָרן.

דער צווייטער חבר וואָס ווערט האַרציק באַדאַנקט פאַר זיין טעטיקייט אין דער פריערדיקער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר שואל אָדעס, און דאָס וואָרט ווערט געגעבן צו חבר מאָריס דייטש.

חבר דייטש דערציילט וועגן דער פרוכפּערדיקער טעטיקייט פון סעם לעווין אין הירשביין־רויזענבלאַט צווייג פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, וווּ ער פירט אָן, מיט גרויס דערפאָלג, די טעטיקייט לטובת ישראל הסתדרות. אויך חבר שואל אָדעס האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פאַרבאַנד, וווּ ער איז געווען טעטיק זינט ער האָט זיך באַזעצט אין ל. א. און האָט געגרינדעט דעם עמק־צווייג פון דער באַוועגונג און האָט אים אָנגעפירט אין משך פון אַ סך יאָרן.

דער פאָרזיצער, חבר שלמה צוקערמאַן, גיט דערנאָך איבער אַ באַריכט, אַז דער פינאַנציעלער מצב פונעם קולטור־קלוב איז איצט זייער געדריקט, און דאָס איז מחמת דעם וואָס דער בנין פון קלוב געפינט זיך ווייט פון די געגנטן וווּהין די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אַריבערגעצויגן אין די לעצטע יאָרן.. אָבער ווי נאָר דער בנין וועט פאַרקויפט ווערן, וועט דער קלוב זיך אַריבערציען אויף אַ בעסערן אָרט און ער וועט צוריק אויפבליען אַזוי ווי ער איז אַלע מאָל געווען.

צום שלוס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ מוזיקאַלישער פּראָגראַם מיט דער באַטייליקונג פון די שימעל שוועסטער.

די נייע פאַרוואַלטונג פונעם קולטור־קלוב באַשטייט איצט פון די וויכטערדיקע חברים און חברות:

### באַאַמטע

(לויטן אלף־בית).

נתן אזאָלין, ביבליאָטעקאַר
עמנואל גאָלדפאַרב, פינ. סעקרעטאַר
סעם לעווין, טרעזשורער
סאָניע פאַרבער, הויז פאַרוואַלטערין
יעקב פרידמאַן, פּראָט. סעקרעטאַר
בלומע שטיינבערג, קאָר. סעקרעטאַר

### פאַרוואַלטונג

(לויטן אלף־בית).

שמואל ברייגין
תנחום ברייס
שמחה גרעי
שמואל ווייס
זלמן זילבערצווייג
י. ש. טויבעס
יוסף ליוואַק
זיגמונט לעוו
דוד מאַרסעל
גאָסי סאַרטאָ
אַריה פאָזי
שלמה צוקערמאַן
יצחק קאָלער
משה קאַפּלאַן
אַלעקס ראָבין
אברהם שניידער